STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10363

YIDISHE MAMES TSUM GEDENKEN

Pinhas Shtaynvaks

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פנחס שטיינוואַקס

יידישע מאַמעס צום געדענקען

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

147

רעדאקטאָר:

מארק טורקאָוו

פארלאגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

די רשימה פון די דערשינענע ביכער — צום סוף פונעם בוך

פּנחס שטיינוואַקס

יידישע מאַמעס צום געדענקען

✶

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס־איירעס, ה׳תש״כ — 1959

דרוקעריי ברידער זלאָטאָפּיאָראָ — סאַן לואיס 3149 — בוענאָס־איירעס

אינהאַלט:

הקדמה	7
זלאַטע־מינדל	9
באַשקעלע	19
ביילע ריקלס	27
חוסל	33
קריינדעלע	41
הודעס	51
שרה־עלקע	59
עדול־ביילע	69
בריינע טויבע	79
חנה־גיטלס	87
בלימע	95
רייצע	107
ראָכע־לאה	115
פרומע	127
העניע	139
צירל	149
צביה	161
חנה־יסתר	169
העניע	183
שרה־העניע	195

הקדמה

דאָס בוך „ייִדישע מאַמעס" איז דאָס צווייטע פון דער סעריע: „יידן צום געדענקען". דאָס דריטע, וואָס גרייט זיך צום דרוק וועט טראָגן דעם נאָמען: „ייִדישע קינדער". צוזאַמען וועלן די דריי ביכער פאָרשטעלן אַ טרילאָגיע פון געשטאַלטן פון ייִדישן לעבן פון אונדזער נאָענטן עבר.

די געשילדערטע ייִדישע מאַמעס אין דעם בוך האָבן מיט זיך פאַרגעשטעלט טיפן, אַרויסגעוואַקסענע פון אַ לעבנס-שטייגער וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט מידות און מעשים טובים, מיט עכטער און אמתער ייִדישער גוטסקייט.

דאָס פאַרצייכענען די געשטאַלטן פון „ייִדישע מאַמעס" איז דערמוטיקט געוואָרן פון פריינד **יצחק גלאַזער**, — דעם רעדאַקציע-סעקרעטאַר פון „די ייִדישע צייטונג", וועמען איךווידמע דאָס בוך אין צייכן פון מיין טיפער דאַנקבאַרקייט צו אים.

איך דאַנק די פריינד מאַרק טורקאָוו און אברהם מיטעלבערג — דעם רעדאַקטאָר און לייטער פון פאַרלאַג „דאָס פוילישע ייִדנטום" פאַרן אַרויסגעבן דאָס בוך.

דער מחבר.

זלאַטע־מינדל, די באָבע

— עס, יהודיתקע, עס! פּאָלג דער באָבען מיין קינד און עס. נעם אַ לעפל געקעכץ אין מויל אַריין און נעץ אָפּ דאָס מעגעלע. האָסט דאָך נאָך היינט גאָרנישט געגעסן, דאָס העלדזעלע וועט דאָך דיר פאַרטרוקנט ווערן. נאַ, נעם מיין קינד און עס. די באָבע האָט ניט קיין כוח דיר נאָכצולויפן. יהודיתקע, מיין קינד, הייב אויף דעם שטעקן פון דער ערד און דערלאַנג אים מיר אין האַנט אַריין, אָן אַ שטעקן קאָן דאָך דיין באָבע נישט גיין. זעסט, יהודיתקע, אַז דו וועסט עסן, וועסטו אויסוואַקסן גרויס און שיין, פונקט ווי דיין מאַמע און דו וועסט זיין אַ דאָקטער ווי דיין מאַמע, וועסט היילן מענטשן און אַלע וועלן דיך ליב האָבן. יהודיתקע מיין קינד, אַז איך בין געווען אַ קליינע, האָב איך אויך נישט געוואָלט עסן, מוז איך איצט זיך אָנשפּאַרן אין אַ שטעקן און אָן דעם שטעקן קען איך קיין פוס נישט שטעלן און קיין טריט נישט גיין.

ביי די ווערטער האָט זיך זלאַטע־מינדל פאַרטראַכט, האָט אַוועקגעלייגט דעם וויַיז־פינגער אויף דער גאָמבע, האָט פאַרקנייטשט דעם שטערן און אַ שפּאַציר געטאָן איבער איר פאַרגאַנגענהייט אין דער מחשבה. דעם שפּאַציר האָט זי געקענט מאַכן אָן אַ שטעקן. די אויגן זענען איר נאַס געוואָרן טראַכטנדיק: אַ וווּנדער, אַז איך בין פּאַראַליזירט, אַ חידוש, וואָס הענט און פיס ראַנגלען זיך ביי יעדער באַוועגונג, איי, ס׳אַראַ לעבן כ׳האָב עס געהאַט, ווײ און ווינד איז צו אַ מאַמען, וואָס דאַרף אָפּפינצטערן אירע יאָרן צווישן די קברים אויפן גוטן אָרט. מער צייט דאָרט פאַרבראַכט ווי אין דער היים. די אויגן האָבן זיך דאָך גאָרנישט אויסגעטריקנט פון וויינען. פון טיפן האַרצן האָב איך אויסגעשריִען מיין ווייטיק צו גאָט און ביי אים געבעטן: „רבונו של עולם, נעם אַוועק פון מיר דעם צאָרן און לאָז מיינע קינדער לעבן, אַז

דו האַלטסט שוין יאָ אָפּן מיין טראַכט, אַז דו האָסט מיך שוין יאָ מזכה געווען מיטן זכות צו ברענגען קינדער אויף דער וועלט, היינט פֿאַרוואָס לאָזטו מיר נישט זיין קיין מאַמע צו זיי, פֿאַרוואָס נעמסטו זיי ביי מיר אַוועק קליינער־הייט, טאַטע זיסער אין הימל, וואָס האָבן דען געטאָן די קליינע קינדער, זיי זענען דאָך גאָר קיין זינד נישט באַגאַנגען, היינט פֿאַרוואָס נעמסטו זיי אַוועק פון מיר? אויב געזינדיקט האָב איך דאָך מסתמא, היינט, ליבער גאָט, לאָז די קינדער לעבן, לאָז זיי אויסוואַקסן און לערנען דיין הייליקע תורה. לי־בערשט נעם דער מאַמען אַוועק. אַנשטאָט איך זאָל זיי באַוויינען און באַ־קלאָגן, זאָלן זיי בעסער מיך באַוויינען. אַזוי איז דאָך דער סדר־העולם, אַ דור גייט און אַ דור קומט. פֿאַרוואָס האָסטו מיך פֿאַרמשפּט, רבונו־של־עולם, צו האָבן קינדער און קיין מאַמע צו זיי נישט זיין, צו זיין אַ מאַמע פון טויטע קינדער? אוי־ווי, ביטער איז מיר מיין לעבן, איך בין דאָך געגליכן צו אַ צווייגל, וואָס קען די בלעטער אויף זיינע אָרעמס נישט איינהאַלטן און זיי פֿאַלן אַראָפּ. אַזוי בין איך. מיינע אָרעמע צווייגעלעך, מיינע עופּהלעך האַלטן זיך נישט ביי מיר. דער ליבער נאָמען נעמט זיי פון מיר אַוועק. הימל און ערד העלפט מיר קלאָגן אויף מיין צער, העלפט מיר באַוויינען מיינע יאָרן, וואָס גייען אַוועק אין אומגליק, פּיין און ווייטיק. טייערער פֿאָטער אין הימל, לאָז מיר זוכה זיין צו האָדעווען מיינע קינדער, זיי צו דערציִען, אַז זיי זאָלן דינען דיין ליבן נאָמען, פֿאַרשעם מיך נישט פֿאַר דיר און פֿאַר לייט, לאָז מיך זיין אַ מאַמע!״. אויף אַ מינוט האָט זי אָפּגעלאָזט די מחשבה, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם פון שפּאַציר אין איר פֿאַרגאַנגענהייט און ווידער אויסגעשריִען צו יהודיתקען: קינד מיינס, עס, ווי לאַנג וועל איך האַלטן דאָס ביסל גע־קעכץ? עס איז דאָך שוין אייז־קאַלט געוואָרן.

זלאַטע־מינדל האָט געהאַט גרויסע צרות אויסצושטיין מיטן האָדעווען אירע קינדער. מען זאָל באַהיט און באַשירעמט ווערן; עס האָבן זיך ביי איר נישט איינגעהאַלטן קיין קינדער; אָדער זי האָט אין דריטן חודש געמפּלט, אָדער אַז זי פֿלעגט שוין יאָ אויסטראָגן אַ קינד, איז עס נאָך עטלעכע חדשים פּלוצים פֿאַרשלאָפֿט געוואָרן און אָפּגעשטאָרבן. דאָקטוירים האָבן יעדן טויט געגעבן אַן אַנדער אויסרייד: דאָס קינד איז געשטאָרבן פון טיפוס, אַן אַנ־דערס פון שווערע פּאָקן. זלאַטע־מינדל אָבער האָט אויף אַלע טויטן פון אירע

קינדער געהאַט נאָר איין נאָמען: גאָטס צאָרן האָט זיך אויף איר אויסגע־גאָסן.

זי האָט חלילה קיינעם נישט באַשולדיקט אין אירע צרות. זלאַטע־מינדל האָט אויף קיינעם נישט מתרעם געווען, האָט זיך געהיט אַרויסצו־ברענגען אויף אירע ליפּן אַ שווער וואָרט אויף אימיצן, כאָטש טיף אין האַרצן האָט זי געטראָגן אַ פּחד פּאַר אַ גוט אויג. אַוודאי האָט זי נישט אַרויסגעזאָגט אַ וואָרט חלילה קעגן גאָט ברוך־הוא אַליין.

— אויף וועמען זאָל איך דען פאַריבל האָבן אין מיין בראָך? — פלעגט זי צו זיך אַליין רעדן, האַלטנדיק די הענט אונטערן פאַרטעך און די אויגן געווענדט צום הימל — זאָל איך פאַריבל האָבן אויף מיין מאַמען, וואָס זי האָט מיך געבוירן? איר כוונה איז דאָך געווען אַ גוטע, זי האָט דאָך מקיים געווען דעם הייליקן געבאָט, אַז די וועלט זאָל נישט זיין וויסט, נאָר באַזעצט מיט מענטשן, וואָס זאָלן אָפּהיטן דיין הייליקן נאָמען. זאָל איך, חלילה, בייז זיין אויפן מזל, מיט וועלכן איך בין געבוירן געוואָרן? ווייס איך דאָך, טאַטע זיסער אין הימל, אַז אַלע מזלות טוען דיין געבאָט, פירן אויס דיין באַפעל צו וואָס דו האָסט זיי באַשאַפן. זאָל איך דען פאַריבל האָבן אויפן טאָג פון מיין געבוירן, אָדער אויף דעם מלאך וואָס האָט געהאַט צו שאַפן איבער דעם טראָגן פון מיין מאַמען? אויך זיי האָבן דאָך נישט מער ווי דערפילט אַ שליחות פון גאָט, זיי זענען דאָך געשיקט געוואָרן פון דיין געאַכפּערטן נאָמען. זייער דעה איז דאָך געווען, אַז איך זאָל זיין אַ רעכט באַשעפעניש צו דיין דינסט און אַז איך זאָל קינדער האָבן צו פאַרמערן די וועלט און צו לויבן דיין ליבן נאָמען. איך קען דעריבער אויף קיינעם נישט ברוגז זיין און קיינעם חלילה נישט באַשולדיקן, סיידן זיך אַליין, וואָס איך האָב זיך פאַרזינדיקט און פאַרשולדיקט צו דיר גאָט מיין באַשעפער.

פאַרטאָגס, כעלות הבוקר, ווי נאָר זי האָט אויפגעעפנט אירע אויגן און אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער, איז זלאַטע־מינדל אַוועקגעלאָפן אויפן בית־עולם און ביי די קברים פון אירע אבות, ביי די קברים פון אירע קינדער און ביי די קברים פון גוטע יידן זיך אויסגעטענהט מיטן רבונו־של־עולם. זי האָט געערעדט הויך אויפן קול און דערביי פאַרגאָסן טייכן טרערן, וואָס האָבן שיער נישט דורכגעלעכערט די שטיינערנע מצבות. זלאַטע־מינדל האָט ניט געגעסן און ניט געטרונקען, האָט געפאַסט תעניתים און מיט אַ צעווייטיקט

האָרץ האָט זי געבעטן ביי גאָט, אַז אין זכות פון חנה — אין זכות פון די דריי מצוות, וועמענס ראשי־תיבות זענען „חנה״, וואָס באַטייט: די מצווה פון חלה, די מצווה פון נידה און די מצווה פון הדלקת הנרות — פון ליכט־צינדן, מיט וואָס יעדע ייִדישע פרוי איז געבאָטן געבאָרן, זאָל זיך דער אייבערשטער דערבאַרעמען אויף איר און איר לאָזן אויסהאָדעווען די קינדער.

ערשט ביים אַכטן קינד האָט דער רבונו־של־עולם דערהערט זלאַטע־מינדלס געבעט און באַפוילן די מלאכים מיכאל און גבריאל, אוריאל און רפאל, זיי זאָלן אַכטונג געבן, אַז דער שטן זאָל ניט האָבן מער קיין שליטה אויף איר קינד.

זלאַטע־מינדל האָט נישט געהאַט קיין גרינג לעבן. איר טאַטע, ר׳ בנימין דער שוחט, וואָס האָט געקענט מיט איין האַנט אויפהייבן די גרויסע באַנק אין אַלטן בית־המדרש, אַט די באַנק, וואָס איז געשטאַנען אין דער רעכטער זייט פון ארון־קודש, אויף וועלכער דער מרא דאתרא איז געזעסן, — איז פּלוצים אָפּגעשטאָרבן, ווען ער איז נאָך קיין גאַנצע צוואַנציק יאָר נישט אַלט געווען. געשען איז דאָס אין טאָג פון זלאַטע־מינדלס געבוירן. זי האָט זיך געהאָדעוועט ביי איר מאַמע חנה און ביים שטיף־פאָטער ר׳ שמעון־יאָסל. ר׳ שמעון־יאָסל האָט זלאַטע־מינדלען טייער געהאַלטן, ווי אַן אייגן קינד ממש. אַז זי איז אַביסינקע עלטער געוואָרן האָט ער איר אַלע פּרייטיק געצוואָגן דעם קאָפּ. עס איז ביי אים ניט געווען קיין אונטערשייד צווישן זיין טאָכטער סערקע און דער שטיף־טאָכטער זלאַטע־מינדל און די אַנדערע זין: יצחק, יאַנקל און דער מוזיקאַנט מרדכי־הערש. אַלע קינדער האָבן ביי ר׳ שמעון־יאָסלען געהאַט די זעלבע דאָליע. וואָס מ׳שטיינס גע־זאָגט האָבן זיי געקענט דערוואַרטן ביי אַ טאַטן, וואָס האָט מפרנס געווען די משפחה פון פונאַנדערטראָגן מילך איבער די הייזער און פאַרקויפן אויפן קוואַרטירל? גאַנץ פרי פלעגט ר׳ שמעון־יאָסל אַרויסרייטן אויף זיין אייזעלע אין די שכנותדיקע דערפער, מיט צוויי קאַנען צוגעבונדן צו ביידע זייטן; ער האָט אין דאָרף גלייך פון די בהמות אַריינגעמאָלקן די מילך אין די קאַנען, אַזוי אַז די מילך זאָל זיין כשר. שפּעטער האָט ער אין שטעטל די מילך צעטראָגן פון גאַניק צו גאַניק, פון איין שטוב אין דער צווייטער. קיין גרויסע פרנסה האָבן די צוויי קאַנען מילך ניט אַריינגעבראַכט, דערפאַר

אָבער איז די פּרנסה געווען אַן ערלעכע. ראשית האָט ר׳ שמעון־יאָסל אַכטונג געגעבן אויף דער מאָס, ער האָט צוגעפּילעוועט, אַז די שוים פון דער מילך זאָל זיך נישט מעסטן, נאָר די אמתע מילך, ער האָט אויך מדקדק געווען, אַז די פּויערים, ביי וועמען ער האָט די מילך פון די בהמות געקויפט זאָלן קריגן באַצאָלט פאַר אַ ריכטיקער מאָס.

די ייִנגלעך זיינען יונגערהייט, נאָך פאַר בר־מצווה, אַוועק אין די ישיבות לערנען און די מיידלעך, זלאַטע־מינדל און סערקע, האָבן יונג חתונה געהאַט. צו 16 יאָר איז זי שוין געווען פאַרקנסט. נאָך דער חופּה איז אויסגעבראָכן דער טערקיש־רוסישער קריג און צום טאָג, ווען עס איז איר געבוירן געוואָרן דאָס ערשטע קינד, האָט מען זלאַטע־מינדלס מאַן אַוועקגענומען אין מיליטער און ער איז אַוועקגעגאַנגען מלחמה האַלטן מיטן טערק. זלאַטע־מינדל האָט זיך מיטן קינד מפרנס געווען, דערפון וואָס זי האָט איר מילך צעטיילט צווישן צוויי קינדער. זי איז, הייסט עס, געוואָרן אַן אַם ביי פראַדל די שיך־קרעמערין. דערפאַר האָט זי באַקומען דירה מיט קעסט און זי האָט געהאָדעוועטביידע קינדער, איר קינד און פראַדלס קינד. אין דער פרייער צייט, נאָך דעם ווי די קינדער זענען איינגעשלאָפן און געלעגן רויק אין די וויגעלעך, האָט זלאַטע־מינדל אויך צוגעהאָלפן פראַדלען אין דער שטוב־אַרבעט; זי האָט געקאָכט און געבאַקן, געררוימט די שטוב, געצירעוועט און גענייט, געוואַשן און געוועלגערט. עס האָט נישט געפעלט וואָס צו טאָן ביי פראַדלען; זי האָט געפירט אַ גרויסע ווירטשאַפט, אַ מלכות אַ גאַנצע. אַ שטוב מיט זיבן קינדער, איינס קלענער פאַרן אַנדערן און פראַדל אַליין האָט נאָך געפירט אַ קראָם מיט שיך.

— מיין עסן ביי פראַדלען האָב איך זיך כשר פאַרדינט — פלעגט זלאַטע־מינדל דערציילן — דאָס קינד האָט געצויגן די אָדערן, האָט קיין טראָפן מילך נישט געלאָזט אויף קיין סימן. פון מיין מילך איז טאַקע ביי פראַדלען אויסגעוואַקסן אַ מויד אַ וויעפּש. פראַדל אַליין האָט אויך געברענט און גע־בראָטן די טריט. זי האָט קיין מינוט נישט געלאָזט שטיין לײדיק, פלעגט אַריינלויפן פון קראָם ווי אַ פאַרסמטע און הייסן אַרבעטן. אַלע מינוט האָט זי געהייסן טאָן עפּעס אַנדערש: דאָ אָנפּילן אַ העלדזל צום מערן־צימעס, דאָ אָנשיילן קאַרטאָפל, דאָ אויסזאַלצן דאָס פלייש און דאָ פלוצים האָט זי גאָר אַרויפגעוואָרפן איר פּאַטשיילע אויף מיינע אַקסלען און געשיקט צו

לאה־באַשעס קויפן צימרינג, זאַלץ און נאַפט. איז אין קראָם געווען פּוסט פון קונים, האָט פראַדל נישט גערוט: אַריינגעלאָפן אין שטוב און אַרויס־געלאָפן פון שטוב, דערביי יעדעס מאָל מיט אַנדערע באַפעלן. פראַדל אַליין איז געווען אַ גרויסע בריה. זי האָט באַוויזן, אי צו פירן אַ קראָם און אי צו פירן אַ שטוב מיט פיצלעך קינדער. אויף איר מאַן האָט זי זיך גאָרנישט געקאָנט פאַרלאָזן, נישט אין קראָם און נישט אין שטוב. אַ בטלן אַ ייִד געווען. געצל האָט מען אים גערופן. גאַנצע טעג איז ער געזעסן אין בית־מדרש און געלערנט. אַ לערנער איז ער געווען אַ גרויסער. ביי שווערע שאלות, אָדער דין־תורהס האָט אים ר׳ מרדכילע, דער מורא־הוראה, גערופן זיך מיישב זיין. נישט איינמאָל האָט פּאַסירט, אַז שפּעט אין אָוונט, ווען געצל איז געקומען פון ר׳ מרדכילעס בית־דין־שטוב פון אַ שווערער שאלה אָדער דין־תורה, פלעגט ער נאָך אָפּזיצן שיינע עטלעכע שעה ביי ספרים און מיט אַ פאַרמוחטן שטערן אַריינקלערן. איך פלעג אים נאָך דערלאַנגען אַ גלאָז טיי מיט אַ ביסל געפּרעגלטע קאַרשן. געצל פלעגט זיך אַזוי איינ־נורען אין די ספרים, אַז מען האָט גאָרנישט געזען קיין צורה פון קיין מענטש, ווי ער וואָלט זיך צונויפגעגאָסן מיטן ספר. שפּעטער ערשט, ווען ער האָט געפּאַקט זיינס, האָט ער זיך מיט שטאָלץ אויפגעהויבן פון בענקל, האָט צעצויגן דעם צעמאַרטשעטן שטערן, אויסגעגלייכט די פּלייצעס און אַרומשפּאַצירט איבער די לענג פון חדר ווי אַ זיגער, איז די נאַכט שוין נישט געשלאָפן, איז געלעגן אויפן געלעגער און געוואַרט דער טאָג זאָל שוין אָנקומען, ער זאָל קענען אויף שנעל, גלייך נאָך נעגל־וואַסער, אַרי־בערלויפן צו ר׳ מרדכילען און אים ברענגען אַ פאַרטיקן פּסק אָדער תשובה.

געצל איז פון צו פיל אָנשטרענגען דעם מוח פאַרשלאַפט געוואָרן און איז, מען זאָל באַהיט און באַשירעמט ווערן, ניט געוואָרן. פראַדל האָט אים שטאַרק באַדויערט. ערשט נאָך זיין טויט האָט זי דערפילט דעם גרויסן פאַרלוסט. ביים לעבן האָט זי טאַקע פון אים נישט געהאַלטן, האָט אים אָנגערופן מיט כלערליי צונעמענישן. בטלן איז שוין געווען דער מעסיקס־טער צונאָמען, אָבער, אַז געצל איז ניט געוואָרן, האָט פראַדל ערשט דער־זען, אַז זי האָט פאַרלוירן די קרוין פון שטוב. פריִער האָט זיך די שטאָט מיט איר גאָר אַנדערש גערעכנט. איין קלייניקייט געצל. אין דער סוחרי־

שער וועלט האָט מען אים געקענט אַלס פּראַדלס מאַן, דערפאַר אָבער צווישן לומדים, פרומע יידן, איז פּראַדל געווען ר׳ געצלס ווייב.

אַ שוואַכע פרוי איז געווען זלאַטע־מינדל. פון יונגווייז אָן האָט זי זיך געפילט שוואַך, כאָטש לויטן אויסזען וואָלט קיינער אויף איר נישט געזאָגט, אַז זי איז אַ קראַנקע. אַ פולע פרוי, מיט אַ רונדן קערפּער, אַ לענגלעך פּנים און אַ קאָפּ האָר, ווי סאַמעט שוואַרץ, שיינע ווייסע ציינער און טיפע ברוינע אויגן, אַ געטאָקטע נאָז און ברייטער שטערן, וואָס האָט זיך קוים אַרויסגעזען פון אונטערן טיכל, מיט וואָס זי האָט געהאַלטן פאַרדעקט אירע סאַמעטענע האָר. זלאַטע־מינדל האָט זיך באַקלאָגט אויף פאַרשידענע מיחושים, איז געגאַנגען צו דאָקטוירים, איז געפאָרן מיט קוויטלעך צו גוטע יידן און איז דעם גאַנצן לעבן פאַרבליבן אַ שוואַכע. נישט איין דאָקטער האָט איר אָפּגעזאָגט דעם לעבן, אָבער דער רבונו־של־עולם האָט זיך געהאַט זיין חשבון און האָט אָנגעהאַלטן ביי איר דעם לעבנס־אָטעם. וואָס עס איז זלאַטע־מינדלען געווען האָט קיין דאָקטער זיך נישט געקענט פונאַנדערקלייבן. זיי האָבן שוין צוגעטראַכט קרענק. פעלט דען נעמען אויף קראַנקייטן, זאָל אַזוי פעלן אַ ישועה אויף יידן — פלעגט זלאַטע־מינדל זאָגן. אָפטמאָל האָט מען זי געזען ליגן דאָ מיט וואַרעמע שטערצלעך אויפן בויך און דאָ מיט קאַלטע קאָמפּרעסן אויפן שטערן. זי פלעגט איינבעצן אַ טיכל און אין די עקן אַריינלייגן די פּליטשן פון אַ צעשניטענער קאַרטאָפל און אַזוי האַלטן אויפן שטערן און ביי די שלייפן. אין צייט פון יסורים האָט זלאַטע־מינדל געהאַלטן די אויגן פאַרמאַכט, די ליפּן פאַרשטייפט, מיט אַ שווערער גרימאַסע אויפן געזיכט, אָבער אָן אַ קרעכץ, קיין פּיפּס נישט פון איר מויל. אַז מען האָט זי געפרעגט וואָס איר איז, האָט זי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און ניט געענטפערט, פלעגט אָפּליגן אויף דער שלאָף־באַנק אַ פּאָר שעה, שפּעטער אַרונטערגיין, אַראָפּנעמען דאָס נאַסע טיכל פון שטערן, אַפּירנעמען פון אונטערן פאַרטעך דאָס שטערצל און זיך נעמען צו דער שטוב־אַרבעט. זי האָט תמיד געהאַט וואָס צו טאָן אין שטוב. ראשית דאָס אָפּהיטן די צוויי שטיקלעך קינדער, וואָס זענען איר פאַרבליבן פון ניין. בייטאָג און ביינאַכט האָט זי איבער זיי געוואַכט, איבער ביידע שוואַלבן אירע, זי האָט זיי געהיט ווי די שוואַרץ־אַפּלען פון די אויגן: ראַשע־מרימען, די בת־יחידה און פּיניעלען — דעם בן־יחיד. אין שווערע צייטן האָט

זלאַטע־מינדל נאָך אויך צוגעהאָלפן דעם מאַן אין דער פּרנסה. זי פלעגט מיט אים מיטגיין אין די דערפער און אויסבייטן ביי די פּויערים נאָדלען, פּאַסמעלעך באַנוול און ציפּקעס פאַדים, קנעפּלעך, זאַטשעסקעס, גראַפּקעס און קאָפּ־טיכלעך אויף קאַרטאָפל, ציבעלעס, קרענצלעך קנאָבל, קרויט, מערן, בוראַקעס, אייער און האָניק. דערביי האָט זי נאָך געהאָלפן דעם מאַן איינקויפן אַלטע שטיוול, אַלטע פעלצן און פאַרשידענע פעלעכלעך.

זונטיק אין דער פרי איז זלאַטע־מינדל מיט איר מאַן אַוועק איבער די דערפער און געקומען צוריק דאָנערשטיק אָדער פרייטיק פאַרנאַכט, פאַר ליכט־צינדן; אַוועקגעגאַנגען מיט אַ פּאַק אויף די פּלייצעס און גע־קומען צוריק מיט אַ פּאַק אויף די פּלייצעס; אַ וווּנדער, אַז זי האָט זיך געקאָרטשעט פון יסורים. מיט וואָס מ'שטיינס געזאָגט איז זי דען אָפּגע־קומען אַ גאַנצע וואָך אויף די דערפער? בלויז מיט אַ שטיקל טרוקן ברויט מיט וואַסער. אָן איי האָט זי זיך געזשאַלעוועט אָפּצוקאָכן, האָט עס בעסער באַהאַלטן צו ברענגען פאַר די קינדער.

אויף די עלטערע יאָרן האָט זלאַטע־מינדל געהאָדעוועט די אייניקלעך, האָט אַכטונג געגעבן אויף ראַשע־מרימס קינדער, אַפילו פּאַראַליזירטער־הייט האָט זי נישט אָפּגעטאָן איר אויג פון זיי, מיט די לעצטע כוחות, מיטן שטעקן אין האַנט, שלעפּנדיק די פיס, וואָס האָבן זיך קוים באַוועגן, מיט גרויס יסורים און שוועריקייטן האָט זי געציטערט איבער אירע אייניקלעך. ווען עס האָט איר אין קאָפּ געשווינדלט, און איר שווער לעבן איז איר דורכ־געגאַנגען דורך אירע רעיונות, אַ שווער געליימטע, האָט זי אין איין האַנט געהאַלטן דעם שטעקן און אין דער צווייטער אַ ביסל געקעכץ און זיך גע־בעטן ביי יהודיתקען, איר אייניקל: — עס מיין קינד, עס! נעם אין מויל אַ לעפל געקעכץ, אַ מאַמע זאָלסטו זיין!!!

באַשקעלע גוט־שבת

אַ קליינינקע, אַ זשוואַווינקע, מיט אַ דאַר אויסגעצויגן פּנימל, אַ פּלאַ־טשיק נעזל און איינגעפּאַלענע אויגן, מיט שמאָלע ליפּעלעך, מיט צוויי ציין אין מויל און מיט פֿאַרוואַקסענע בראָדעווקעס אונטער די נאָזלעכער, מיט קליינע אויערן און אַ שמאָל שטערנדל, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פֿון אונטערן שייטל, מיט אַ פּאָר פּאַסן גרויע האָר אין די זייטן, — דאָס איז געווען באַשקעלע.

באַשקעלע איז ניט געגאַנגען, נאָר געלאָפֿן. די קליינע פֿיסעלעך האָבן מיט איילִיקע טריט געטראָגן איר דאַרן קערפּער ווי אין דער לופֿטן, פֿייל פֿון בויגן ממש. אָט איז זי אויפֿן שול־הויף, און אָט זעט מען זי שוין ביי חיה דער גענדזלערקע נעמען פֿעדערן אויף צו פֿליקן, וואָס זי פֿלעגט אַהיימ־טראָגן אין אַ ציכל פֿון אַ קישן.

באַשקעלע גוט־שבת האָט מען זי גערופֿן אין שטעטל. דאָס איז נישט געווען סתם קיין צונאָמען, נאָר האָט געהאַט צו טאָן מיט באַשקעלעס נשמה, מיט איר געמיט. זי האָט זיך געפֿילט גוט אין שבת. אַ גאַנצע וואָך האָט זי געבענקט נאָך דעם הייליקן שבת. די ערשטע דריי טעג אין דער וואָך, האָט זיך באַשקעלע געפֿילט עפּעס ווי פֿאַראומערט, אומעטיק, אָן אינטערעס. ווי גיך נאָר עס איז געקומען דער מיטוואָך, און די וואָך האָט זיך אָנגעהויבן פֿאַרנייגן לכבוד דעם הייליקן שבת, איז באַשקעלע געוואָרן פֿריילעכער, איר צורה האָט אָנגעהויבן אויסזען יום־טובדיק. עפּעס האָט באַשקעלע דערפֿילט, אַז איר לעבן הייבט אָן באַקומען אַן אַנדער זין. איין קלייניקייט, זיך גרייטן אויפֿצונעמען דעם הייליקן שבת.

די ערשטע דריי טעג אין דער וואָך, ווי נאָר זי פֿלעגט אין דער פֿרי אָפּגיסן נעגל־וואַסער און אָפּזאָגן „מודה אני“, האָט זי גענומען דעם קרבן־

מנחה־סידור אונטערן אָרעם און אַוועק אין בית־מדרש אַריין, דאָרט זאָגן די תחינה פון טאָג און דאַוונען מיט דעם ערשטן מנין, ווו חיים־איצל, דער בעל־עגלה איז געווען דער בעל־עמוד. אַנדערש אָבער איז באַשקעלע געגאַנגען אין בית־המדרש אַריין מיטוואָך אין דער פרי. זי איז ניט געגאַנגען, נאָר געלאָפן, האָט געשפּאַנט מיט אייליקע טריט, האָט געדאַוונט מיט מער כוונה, האָט די תחינה פון מיטוואָך געזאָגט מיט מער כוונה, זי האָט אָנגעהויבן צו פילן די אָנקומענדע פרייד פון שבת. ווען זי פלעגט עפענען די אויגן נאָכן אָפּזאָגן די תחינות, איז חיים־איצל דער בעל־עגלה מיטן גאַנצן מנין ייִדן שוין פון לאַנג געווען אין דער היים און אָפּגעגעסן זייער אָנבייסן. באַשקעלע האָט זיך ניט געדאַרפט איילן אַוועקצוגיין פון בית־המדרש. זי האָט קיינעם אין שטוב ניט באַדאַרפט געבן קיין אָנבייסן. ניט קיין מאַן און ניט קיין קינדער. הערש־לייב, מיט וועמען זי האָט חתונה געהאַט בעת זי איז נאָך קיין פולע זעכצן יאָר ניט אַלט געווען, איז איר אָפּגעשטאָרבן ווען זי איז אַלט געוואָרן צוואַנציק יאָר. האָט זי איבערגעלאָזט אַן אַלמנה מיט צוויי פּיצלעך קינדער, ביידע ייִנגלעך, איינס האָט זי שוין געהאַט אַנטוויינט, און דאָס צווייטע האָט נאָך געצויגן פון דער ליידיקער ברוסט. הערש־לייב איז געווען אַ גיבור אַ ייִד. ער האָט געקענט מיט איין האַנט אויפהייבן דעם גרויסן טיש אין בית־המדרש, אָט דעם טיש, וואָס שטייט לעבן ארון־קודש, דאָרט ווי דער רב זיצט, ביי דער סאַמער מזרח־וואַנט. אָבער, אַז פּאַניע האָט אים באַדאַרפט נעמען צום פּריזיוו, האָט ער זיך פאַרקילט אַ זייט, אַלע מאַנ־טיק און דאָנערשטיק האָט מען אים באַדאַרפט צאַפּן וואַסער. פון פּריזיוו האָט ער זיך באַפרייט, אָבער ער איז אויך באַפרייט געוואָרן פון יאָך פון לעבן.

וואָס טוט מען מיט צוויי פּיצלעך קינדער, אַז מען ווערט אַן אַלמנה, מען זאָל באַהיט און באַשירעמט ווערן? מען דאַרף דאָך איינהאַלטן די נשמה ביי די עופהלעך. נו, איז באַשקעלע געוואָרן אַן אַם. עס הייסט, זי האָט צוגע־זויגן אויך אַ קינד ביי פראַדל די גלעזעריך, וועלכע האָט אַליין נישט געקאָנט קאָרמען איר קינד, ווייל גלייך נאָכן קימפּעט האָט זיך איר געמאַכט אַ געשוויר אויף אַ ברוסט און מען האָט דעם געשוויר געמוזט אויפהאַקן. פון דעם געשוויר האָט זיך שפּעטער אָנגעקליבן מאַטעריע אין דער ברוסט און דער דאָקטער האָט נישט געהייסן געבן דעם קינד צו זויגן. באַשקעלע אַליין האָט טאַקע קיין סך מילך ניט געהאַט אין אירע ברוסטן, וואָרעם פון

וואַנען האָט זי עס געזאָלט האָבן מילך? פון אירע גוטע עסנס? מער ווי אַ ביסל פּאָלעווקע האָט זי אין דער פרי נאָכן דאַווענען ניט געהאַט אין מויל, און מיט דעם איז זי אַרומגעגאַנגען דעם גאַנצן טאָג, ביז וועטשערע. דער־פאַר אָבער, אַז זי האָט באַדאַרפט זייגן פראַדל דער גלעזערקעס קינד, האָט שוין פראַדל געזאָרגט, אַז באַשקעלע זאָל עסן אַ גוטן מאָלצייט און אַ סך טרינקען. מיטן איבערבלייבעכץ פון פראַדלס קינד האָט באַשקעלע געזויגן אויך איר קינד. אָבער ניט צום פאַרזינדיקן — פלעגט באַשקעלע זאָגן — עס זענען קיין עין־הרע אויסגעוואַקסן צוויי בחורים, ווער מיר גוטס גינט. ברוך־מרדכי, דער עלטערער, האָט חתונה געהאַט צו אַכצן יאָר און האָט ברוך־השם געטון אַ גוטן שידוך. ער האָט גענומען לאָזער פּאַניעוועזשערס טאָכטער, האָט באַקומען נדן צוויי קעלבלעך מיט אַ קעראָסין־געוועלבל, און ער פאַרדינט אויף חיונה. גאָט פאַרלאָזט ניט — פלעגט באַשקעלע אויפהייבן די הענט צום הימל און לויבן דעם באַשעפער. ברוך האָט שוין ברוך־השם צוויי קינדער, אַ יינגל מיט אַ מיידל, ביידע שיינען. מער ניט, וואָס ברוך־מרדכי דאַרף ווינען אויפן דאָרף, און ער קלאָגט זיך תמיד, אַז ער דאַרף דאַווענען ביחידות, וואָרעם אין דאָרף איז ניטאָ קיין מנין. דער יינגערער זון לערנט נאָך אין אַ ישיבה, עסט טעג און העלפט צו אין די שפּעטע שעהן אַן איינבינדער איינבינדן ספרים, איז אי ער פאַרדינט אַ מצווה פון תיקון ספרים און אי ער פאַרדינט זיך צו אויף קויפן אַמאָל אַ פונט ברויט, אָדער אַ בראָ־קאָווענעם עפּל. ערגער איז מיט אַ מלבוש — פלעגט באַשקעלע דערציילן — זומער איז נאָך צו דערליידן. אָבער ווינטער איז טאַקע שווער. מען באַדאַרף אַ פּאָר שטיוול, עס זאָל אין זיי נישט אַריינרינען, אַ פּאַלטן, אַ פּאָר וואַרעמע הויזן און אַ וואַטע־וועסטל. איז, אַז עס קומט סוכות־צייט, שיידט זיך מיר טאַקע אָפּ די נשמה פון גוף. זי פלעגט זיך אָבער חלילה ניט באַקלאָגן. נישקשה, דער לעבעדיקער גאָט וועט העלפן. אגב — פלעגט באַשקעלע צו־געבן — האָט זי נאָך נישט געהערט פון איר לייבקען, אַז ער זאָל זיך חלילה באַקלאָגן. חיים־איצל דער בעל־עגלה האָט איר אַנומלט געבראַכט אַ בריוול פון לייבקען, אין וועלכן ער בעט דער מאַמען, זי זאָל זיך נישט דאגהן, עס איז — שרייבט ער — פאַראַן אַ גרויסער גאָט אין הימל, וועלכער איז אַ זן ומפרנס את הכול!

אַ גאַנצע וואָך האָט באַשקעלע געקענט איבערקומען מיט שהי־פּיה;

שבת איז אָבער גאָר אַן אַנדער ענין. שבת באַדאַרף מען אַפילו אין עסן דער־פילן אַ שבתדיקן טעם. אַזוי ווי דאָס אַריינברענגען דעם שבת אין שטוב איז געווען שווער ווי איינגעמען די וועלט, האָט באַשקעלע שוין פון מיטוואָך זיך אָנגעהויבן צו פאַרנעמען מיטן שבת. מיטוואָך האָט זיך ביי באַשקעלען אָנגעהויבן דער ערב שבת.

אין די ערשטע דריי טעג פון דער וואָך, ווי זונטיק, מאָנטיק און דינס־טיק, האָט נאָך באַשקעלע ווי עס איז אַריינגעבראַקט אַ סקאָרינקע אין הייס וואַסער, פאַרווייסט מיט אַביסל מילך, זיך אָפּגעקאָכט אַ קאַרטאָפל, פאַר־ריישט מיט אַ ציבעלע אין אַ ביסל לייַן־זוימען־אייל און איבערגעביסן. קיין דאַרע ברויט האָט באַשקעלע נישט געקענט עסן. פון ניט דערעסן זענען ביי איר די ציין אַרויסגעפאַלן. געבליבן איז ביי איר נאָר דער לינקער באַק־צאָן פון אונטן, און דער רעכטער באַק־צאָן פון אויבן. ביידע ציין זענען זיך ניט צונויפגעקומען. בייסן אויף זיי האָט זי ניט געקענט. זי האָט אירע ציין בכלל נישט געקענט נוצן צום עסן. דער לינקער, אונטערשטער באַק־צאָן האָט געביסן די אויבערשטע ליפּ און דער אויבערשטער באַק־צאָן האָט זיך איינגעגעסן אין דער אונטערשטער יאַסלע.

פון מיטוואָך אָן האָט שוין באַשקעלע אָנגעהויבן צו שפּאָרן אויף שבת. אָנשטאַט קויפן אַ פּאָר פונט קאַרטאָפל און אַ פונט איבערגעלייגן ברויט, האָט באַשקעלע בעסער די פּאָר גראָשנס געשפּאָרט אויף איינצוקויפן אויף שבת; אַ פערטל פונט סטינקעס צו קאָכן פון דעם פיש, אַ פערטל פונט לונג, אַ פלאַטשיקע חלה, עטלעכע געטרוקנטע יענגעלקעס און שבתדיקע ליכט. אַביסל פרישן געלן זאַמד האָט איר יעדן פרייטיק געגעבן העניע די קצבטע, וואָס האָט געווינט מיט באַשקעלען אין שכנות. פאַר דעם געשאַנק האָט באַש־קעלע אויסגעפוצט העניעס מעשענע לייכטער און אויסגעקערט די שטוב. באַשקעלע האָט קיין זאַך חלילה ניט גענומען ביי קיינעם אומזיסט.

קידוש האָט באַשקעלע געהערט ביי שלומען דעם קצב. נאָכן נאָכזאָגן אָמן איז באַשקעלע אַריין צו זיך אין שטוב, זיך געוואַשן און אָפּגעריכט די שבתדיקע סעודה, האָט געזאָגט די זמירות און געבענטשט בקול רם.

אַמערסטן צייט האָט באַשקעלען פאַרנומען דאָס גרייטן זיך צו ליכט־צינדן, און דאָס אָפּזאָגן אַלע תחינות פאַר און נאָך ליכט־בענטשן. באַשקעלע האָט געוווּסט, אַז ווער עס איז אָפּגעהיטן אין אָנצינדן לכבוד שבת שיינע

ליכט, דער איז זוכה צו האָבן זין תלמידי־חכמים. באַשקעלע האָט געהאַט געהערט נאָך פון איר באָבען, אַז די מצווה פון ליכט־צינדן ערב שבת קודש איז געגעבן געוואָרן צו פּרויען דערפֿאַר, ווייל די נשמה ווערט גערופן ליכט, און היות אַ פרוי האָט פרייטיק פאַרנאַכט געהאַט אויסגעלאָשן אַלע נשמות פון דער וועלט, דאָס מיינט מען חוהן, וועלכע האָט פרייטיק פאַרנאַכט גע־געסן פון עץ־הדעת, און האָט צו אדמען אויך געגעבן צו עסן פון עץ־הדעת, איז דאַן נגזר געוואָרן, אַז אַלע מענטשן זאָלן שטאַרבן, אַז אַלע נשמות זאָלן אויסגעלאָשן ווערן, דעריבער צינדט מען אָן ליכט ערב שבת פאַרנאַכט, צו ברענגען ליכט אויף צו באַלויכטן די נשמות, צו באַלויכטן דעם הייליקן שבת, און ווער עס היט אָפּ די גרויסע מצווה פון באַלייכטן דעם שבת, דער איז זוכה צו האָבן קינדער וואָס וועלן באַלייכטן די וועלט מיט זייער תורה און יראת־שמים!

ביי באַשקעלען איז די מצווה פון בענטשן ליכט געווען דאָס זעלבע ווי ביים כוהן־גדול ווען ער האָט אָנגעצונדן די ליכט אין בית־המקדש. ווען באַשקעלע האָט מיט סך געריכטקייט געזאָגט איר תחינה, אַז דער זכות פון ליכט פון ליבן שבת זאָל שיצן דאָס ליכט פון די קינדער, וואָס זאָל לייכטן אין דער תורה, און זייערע מזלות זאָלן לייכטן אין הימל, זענען אירע אויגן נאַס געווען. גאַנץ באַזונדערס האָט זיך באַשקעלע געשטיקט אין טרערן, ווען זי האָט געזאָגט דעם פּסוק: „ותאיר את עיני בעלי ובני בתורתך הקדושה“, — אַזוי ווי איך האָב באַלויכטן מיין הויז מיט די ליכט וואָס איך האָב אָנ־געצונדן לכבוד דעם הייליקן שבת, אַזוי זאָלסטו דערלייכטן די אויגן פון מיין מאַן און מיינע קינדער אין דיין הייליקער תורה. דאָס וואָרט מאַן, האָט באַש־קעלע אַראָפּגעשלונגען מיט אַ טרער. נאָך די תחינות איז באַשקעלע געגאַנגען אין בית־המדרש אַריין און מקבל־שבת געווען.

באַשקעלעס שטיבל האָט פרייטיק פאַרנאַכט געפינקלט פון זויבערקייט און יום־טוב. די פייערקעס פון קוימען זענען געווען אָפּגעריייניקט פון סאַזשע און רויך. די טירלעך פון דער קיך; דאָס אויבערשטע, ווו מען לייגט אַריין האָלץ, און דאָס אונטערשטע פון וואַנען מען נעמט אַרויס דאָס אַש האָבן ברילויעט פון ריינקייט. דאָס בעט איז געווען פאַרדעקט מיט אַ שפּיצענע קאַפּע, וואָס איר שוויגער, קיילע־פּערל, האָט איר געגעבן אַ מתנה צו דער חתונה. די האָלצערנע וואַליקעס ביים פאָדערשטן און צוקאָפּנס ווענטל פון

בעט זענען געווען אָפּגעשמירט מיט אַביסל בוימל. דער קאַסטן, ווו באַש־קעלע האָט געהאַלטן אירע ריינע וועש איז געווען פאַרשפּרייט מיט אַ ריינער ראַגאָזשע. דער טיש איז געווען פאַרשפּרייט מיט אַ ווייס טישטוך און אויפן טיש זענען געשטאַנען פינף מעשענע לייכטער, וואָס האָבן געגלאַנצט פון ריינקייט, אין וועלכע מען האָט זיך געקענט שפּיגלען. עס האָבן זיך טאַקע אין די לייכטער געשפּיגלט די ברענענדיקע ליכט לכבוד שבת.

באַשקעלע איז געגאַנגען אויסגעפּוצט. אַ גאַנצע וואָך האָט זי צוגעדעקט דעם קאָפּ מיט אַ טיכל. לכבוד שבת האָט זי אָנגעטאָן דאָס שייטל. אַ סאַמעטן בלוזקעלע, וואָס זי האָט נאָך געהאַט פון דער חתונה, אַ ווייס פאַרטעכל מיט שפּיצעלעך ביים זוים האָט פאַרהאַנגען איר קליידל. דאָס זעלבע ווייסע פאַר־טעכל, האָט באַשקעלע אויך געטראָגן ראש־השנה צו שופר בלאָזן און צו תשליך. די האַלבע מעשטעס זענען געווען אויסגעשמירט מיט אַ פעטס. די פלאַטשיקע חלה איז געלעגן אויפן ווייסן טישטוך איבערגעדעקט מיט אַ קליין טישטוכל, וואָס זי האָט נאָך כלהוויז געהאַט אויסגענייט מיט די ווערטער: לכבוד שבת.

אַ גאַנצע וואָך פלעגט באַשקעלע ווייניק וואָס קענען איינזיצן אין שטוב, זי פלעגט אַרומלויפן, געגאַנגען צו שכנים, געלאָפן באַזוכן קראַנקע, אָרעמע קימפּעטאָרינס, צוהעלפן זיי איבערוויקלען דאָס קינד, צושטעלן דאָס ביסל געקעכטס פאַרן מאַן, אויסוואַשן די ווינדעלעך, אַליין גיין עפּעס טון, בכדי צו פאַרדינען אויף ברויט. שבת אָבער איז באַשקעלע געזעסן אין שטוב און אין ערגעץ נישט געגאַנגען, חוץ אין בית־המדרש אַריין. פון ליכט־צינדן ביז הבדלה איז באַשקעלע געזעסן אין דער היים, איז ערשט אַרויסגעגאַנגען פון שטוב, נאָך דעם ווי זי האָט איבער דער וואַנט געהערט שלום דעם קצב מאַכן הבדלה און זי האָט געהאַט אָפּגעזאָגט גאָט פון אַברהם.

פון איר טאַטן ע״ה, שמערל דער חותם, האָט באַשקעלע געהערט דער־ציילן, וואָס די גמרא זאָגט: אַז דער רבונו־של־עולם האָט געזאָגט צו משה רבינו: „איך האָב אַ גוטע מתנה אין מיינע אוצרות. די מתנה הייסט שבת און איך וועל זי געבן צו יידן״.

ווען עס איז געקומען די צייט און באַשקעלע איז אַוועק אין דער אייִ־ביקייט אַריין, האָבן יידן געזאָגט, אַז אויך דער הייליקער שבת האָט פאַרלוירן אַ טייערן אוצר.

קיילעריקלס, די שיטל־מאַבערקע

ריקל איז געווען קיילעס אַ שוויגער. קיילע איז געווען אַ קיילעכדיקע יתומה. די מאַמע אירע, רבקה רחלס, איז געשטאָרבן פון קימפּעט. דער טאַטע איז באַלד דערנאָך פון גרויס בענקשאַפט און עגמת־נפש אויך אָפּגעשטאָרבן. קיילע די יתומה האָט זיך געהאָדעוועט ביי ריקלען, וועלכע האָט דער יתומה אָנגעהערט אַ מומע, זי איז געווען דעם טאַטנס אַ שוועסטער. אין שטעטל האָט מען דערציילט, אין נאָמען פון ריקלען, אַז ווען זי איז געשטאַנען ביים גסיסה־בעט פון איר ברודער הערש־יוקלען, האָט זי פון זיינע פאַרגלייזטע אויגן אַרויסגעלייענט אַ געבעט, ווי איינער זאָגט: לאָז ניט אַרויס פון אונטער דיין השגחה מיין קינד קיילען, די קיילעכדיקע יתומה, גיב אויך אַכטונג, אַז זי זאָל פאַרבלייבן אין דער משפחה!

ווען קיילע איז געבוירן געוואָרן האָט שוין ריקל געהאַט אַרומגיין אַ גמרא־ייִנגל. נחומל האָט מען אים גערופן. אַ גרויסער עילוי געווען, האָט געהאַט אַן אָפּן קעפּל, שאַרף ווי אַ נאָדל־שפּיץ. ווען נחומל פלעגט איבער־זאָגן אַ פּשטל פון רבין, האָבן עלטערע לומדים געהאַלטן אָפּן דאָס מויל און געגאַפט פון גרויס וווּנדער. הערש־יוקל דער פעטער איז געשטאַנען און געשעפּט אין די פולע הויפנס הנאה און פאַרגעניגן. ווען קיילע איז געבוירן געוואָרן, זאָל הערש־יוקל זיך האָבן אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט, אַז אַזאַ אבן־טוב ווי עס איז נחומל לאָזט מען נישט אַרויס פון אייגענעם בלוט. דער זאָג האָט געזאָלט באַדייטן, אַז ער שפּינט אַ מחשבה צו נעמען נחומלען פאַר אַן אײדעם פאַר זיין בת־יחידה קיילען. איי, וואָס זי איז ייִנגער, דאָס מאַכט ניט אויס, אַ ווייב באַדאַרף זיין ייִנגער!

צו פופצן יאָר איז קיילע געגאַנגען צו דער חופה מיט נחומקען. ריקל

און ברוך־לייב זענען געווען די אונטערפירערס פון ביידע צדדים, פון חתנס צד און פון דער כלהס צד.

קיילע, כאָטש אַ סך ייִנגער פון איר מאַן, האָט אָבער גלייך גענומען אויף זיך דעם עול פון אַ ווייב. ביים אָפּהיטן ייִדישקייט און ביים מקיים זיין אַלע געבאָטן פון דער תורה, וואָס זענען חל אויף אַן אישה, איז זי נישט אָפּגעשטאַנען פון איר מאַן.

אין שטעטל האָבן מענטשן געטייטלט מיט די פינגער אויף דער פּאָר־פּאַלק, זיי האָבן זיך געוויצלט און געזאָגט, אַז נחומל קאָן זיין קיילעס פאָטער, און אַז קיילע איז נאָך אַ קינד, אָבער קיילע האָט זיך באַמיט צו זיין גלייך מיט איר מאַן, מענטשן זאָלן ניט זען דעם אונטערשייד. זי האָט כדת וכדין פאַר דער חופּה אָפּגעשוירן די האָר און אָנגעטאָן אַ שייטל, וואָס האָט אויף איר קאָפּ אַרויפגעלייגט נאָך אַ צענדליק יאָרן, האָט אָנגעטאָן אַ לאַנג קלייד, צניעותדיק פאַרשפּיליעט ביז צום האַלדז, אַזוי, אַז קיין פּיצל אַנטבלויזט לייב זאָל זיך חלילה נישט אַרויסזען. אַז קיילע איז צום קיילעכ־דיקן יאָר מיט מזל געוואָרן אַ מאַמע, איז פאַרווישט געוואָרן דער אונטער־שייד צווישן נחומקעס און קיילעס עלטער.

ריקל, די שוויגער־מאַמע, האָט אָנגעהאַלטן איר השגחה אויף די קינ־דער, ווי עס טוען געוויינטלעך מאַמעס און שוויגער־מאַמעס. קיילע אָבער האָט זיך באַמיט צו האַלטן זעלבשטענדיק, ווי איינע וואָס נייטיקט זיך שוין נישט אין קיין השגחה, סיידן די השגחה פון הימל.

דאָס ערשטע קינד ביי קיילען איז געבוירן געוואָרן אַ זכר. אַ נאָמען האָט מען אים געגעבן נאָכן זיידן הערש־יוקל. דאָס צווייטע קינד איז גע־בוירן געוואָרן אַ מיידעלע, ווי די השגחה אַליין וואָלט געדאַגהט פאַר אַ נאָמען נאָך רבקה־רחלען.

קיילע מיט נחומקען האָבן זיך געלעבט ווי צוויי טייבעלעך. איינער דעם צווייטן האָט געקוקט אין די אויגן אַריין און ווי אויפן ווונק זיך פאַרשטאַנען. מען האָט קיינמאָל קיין הויך וואָרט פון ביידן נישט געהערט. שכנים האָבן געזאָגט, אַז דאָס פּאָרפאָלק לעבט צווישן זיך אויף שטום־לשון, אָבער ניט נחומל און ניט קיילע האָבן זיך עפּעס געמאַכט פון דעם וואָס מענטשן זאָגן. מאַלע, וואָס מענטשלעכע מיילער ברענגען אַרויס מיט זייערע צינגער; זאָלן

זיי רעדן וואָס זיי ווילן, ווען עס גייט עס דען אָן, מען קען דען האַלטן פאַר־מאַכט מענטשנס מיילער?

קיילע האָט זיך געהאַלטן אָפּגעזונדערט פון מענטשן, האָט זיך אָפּגעגעבן מיט אירע קינדער און געקלעפּט צום מאַן. אַפילו פון שווער און שוויגער האָט זיך קיילע געהאַלטן אַ קאַפּיטשקע פון דער ווייטנס, עס האָט געהייסן, אַז זי איז זעלבשטענדיק, אַליין שוין אַ מענטש!

קיילעס האַלטן זיך אָפּגעזונדערט פון מענטשן איז אין שטעטל אויס־געטייטשט געוואָרן, אַז זי היט זיך פאַר אַן עין־הרע, פאַר אַ בייז אויג, זיי פלעגן זאָגן, אַז אַ שלעכט און בייז אויג איז ערגער פון אַ שלעכטער און בייזער צונג, האָט זי זיך באַהאַלטן מיט איר מאַן און אירע עופהלעך, אַז קיין בייז אויג זאָל זיי נישט גרייכן.

ווי זאָגט אַ שפּריכוואָרט: „אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט". ניט לאַנג האָט געדויערט דאָס גליק ביי קיילען. נחומל איז פּלוצים פאַרשלאָפן גע־וואָרן און די נשמה האָט זיך אָפּגעטאָן פון אים. קיילע איז געוואָרן אַן אלמנה מיט פיר פּיצלעך קינדער אין עלטער פון צוויי און צוואַנציק יאָר.

דער אומגליק איז געווען גרויס, דאָס גאַנצע שטעטל האָט אָנגעהויבן קוקן מיט רחמנות־בליקן אויף קיילען. איינער דעם צווייטן האָט אַריינגע־שושקעט אין אויער: אַזאַ אומגליק, אַז באַהיט און באַשירעמט זאָל מען ווערן. אַ קיילעכדיקע יתומה צום געבוירן ווערן און איצטער אַן אלמנה דערצו מיט פיר פּיצלעך שוועלבעלעך ביי דער זייט, נישט אַנדערש ווי גאָטס צאָרן האָט זיך אויסגעגאָסן אויף איר.

לחלוטין אַנדערש האָט אָבער אויף איר מצב געקוקט קיילע אַליין. מיט שטאָלץ האָט זי געטראָגן איר אומגליק. דאָס באַרימטע וואָרט, אַז עס איז ניטאָ קיין גאַנצערע זאַך ווי אַ צעבראָכן האַרץ, איז ווי אויף קיילען געזאָגט געוואָרן. אויסערלעך האָט מען אויף איר ניט געמערקט קיין צעבראָכנקייט. זי האָט זיך פאַר קיינעם נישט פאַרקלאָגט און אין איר אָנוועזנהייט האָט זי אויך איר שווער און שוויגער ניט געלאָזט טרויערן נאָך איר מאַן. זי פלעגט זאָגן: „איר קענט באַוויינען אייער זון, אָבער ניט מיין מאַן. עס איז אַ גאָט־זאַך, און וואָס דער אויבערשטער טוט באַדאַרף אַ מענטש אָננעמען פאַר ליב. גאָט גיט און גאָט נעמט אַוועק. קיין מענטש געהער נישט צו זיך אַליין. דאָס מענטשלעכע לעבן איז אַ מתנה פון גאָט און אויף געשענקטע זאַכן האָט

מען נישט קיין פּאַריבל". אַנשטאָט געוויין און טרויער האָט קיילע אויף זיך גענומען אַ פליכט צו ווידמען איר לעבן דעם וווילזיין פון אירע קינדער און דעם וווילזיין פון ליידנדיקע מענטשן אין שטעטל. אַזוי ווי קיילע פּלעגט פאַרן מאַנס לעבן זיך האַלטן אָפּגעזונדערט פון מענטשן, אַזוי האָט זי נאָכן מאַנס טויט זיך דערנענטערט צו מענטשן, האָט זיך מער אינטערעסירט מיט מענטשלעכע ליידן. ווו עפּעס אַ קראַנקייט, אַ צרה, אַן אומגליק איז קיילע געווען פון די ערשטע מיט אַן אויסגעשטרעקטע האַנט פון הילף. איר זרוע־נטויה איז געווען פון די ערשטע אַנטקעגנצוקומען יעדן אין אַן עת־צרה.

שיין איז קיילע געווען ווי די וועלט: הויך, שלאַנק, אַן אויסגעטאָקטער גוף, אַ ווייס פּנים מיט טיפע בלויע אויגן, אַ מויל ווייסע ציינער ווי פּערל. גיין פלעגט קיילע מיט שטילע, אָפּגעמאָסטענע טריט, ניט צו גיך און ניט פּאַמעלעך, זי האָט זיך קיינמאָל נישט געאיילט, האָט צייט געהאַט פאַר אַלץ און פאַר אַלעמען. איז געווען אַ געטרייע מאַמע צו אירע קינדער און אַ געטרייע מאַמע צו אַלע ליידנדיקע אין שטעטל.

קיילע האָט נאָכן מאַנס טויט נישט געוואָלט אָנקומען צו קיינעם נאָך חיונה, זי האָט אַליין גאַנץ שווער געהאָרעוועט צו פאַרדינען אויף פּרנסה. זי האָט זיך אויסגעלערנט די מלאכה פון מאַכן שייטלען. ביז שפּעט אין דער נאַכט, נאָך דעם ווי זי האָט שוין געהאַט די קינדער געלייגט שלאָפן, איז זי געזעסן און געמאַכט נייע אָדער צורעכט־געמאַכט אַלטע שייטלען.

צוויי זענען זיי געווען אין שטעטל וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט ווייבערישע קעפּ: איטקע דעם עסיקמאַכערס האָט געמאַכט ווייבערישע היטעלעך, און קיילע האָט געמאַכט שייטלען. אויף איטקען האָט מען גערעדט, אַז מיט אירע היטעלעך דעקט זי צו דעם קאָפּ און עפּנט אַ פענצטערל צו דער וועלט און אויף קיילען האָט מען געזאָגט, אַז מיט אירע שייטלען פאַר־דעקט זי די ווייבערישע קעפּ, אָבער עפנט אַ פענצטערל צום הימל.

שכנים האָבן געהאַט דערציילט, אַז שפּעט אין די נעכט פלעגן זיי הערן פון קיילעס דירה אַ פאַרשטיקטן געוויין. דאָס זאָל קיילע אַליין האָבן געוויינט, אַז קיינער זאָל ניט הערן און קיינער זאָל ניט זען. ווייבער אין שטעטל האָבן צווישן זיך גערעדט, אַז מיט אירע טרערן האָט קיילע אָפּגעוואַשן די זינד פון אַלע זינדיקע!

זומל, די מאַמע

ביי ברוך־מרדכין אין געסעלע, וואָס פון איין זייט האָט עס געפירט צו דער סטריגע און פון דער אַנדערער זייט צו וואָיטשעכס סעדער, האָט ביי יוקל רייצעס אין הויז געוווינט אין אַ חדר דלת על דלת: זוסל מיט איר מאַן, לייזער העשעס, זייערע ביידע זין, נחמנקע און אלתר, און אויך זייער טאָכטער ציפּורה מיט אירע ביידע מיידעלעך. ווו עס האָט זיך אַהין־געטאָן, קיין עין־הרע, אַזאַ געזינדל זאַלבע זיבעט — איז קיין שאלה ניט; קינדער מאַכן טאַטע־מאַמע קיינמאָל נישט ענג. וואָלטן זיי נאָר נישט אָנגעטאָן קיין עגמת־נפש.

ביי טאָג איז דאָס געזינדל זיך צעגאַנגען. ביידע זין זענען געגאַנגען אין ישיבה אַריין לערנען. זוסל איז מיט דער קיאַנקע אונטערן אָרעם געגאַנגען וואַשן וועש ביי רייכע בעל־הביתטעס. אין שטוב איז געבליבן: ציפּורה מיט ביידע קינדער, און לייזער העשעס מיט פיר גמרא־יינגלעך, מיט וועלכע ער איז געזעסן און געלערנט.

מיט יאָרן צוריק האָט לייזער העשעס געפירט אַ גרויסן חדר, עס האָבן ביי אים געלערנט צוואָנציק גמרא־יינגלעך, ער איז געווען פאַררעכנט פאַרן בעסטן גמרא־מלמד אין שטעטל. די פענצטער פון חדר האָבן אַרויסגעקוקט צו די סעדער. דער גמרא־ניגון האָט אָפּגעהילכט איבערן סטריגע־געסל און דער עכאָ האָט זיך געטראָגן ווייט, ווייט ביז צום אַלטן בית־עולם, ווו אויך די מתים האָבן באַקומען תיקון דורך לייזער העשעס לערנען מיט צוויי מנינים גמרא־יינגלעך.

שפּעטער האָבן זיך די צייטן געביטן און דערצו נישט צום בעסערן, נאָר גאָט זאָל שומר ומציל זיין — צום ערגערן. ביידע זין האָבן זיך מיישב געווען, אָוועקגעוואָרפן דאָס לערנען און עוקר געווען מעבר לים. אַ צייט

האָבן טאַטע־מאַמע פון זיי לחלוטין נישט געהערט. לייזער העשעס האָט פון עגמת־נפש אַריינגעשלונגען אין האַלדז אַריין גאַנצע קוימענס מיט מאַכאָרקע־רויך, האָט נישט גערעדט, נאָר געבראָכן די פינגער פון זיינע ביידע צונויפּגעפּלאָכטענע הענט. דערביי האָט ער פון טיפן האַרצן אַרויסגעצויגן אַ זיפץ וואָס האָט זיך געהערט ווי ער וואָלט געזאָגט: ווייצע, ווייצע. די מאַמע זוסל האָט געכליפּעט מיט הייסע טרערן און דערביי אַכטונג געגעבן, אַז לייזער זאָל חלילה נישט באַמערקן, וואָרעם דאָס וועט אים פאַרשאַפן נאָך מער צער און עגמת־נפש.

נאָך יאָרן האָבן ביידע זין זיך אָפּגעזוכט. אויף פסח האָבן זיי לכבוד יום־טוב אַריינגעשיקט צו טאַטע־מאַמע אַ בריוו מיט עטלעכע דאָלער, אָבער לייזער דער טאַטע און אויך זוסל די מאַמע האָבן אָן שקליא וטריא, נישט אויסרעדנדיק איינער צום אַנדערן קיין וואָרט, די בריוו מיט די פּאָר דאָלער צוריקגעשיקט און נישט געוואָלט פון זיי נהנה זיין. לייזער האָט נאָך מיט זיין כתיבה־כתב צוגעשריבן אַ בריוול און געבעטן די זין אים ניט צו שיקן קיין געלט און אויך נישט צו שרייבן, ער האָט דערביי אויך באַמערקט, אַז וויפל דער רבונו־של־עולם וועט זיי באַגליקן מיט עושר, וועט עס אַלץ פּאָר טאַטע־מאַמע ניט זיין קיין כבוד, וואָס ביידע זין האָבן עוקר געווען מעבר לים, אין אַ לאַנד וווּ יידישקייט איז הפקר.

ציפּורה, די טאָכטער, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט שלומקען, דעם טשעסלערס אָן אייניקל און האָט אים געבוירן צוויי מיידעלעך, איז — מען זאָל גאָר באַהיט און באַשירעמט ווערן — פון דער צווייטער קימפּעט אַרויסגעקומען אַ קראַנקע, זי איז לא עלינו אַראָפּ פון קלאָרן זינען, איז געוואָרן מעלאַנכאָליש, האָט נישט געוואָלט עסן און נישט טרינקען, געזעסן ווי אַ שטומע און קיין זאַך איז איר נישט אָנגעגאַנגען, אַפילו ניט אירע אייגענע צוויי קינדער.

שלומקע האָט דאָס ווייב מיט ביידע מיידעלעך געבראַכט צו דער מאַמע זוסל, זי זאָל אויף זיי אַכטונג געבן. ער באַדאַרף דאָך פאַרדינען אויף חיונה. דערצו איז די פּרנסה גאָר ניט פון די לייכטע. אין מאַרק־טעג איז ער געשטאַנען מיט אַ טישל לעבן די סטראַגאַנעס און פאַרקויפט פּאַטשיילעס און וואָרעמע טיכער, און נישט אין קיין מאַרק־טעג האָט ער געהאָלפן בנימין דעם מאשאנזשניק דרייען שטריק פון נאָסלעכן פלאַקס.

אַ מאַמע איז פון אײַזן, פלעגט זוסל זאָגן, אַ מאַמע קאָן אַלץ איבער־טראָגן, אַ מאַמען דאַרף דער רבונו־של־עולם ניט פרוּוון; גאָט האָט געפּרוּווט אברהמען, צי ער וועט אויסהאַלטן די יסורים צוזעענדיק ווי ער באַדאַרף אַליין ברענגען זײַן זון יצחקן צו דער עקידה, אַ מאַמע ווערט אויסגעפּרוּווט אין לײַדן, בײַם טראָגן, בײַם האָדעווען, די תשעה ירחי לידה, און די חבלי־לידה זענען דער בעסטער פּרוּביר־שטיין פאַר אַ מאַמען, נישטאָ קיין שווערע זאַך פאַר אַ מאַמען.

דער טאַטע לייזער, איז פון גרויס עגמת־נפש בלינד געוואָרן. דער חדר איז זיך צעפאַלן. זוסל האָט אויך געמוזט אויפגעבן איר שטיקל האַנדל מיטן טאָרף. עס איז נישט געווען פון וואַנען אַ שטיקל ברויט אַרײַנצוברענגען אין שטוב אַרײַן, דאָקטוירים און רעצעפּטן האָבן אײַנגעשלונגען אַ פאַרמעגן, ניט איין מאָל איז אויסגעקומען זיך אָפּצוזאָגן פון אַ שטיקל ברויט אויף אַ המוציא צו מאַכן און אויך דאָס קישן צו פאַרזעצן, אַבי צו קאָנען באַצאָלן אין אַפּטייק פאַר די ביטערע זאַלצן וואָס דער דאָקטער האָט געהייסן געבן ציפּורהן.

פיר בעלי־בתים האָבן געלאָזן זייערע ייִנגלעך לערנען בײַ לייזערן. זיי האָבן נישט געקוקט אויף זײַן בלינדקייט. זיי פלעגן זאָגן, אַז לייזערס אויגן זענען טאַקע צוגעמאַכט, אָבער דער קאָפּ איז פאַרבליבן אָפן, און וואָס ער קען בלינדערהייט קען עס ניט קיין אַנדערער זעעוודיקערהייט.

זוסל איז געווען אַ מאַמע צו ציפּורהן און צו בײדע אײניקלעך, מאָטעלע און יוכבדל, צוויי שײנהייטן, אין דער מאַמען געראָטן, ווען גויים האָבן געזען ציפּורהן דורכגיין די גאַס, האָבן זיי זיך געצלמט פאַר איר שײנקייט; ייִדן האָבן דריי מאָל אויסגעשפּיגן, בכדי איר חלילה קיין גוט אויג נישט צו געבן. הויך און שלאַנק, אויסגעגאָסן ווי אַ סטאַטוע, טיפע בלויע אויגן אין וועלכע מען האָט דעם הימל געזען זיך שפּיגלען. אַ לענגלעך מאַט געזיכט ווי פון אַלבאַסטער, דערצו איז זי געווען אַ געראָטענע: וואָס די אויגן האָבן געזען, האָבן די הענט געקענט טון. זי איז ניט געגאַנגען אין קיין שקאָלעס, האָט אָבער געקענט רעדן דאָס לשון פון דער מדינה ווי אַ וואַסער. האָט פון בלויזן הערן זיך אויסגעלערנט שפּילן אויף אַ מאַנדאָלינע, און האָט גע־טאַנצט ווי אַ געבוירענע טענצערין. אין שטעטל האָט מען אַמאָל, ביט אויסגערעדט זאָל עס זײַן, צוגעבאָמקעט, אַז דעם רעיענטס זון, קאַזשיק, זאָל האָבן געוואָרפן אַן אייגל אויף ציפּורהן, זי זאָל אים האָבן אַרײַן אין

הארצן, אַז ער איז איר נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן. עס האָבן זיך אויך גע־פונען ציינגער, וואָס האָבן דערציילט, אַז מען האָט ציפּורהן און קאַזשיקן געזען עטלעכע מאָל שפּעט ביינאַכט אַרויסקומען פון אַלטן בית־עולם. די מאַמע זוסל זאָל איר האָבן אויף, שנעל חתונה געמאַכט, האָט נישט געזוכט דערפאַר קיין גרויסן לערנער, קיין שטאַרקן יחוס, אַבי צו פאַרהיטן, אַז די טאָכטער, דאָס איינציקע שטיקל אויג אין קאָפּ זאָל חלילה נישט פאַרכאַפּט ווערן פון פרעמדע הענט.

זינט דער חתונה אָבער זאָל זיך ציפּורה האָבן געענדערט. איר פּנים האָט באַקומען אַן אַנדער צורה, די פריילעכקייט איז פון איר אַוועק, דער גוטמוטיקער שמייכל איז פון איר ווי אַנטרינען געוואָרן. אירע ליפּן זענען געוואָרן שטייפער און בלויער, די אויגן האָט זי געהאַלטן פאַרכמורעט, ווי וואָלקנס וואָלטן זיי פאַרהאַנגען. ווייבער האָבן צווישן זיך גערעדט און זיך געשושקעט, אַז זי בענקט נאָך... דעם נאָמען האָבן זיי ניט געוואָלט אַרויסברענגען פון זייערע ליפּן, ס׳זאָל חלילה נישט אַרויסקומען קיין רכי־לות. ווען ציפּורה איז פאַרשלאָפט געוואָרן נאָך איר צווייטער קימפּעט און דאָקטוירים האָבן געזוכט רפואות, האָבן די ווייבער אין שטעטל גע־ווּסט דעם סוד פון דער קראַנקייט, ביי קיין דאָקטער האָבן זיי נישט באַ־דאַרפט פרעגן.

זוסל פלעגט דעם ערשטן האַלבן טאָג זיין פאַרנומען מיט וואַשן וועש. יעדן טאָג, גלייך פון באַגינען, נאָך דעם ווי זי האָט געגעבן די קינדער אַ לעפל וואַרעמס און ציפּורהן דעם רעצעפּט האָט זי גענומען די „קיאַנקע״ אונטערן אָרעם און איז שנעל אַרויסגעלאָפן פון שטוב. מיט אייליקע טריט איז זי געגאַנגען בעמען די וועש אויף דער פּלייצע, אַוועקגעטראָגן צו דער סטריגע און דאָרט אין רעגן און אין קעלט שטיין איינגעבויגן און וואַשן. ביים קלאַפּן מיט דער קיאַנקע דאָס גרעט, איז זוסל געשטאַנען איינגע־בויגן אין דרייען, און ביים שווענקן און אויסדרייען, איז זי געשטאַנען גע־בויגן אין צווייען. שפּעטער האָט זי צוריקגעטראָגן דאָס נאַסע גרעט אויף די פּלייצעס צו דער בעל־הביתטע אין הויז אַריין, עס איינגעווייקט אין כלאָרעק און צוגעגרייט צום קאָכן פאַרן צווייטן פרימאָרגן. אַ נאַסע, אַ פאַרסאָפּעטע, איז זוסל שוין נאָך האַלבן טאָג געלאָפן אַ היים, צו געבן די קינדער אָנבייסן, און פרווון אַריינשטופּן כאָטש מיט געוואַלד ציפּורהן אין

מויל אַריין אַ לעפל געקעכץ. אַמאָל איז שוין לייזער געווען נאָכן דאַוונען, האָט זי אים אויך דערלאַנגט עפּעס איבערצובייסן, צו קאָנען האַלטן דעם אָטעם אין זיך. ציפּורה, אַז זי האָט שוין יאָ עפּעס געגעסן איז עס געווען גרויס ווי אַ כזית, קוים אַ פייגעלע זאָט צו מאַכן. פון קיין הונגער האָט ציפּורה בכלל נישט געוווסט, דער האַלדז איז איר געווען ווי פאַרנייט, נישט אויף צום עסן און נישט אויף צום טרינקען. ווען זי האָט געגומען אַ לעפל געקעכץ אין מויל אַריין איז דאָס ביי זוסלען געווען אַ יום־טוב, אַלע טויערן פון האָפענונג האָבן זיך פאַר איר געעפנט, אולי ירחם, אפשר וועט איר בת יחידה דאָך געזונט ווערן. די דאָקטוירים און אויך גוטע יידן האָבן איר געהאָט געזאָגט, אַז נאָר עסן וועט ציפּורהן אַרויסשלעפּן פון דער מעלאַנכאָליע... און טרינקען וועלן איר שטאַרקער מאַכן די נערוון און געזונט מאַכן.

זוסל איז אָפּגעקומען מיט שהי־פּיה, ווי האָט זי דען געקענט עסן, ווען זי האָט צוגעזען ווי איר קינד פּייניקט זיך און עסט גאָרנישט? ווי האָט איר דען געקענט באַקומען אַ ביסן אין מויל, ווען ביי איר טאָכטער האָט זיך דאָס מויל ניט געעפנט, אַז יעדן טאָג האָט מען געזען ווי זי גייט איין ווי אַ דרויבע און גייט אויס צוביסלעך ווי אַ ליכט? לייזער פלעגט טאַקע שרייען אויף זוסלען און זאָגן, אַז זי וועט אַליין קראַנק ווערן און אויסגיין פון די כוחות. ער האָט צו איר געטענהט: זוסל, דו באַדאַרפסט דאָך זיין אַ מאַמע צו די עופהלעך, עס עפּעס, האָט ער זיך ביי איר געבעטן, אדרבה, וויז ציפּורהלען, אַז דו עסט, אפשר וועט איר אויך כאַפּן דער אַפּעטיט. אויף ציפּורהן אָבער האָט ניט געווירקט, ניט דער מאַמעס עסן און אַפילו ניט דאָס עסן פון די קינדער. זי איז געזעסן און געקוקט מיט אַ פאַרגליווערטן בליק אויף דער מאַמען און אויף די קינדער און גאָרניט גערעדט. זי האָט אַפילו מיטן קאָפּ קיין דריי נישט געגעבן. אַמאָל, אַז די קליפּה האָט זי אַביסל נאָכגעלאָזט, וואָס דאָס פלעגט זעלטן ווען פּאַסירן, פלעגט זי זיך שטעלן און צונויפקאַמען אירע שוואַרצע ווי סאַמעט האָר, אָפּוואַשן דאָס פּנים און אָנטאָן אַ מלבוש. זינט איר קראַנקייט האָט זי דאָס שייטל אויפן קאָפּ ניט אָנגעטאָן, די אייגענע האָר האָט זי אויך ניט געשוירן, זוסל האָט איר צוגעדעקט דעם קאָפּ מיט אַ טיכל, און דערביי זיך ווי פאַרענטפערן און זאָגן, אַז אַ פרוי באַדאַרף צודעקן די האָר, אַנדערע דעקן צו מיט אַ שייטל, מיין ציפּורהלע דעקט צו מיט

אַ טיכל, נישקשה, אַז זי וועט געזונט ווערן וועט זי צוריק צודעקן די האָר מיט איר שייטל.

ווען ציפּורה האָט זיך פאַרקאַמט און אָנגעטאָן ווי אַ מענטש, האָט זי אויסגעזען ווי אַ פּרינצעסין, זי האָט געשיינט ווי די זון אין הימל, אַז זוסל האָט אויף איר אַ קוק געטאָן האָבן איר די אויגן אויפגעשיינט, דאָס האַרץ אָבער פלעגט זיין נאָך מער פאַראומערט, זוסל האָט ווי צו זיך אַליין גערעדט, שטילערהייט, נישט אַרויסברענגענדיק קיין וואָרט אויף די ליפּן; אַזאַ הער־לעכע שיינקייט זאָל בעבעך דאַרפן אָפּפּינצטערן אירע יאָרן אין אַזאַ וויסטער קראַנקייט. מיט נאַסע אויגן האָט זי צוגערופן די קינדערלעך: מאָטעלען און יוכבדלען און זיי וויזן די מאַמע, ווי שיין זי איז, דערביי פלעגט זוסל אַ טיפן זיפץ טאָן און זאָגן, ווידער צו זיך אַליין: זעטיקט זיך אָן קינדערלעך, קוקט זיך אָן אין אייער מאַמען, גאָט ווייסט ווי לאַנג נאָך זי וועט זיין אייער מאַמע.

ווען זוסל איז איינמאָל געקומען פון דער סטריגע, אָן אויסגענעצטע, אָן אויסגעווייקטע, פון אַ שווערער אַרבעט, נאָכן אויסוואַשן און אויסדרייען אַ שווערן פּאַק גרעט, האָט זי פון אָנהייב נישט געקענט גלייבן אירע אייגענע אויגן. ציפּורה איז געלעגן אין בעט, די קינדערלעך זענען איר געשטאַנען צוקאָפּנס און לייזער העשעס איז געשטאַנען לעבן איר, אין איין האַנט גע־האַלטן דאָס פלעשל ביטערע פליסיקייט פון די זאַלצן, אין דער צווייטער האַנט אַ עס־לעפל און זיך געבעטן ביי איר, זי זאָל נעמען אַ לעפל רפואה, די קינדערלעך האָבן נאָכגעזאָגט דעם זיידנס ווערטער: מאַמע, נעם, מאַמע, נעם. דאָס קול פון דעם זיידן האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיטן קול פון די אייניקלעך אין איין תחנונימדיק געבעט. ציפּורה אָבער האָט שוין דעם געבעט נישט געהערט. זי איז געליגן אַ פאַרגליווערטע, — דאָס האַרץ האָט מער ניט געקלאַפּט, די אויגן האָט זי געהאַלטן אָפן, זיי זענען נאָך געווען עקשנות־דיק הייס. זוסל האָט אָבער באַלד דערזען איר בראָך, האָט גענומען אַ פעדער און צוגעלייגט צו ציפּורהס נאָז, און די פעדער האָט זיך ניט באַוויגן.

זוסל האָט אָנגעצונדן ליכט, געזאָגט: ה׳ נתן ה׳ לקח, האָט אַוועקגעפירט די קינדער פון שטוב צו אַ שכנטע און אויפן וועג די קינדערלעך געטרייסט: פריער גאָט, דערנאָך איך. איך בין אייער מאַמע, די קינדערלעך האָבן או־מעטיקע נאָכגעזאָגט: באַבע! דו ביזט אונדזער מאַמע, אונדזער מאַמע!!!

קריינדעלע, די דינסטמויד

דריי צונעמען האָט געהאַט קריינדעלע. מען האָט זי גערופן קריינדעלע די דינסטמויד, קריינדעלע די וואַרטערין און קריינדעלע די אויסלייזערין. ווו אַ קימפּעט, ווו אַ חתונה, אַ ברית, אַ שלום־זכר, אַ חולה — האָט זיך קריינדעלע געמאַכט נוצלעך. צו אַלץ האָט זי זיך אויסגעטויגט: איבערוויקלען אַ קינד, אויסוואַשן די ווינדעלעך מיטן וויקלשנור, זידן אַרבעס פֿאַר אַ שלום־זכר און באַקן לעקעך צו אַ ברית, גיין אין שול איינרייסן ביים ארון־קודש און בעטן גאָט פֿאַר אַ שווערער געווינערין, אָפּנעצן די פֿאַרברענטע ליפּן פֿון אַ היץ־קראַנקן מיט אַ לעפֿעלע פֿאַרזיסטן, אויסגעקילטן טיי, שטעלן פּיאַווקעס, און אַז חנה די פֿעלדשערין איז געווען פֿאַרנומען, האָט זי אויך געקענט אויסקאָכן אין הייסע, זודיקע וואַסער מיט אַ ביסעלע טרינק־סאָדע אַ שערל און מיט דעם איבערשניידן דעם נאָפּל־שנור ביי אַ קימפּעטאָרין.

אַ כלה, אַ יתומה, האָט קריינדעלע געפֿירט צו טבילה פֿאַר דער חופּה און איר געלערנט די דינים ווי אַזוי זיך טובל צו זיין. זי פֿלעגט שטיין דערביי און אַכטונג געבן, אַז די כלה זאָל מיטאַמאָל טובל זיין דעם גאַנצן גוף און נישט שטיקלעכווייז; דהיינו, זי זאָל טובל זיין פֿריִער איין האַנט און דערנאָך די אַנדערע, נאָר מיט איין מאָל אַריינטאָן דעם גאַנצן קערפּער, ביז איבערן קאָפּ אין וואַסער אַריין.

קריינדעלע האָט די אַלע זאַכן געקענט פֿון דערפֿאַרונג, פֿון אייגענעם לעבן. זי איז אַליין געווען אַ יתומה, האָט זיך געהאָדעוועט אין אַ בית־יתומים, דער טאַטע, אליה־ברוך, דער שמיד, איז געשטאָרבן ווען די מאַמע איז געווען אין זיבעטן חודש און ווען זי איז געווען אַן עופּהלע פֿון אַ האַלב יאָר מיט עטלעכע טעג, איז אויך די מאַמע פֿון אַ שווערער פֿאַרקילונג געשטאָרבן. האָדעס, מאיר־יונהס, האָט זי אַריינגעגעבן אין בית־יתומים און צו

11 יאָר זי אַוועקגעגעבן פאַר אַ דינסטמיידל. צוערשט האָט זי געהאָלפןביים רוימען אין שטוב און זיך שפילן מיט די קינדער, שפעטער אָבער, נאָכן ווערן אַ בוגרת האָט איר פראַדל די באַלעבאָסטע אויך אויסגעלערנט צו באַקן און קאָכן און אויף איר אַרויפגעלייגט דעם גאַנצן יאָך פון הויז.

קריינדעלע האָט געדינט אין פיינע באַלעבאַטישע הייזער: זי איז געווען אַ דינסטמיידל ביי מרדכילע דעם פעלדשער, ביי ירחמיאל דעם דיין, ביי חנה די הייון־מוטער, ביי הערש־לייזערן אין דער גאַרקיך און אין אַנדערע פלעצער. ווען חנה די הייון־מוטער איז געווען שטאַרק פאַרנומען אין שטעטל מיט עטלעכע קימפעטאָרינס, פלעגט איר קריינדעלע אַרויסהעלפן. חנה האָט געלאָזט קריינדעלען זיצן און וואַרטן ביי איין קימפעטאָרין און אַליין איז זי געגאַנגען צו אַ צווייטער. דערביי האָט זי איר אָנגעזאָגט, אַז ווען זי וועט דערזען און דערהערן געשרייען פון אמתע ווייען, זאָל זי איר שנעל קומען אָנזאָגן.

אין דער צייט פון דער כאָליערע־עפידעמיע האָט זי דאָס שטעטל חתונה געמאַכט מיט ישראל משה דעם בעל־עגלה. די חופה איז געשטעלט געוואָרן אויפן בית־עלמין און ירחמיאלקע דער דיין איז געווען דער מסדר־קידושין. אין שטעטל האָט מען דערציילט, אַז גלייך נאָך קריינדעלעס חופה האָט זיך די עפידעמיע אָפגעשטעלט.

קריינדעלע איז געווען אַ נידעריקע, אַ קיילעכדיקע, רונד ווי אַ פעסעלע, מיט אויסגעפילטע בעקעלעך, וואָס האָבן געגלאַנצט פון פעטקייט. ישראל־משה דער שמייסער ביי הערש־יידלען דעם בעל־עגלה, אַז ער פלעגט זיך טשעפען צו קריינדלען מיידלוויז, פלעגט ער זי נאָר וועלן אַ קניפ טאָן אין אירע פאַשלעדנע בעקעלעך. קליינע אייגעלעך פון גרויען אַש־קאָליר האָבן אַרויסגעקוקט פון קריינדעלעס פעטן געזיכט, דאָס נעזל איז געווען קורץ און דערצו פאַרפלאַטשיקט, מען האָט עס קוים אַרויסגעזען. די באַקן זענען געווען פון ביידע זייטן העכער ווי די נאָז, אַזוי אַז די נאָז איז געלעגן אין פנים ווי אין אַ טאָל. ברייטע ליפן, דערצו גראָבע, ווי אָנגעשוואָלן און אַ גאַנץ פיינער גוידער ווי אַ הינעריש איי די גרויס, האָט זיך אַרויסגעזען פון אונטער דער גאָמבע. אַ גאַנץ הויכער בוזים און אַן אָנגעיוירן בייכל, וואָס איז געווען אויסגעגאָסן סימעטריש צום בוזים, האָט פאַרקיילעכדיקט קריינדעלעס פיגור. קורצע פיסעלעך מיט גרעבלעכע קני און אַ קאָפ לאָקן ווי

קאַרבירט, איין לאָק העכער פאַרן צווייטן, מען האָט געקענט ציילן שטאָקן אין די קאַרבן. דער שטערן איז געווען שמאָל, די אויערן קליין און די אויערן־לעפּלעך צוגעוואַקסן. אויף דער רעכטער זייט פון דער גאָמבע באַל־כסונדיק פון דעם אונטערשטן ליפּ־ווינקל האָט קריינדעלע געהאַט אַ בראָ־דעווקע פאַרוואַקסן מיט האָר, אַז ווען זי האָט גערעדט געשווינד־געשווינד מיט איר קוויטשיק קולכל האָבן די האָר פון דער בראָדעווקע זיך געשטעלט קאַפּויער; אַזוי זענען זיי געהאָנגען אַראָפּ צום האַלדז־צו און אַזוי האָבן זיי זיך איבערגעקערט און געשטעלט אין אַ פּאָזיציע צו די ליפּן־צו, ווי זיי וואָלטן וועלן אַליין זען פון וואַנען עס קומט דאָס קוויטשיקע קולכל.

צו דער חופּה איז שוין קריינדעלע געווען אַ מיידל אין די יאָרן. אין שטעטל האָט זיך חברה לצים געוויצלט, אַז זי האָט שוין לאַנג געמעגט הערן שפּילן. די יאָרן־ציילער האָבן געזאָגט, אַז איר פעלט נישט קיין סך צו צוויי מאָל ח״י; אַנדערע ווידער האָבן אויסגעחשבונט, אַז צו דער ערשטער שריפה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ביי שמואל דעם בעקער, אונטער יאַנקל מאַטעסעס גיטער, איז שוין קריינדעלע געווען אַ בוגרת. דאָס האָט באַדאַרפט אויסזאָגן דעם סוד, אַז זי איז שוין מיט אַ שמיציקל אַריבער פיר צענדליק.

אייגנטלעך האָט קריינדעלע געקענט טון אַ שידוך צו 18 יאָר, ווען זי האָט נאָך געדינט ביי מרדכילע דעם פעלדשער. עס האָבן איר נישט גע־פעלט קיין בעלנים, וועלכע האָבן מיט איר געוואָלט חתונה האָבן. עזריאלקע אַבישעס מיטן קרומען פוס פלעגט אַלע שבת נאָכן טשאָלנט קומען צו איר מיט צוויי פולע קעשענעס געבאַקענע באַניע־קערן און אָפּזיצן אויף אַ טאַ־בורעטקע אין קיך שעהן לאַנג און שיילן די באַניע־קערן. מיט די אויגן האָט ער זי געשלונגען. גערעדט האָט ער אָבער גאָרנישט. צו וואָס רעדן, קריינ־דעלע האָט אים סיי־ווי־סיי פאַרשטאַנען. ווען מרדכילע דער פעלדשער איז אַריינגעקומען אין קיך זאָגן קריינדעלען, אַז ער גייט אַוועק צו אַ קראַנקן, אָדער אין אַפּטייק, צי גאָר אין בית־מדרש אַריין צו מנחה, האָט זיך עזריאלקע אויפגעשטעלט און אַ צעטומלטער געזאָגט מרדכילען: „גוט־שבת״ און דערביי פון גרויס צעטומלעניש זיך דריי מאָל פאַרהיקעט.

דער קליינער נחמן איז אויך געקומען צו קריינדעלען, נאָכדעם ווי ער האָט אָנגעפּויעט די פערד ביי הערש־יידלען, האָט זיי אַראָפּגענומען די פּענ־טעס פון די פאָדערשטע פיס און זיי אַראָפּגעפירט פון גראָז צוריק אין שטאַל

אַריין. אַז נחמן מיט עזריאלקען האָבן זיך געטראָפן צוזאַמען, האָבן זיי גע־האַט פון וואָס צו רעדן; יעדער האָט אויף זיין שטייגער דערציילט ניסים ונפלאות פון זיינע רייזעס. עזריאלקע האָט דערציילט, וואָס עס האָט זיך פאַרלאָפן איין מאָל ביי אים אינמיטן וועג, פאַרנדיק באַרג־אַראָפּ, אויף סריי־קעשעווער שאָסיי און פלוצים איז אים אַראָפּ אַ פאָדערשטער ראָד פון וואָגן. דער וואָגן האָט זיך איבערגעבויגן, אָט־אָט אומצופאַלן, די פערד זענען גע־גאַנגען מיט שוים אויף די ליפּן, אין פולן ברען און ער האָט זיי אָפּגעשטעלט, איז אַראָפּ פון דער קעלנע, מיט אַן אַקסל אונטערגעהאַלטן דעם וואָגן און מיט די הענט צוריק אַרויפגעטאָן דעם ראָד.

נחמנקע ווידער האָט דערציילט ווי זיין וואָגן איז מיט די פאָדערשטע צווייַ רעדער אַריין אין אַ קאַלוזשע און די פערד האָבן געסאָפּעט און נישט געקענט זיי אַרויסשלעפּן. עס האָבן ניט געהאָלפן קיין בייטשן, ביז ער האָט זיך אַליין מטריח געווען, איז אַראָפּ פון דער שאָדלע און מיט אַן אָרעם אַ שטופּ געטאָן די פאָדערשטע קלאָניצע און די רעדער האָבן זיך אָנגעהויבן דרייען. די פערד — האָט נחמנקע געזאָגט — האָבן געהאַט צוטרוי צו זיין גבורה. ווי נאָר זיי האָבן דערפילט זיין אָרעם, איז זיי געוואָרן לייכטער אַרויסצושלעפּן די רעדער פון דער בלאָטע.

אָפּטמאָל פלעגט אויך צו קריינדעלען קומען דער הויכער זלמן, אויך אַ בעל־עגלה. ער האָט געפירט פּאַסאַזשירן פון באַן און צום באַן אין אַ בריטשקע, האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ יחסן אין בעל־עגלהשן פאַך, איין קליי־ניקייט, ער פאָרט נישט מיט קיין וואָגן, נאָר מיט אַ שיין בריטשקעלע. דערצו איז אויך דער הויכער זלמן געווען אַ מבין אויף פערד. אַלע פערד אין שטעטל האָט ער געקענט אויף אויסנווייניק און ער פלעגט זיי אויסרעכענען לויט די שטאַלן ווו זיי זענען געשטאַנען. אַליין איז ער געפאָרן מיט אַ געלן קאַשטאַן, די גריווע פאַרקעמט און צוגעשוירן, אויך דער עק אַ פאַרשוירע־נער. אויך דער כאָמעט איז געווען פון געלן לעדער געמאַכט, צום קאָליר פון פערד. די בריטשקע איז געווען געפאַרבט אויף געל און די הילצערנע שטע־קעלעך און די אייזערנע רייפן זענען אויך געווען געמאַלעוועט אויף געל. דער הויכער זלמן אַליין האָט געהאַט געלע האָר און ער מיט זיין געשפּאַן האָבן זיך ווי צוזאַמענגעגאָסן אין איין קאָליר.

קריינדעלע האָט הנאה געהאַט זיך צוצוהערן צו די רייד פון די יונגען.

אַליין האָט זי זיך מיט קיין וואָרט נישט אָפּגערופן. צו וואָס רעדן? אַז מען רעדט וועגן פערד, דאַרף זי בעסער שווייגן.

ווען מרדכילע דער פעלדשער האָט זי געפרעגט וועמען פון די יונגען זי וואָלט אויסגעקליבן פאַר אַ באַשערטן, האָט קריינדעלע געענטפערט, אַז קיינעם ניט פון זיי. פאַרוואָס — האָט זי ניט געוואָלט זאָגן. צו וואָס רעדן? אַז מען רעדט, קען מען נאָך חלילה אַרויסרעדן אַ שלעכט וואָרט וועגן מענטשן, איז צו וואָס רעדן שלעכטס? האָט דען איר עמעצער פון די יונגען שלעכטס געטאָן? זי פלעגט טאַקע פאַרזיכערן איר באַלעבאָס מרדכילען, אַז קיינער פון די יונגען וואָגט נישט חלילה אַרויפצולייגן זיין האַנט אויף איר.

קריינדעלע האָט געוואָלט גדליהן, ברוך־משה דעם סטאָליערס זון, וועלכער האָט געהאַט רויטע בעקלעך, איז געגאַנגען אָנגעטאָן ווי אַ פּריצל און האָט געלערנט אין דער ישיבה. יעדן פרימאָרגן האָט שוין קריינדעלע אויסמאַרקירט, אַז ווען גדליה איז געגאַנגען מיטן תפילין־זעקעלע אונטערן אָרעם אין דער ישיבה אַריין, איז זי אים אַנטקעגן געגאַנגען מיט צוויי פולע עמער וויך וואַסער, וואָס זי פלעגט טראָגן פון דער סטריגע אין שטוב אַריין. אַז גדליה איז פאַרבייגעגאַנגען האָט זי אַוועקגעשטעלט ביידע עמערס מיטן וואַסער אויף דער ערד כלומרשט אויף זיך אָפּצורוען, די בליקן אַריינגעטון אין וואַסער און אָפּט פלעגט פּאַסירן, אַז דער וואַסער־שפּיגל האָט אויך געשפּיגלט גדליהס פּנים און ביידע געזיכטער, פון גדליהן און קריינדעלען, זענען זיך צוזאַמענגעקומען אין שפּיגל פון אַן עמער וואַסער. קריינדעלע פלעגט נאָכקוקן גדליהן ביז ער האָט זיך פאַרקירעוועט אין קאַזע־געסל אַריין ווו עס האָט זיך געפונען די ישיבה.

נישט איין מאָל פלעגט קריינדעלע אינמיטן טאָג, זומער־צייט ווען די פענצטער פון בית־המדרש זענען געווען אָפן, זיך אַוועקשטעלן אַנטקעגנאַיבער דער ישיבה, ביי ישׂשׂכר דעם קצב, אויף אַ באַנק און אַריינקוקן אין בית־מדרש אַריין און זען ווי גדליה שאָקלט זיך ביי דער גמרא; אַמאָל פלעגט זי אויך הערן זיין ניגון ביים לערנען, אַזאַ זיס קול, וואָס פלעגט איר דערוואַרעמען דעם גוף און זיך צעגיין איבער אַלע אירע גלידער. עס פלעגט פּאַסירן, אַז גדליהס בליק האָט זיך אָנגעטראָפן מיט קריינדעלעס. ווי גיך נאָר די בליקן האָבן זיך באַגעגנט, האָבן ביידע ווי פון זיך אַליין אַראָפּגעלאָזט די ברעמען און זיך דערביי ווי פאַרשעמט. נאָך אַזאַ בליקן־צוזאַמענטרעף

פלעגט קריינדעלע אַ גאַנצע נאַכט זיצן אויף איר קיך־בעטל און זאָגן פון איר קרבנן־מנחה־סידור, די איינציקע ירושה וואָס די מאַמע האָט איר געלאָזט, — תהילים און בעטן צו גאָט, ער זאָל איר העלפן דערגרייכן גדליהן פאַר איר אויסדערוויילטן.

ברוך־משה דער סטאָליער האָט אַמאָל געזען ווי קריינדעלע קוקט נאָך זיין גדליהן. האָט ער זי אײַנמיטן גאַס אויסגעזידלט און שיִער זי נישט צעפּאַטשט.

ברוך־משה האָט זיין גדליהן אַוועקגענומען פון קריינדעלעס אויגן, אָבער ער האָט אים ניט געקענט אַרויסנעמען פון איר האַרץ.

קריינדעלע האָט דעריבער ניט געוואָלט חתונה האָבן מיט קיינעם. זי האָט געוואַרט. עס געשען דאָך ניסים, — פלעגט זי צו זיך אַליין טענהן — איז אפשר וועט מיט איר אויך געשען אַ נס און דער רבונו־של־עולם וועט שוין אַזוי אויסמאַרקירן, אַז גדליה זאָל ווערן איר מאַן.

יאָרן זענען פאַרביי. גדליה האָט שוין געהאַט חתונה געהאַט, האָט גע־נומען אליה־יוקל דעם שניט־קרעמערס טאָכטער פאַר אַ ווייב און ער האָט מיט איר געהאַט פינף קינדער, אָבער קריינדעלע האָט אַלץ נאָך געוואַרט, זי האָט ניט געוואָלט חתונה האָבן מיט קיין אַנדערן.

ווען אין שטאָט איז אויסגעבראָכן די עפּידעמיע און יעדן טאָג זענען געפאַלן קרבנות און קהל מיט ירחמיאלן דעם דיין זענען צו איר צוגעשטאַנען און איר פאַרגעלייגט חתונה האָבן מיט ישראל־משהן און מיט דעם אַראָפּ־נעמען פון שטאָט דעם יאָך פון אַ פאַרזעסענער מויד און דערפאַר וועט גאָט ברוך־הוא העלפן און אַוועקנעמען די מחלה און שיקן אַ רפואה צו אַלע קראַנקע, — האָט קריינדעלע איינגעשטימט צו גיין צו דער חופּה, צו העלפן קהל איז קריינדעלע תמיד געווען גרייט.

ירחמיאלקע דער דיין האָט באַזאָרגט, אַז ישראל־משה זאָל זיך קענען איינקויפן אַן אייגענעם געשפאַן און זיין אַ בעל־עגלה פאַר זיך.

קריינדעלע מיט ישראל־משהן האָבן געלעבט גליקלעך און צופרידן. מיידלוויז איז זי געווען אַ דינסט־מיידל ביי פאַרשידענע באַלעבאַטים און באַלעבאָסטעס. נאָך דער חתונה איז זי ביי ישראל־משהן געווען אַן עקרת הבית, אַ מאַמע צו קינדער, אָבער קריינדעלע האָט באַשלאָסן ווייטער צו זיין אַ דינסט־מויד, ביי גאָט, צו דינען זיין ליבן נאָמען בלב ונפש, אָפּצוהיטן די

הייליקע געבאָטן פון דער תורה און זיך ניצלעך צו מאַכן פאַר יעדן מענטש, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן בצלם אלוקים.

פאַר דער חופה, ווען קריינדעלע האָט זיך אַוועקגעשטעלט זאָגן איר תחינה, האָט אויפגעהויבן צום הימל אירע הענט און אויגן און געזאָגט: „בצדקתך תדיח כתמים״ — מיט דיין גערעכטיקייט זאָלסטו אויסמעקן די פלעקן, וואָס איך האָב געמאַכט אין דעם קלייד פון מיין נשמה, — האָט זי דערפילט ווי גוטע מלאכים האָבן איר אַרויסגענומען גדליהן פון האַרצן און ליידיק געמאַכט דעם פלאַץ פאַר ישראל־משהן, איר זיווג און אויף ביידנס זכות איז אויסגעפאַלן צו זיין די אויסלייזער פון אַ מגיפה אין שטעטל!

הודעס, די אשת־חיל

דעם פרימאָרגן האָט הודעס אָנגעהויבן מיט עטלעכע תחינות. ווי נאָר זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט אָפּירגענומען דעם רעכטן פוס פון אונטער דער פערענע און אים אַרונטערגעשטעלט אויף דער פּאָדלאָגע, האָט זי ראשית־כל געדאַנקט גאָט, ברוך־הוא, פאַר דער נשמה, וואָס ער האָט איר צוריקגעגעבן מיט רחמנות, דערנאָך האָט זי גענומען דאָס קופּערנע קווערטל אין דער רעכטער האַנט און האָט אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער און געזאָגט די תחינה צום פרימאָרגן און די תחינה פון קבלת־עול מלכות שמים.

נאָך די תחינות האָט הודעס אָנגעטאָן שיך און זאָקן אויף די פיס, אַ האַלבע האַלקע מיט אַ באַרכענע בלוזקע אויף איר רונדן גוף, אַ וואַרעם טיכל אויפן קאָפּ און איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב. האָט ביים ברונעם אָנגעפילט די ליידיקע עמערס מיט וואַסער, אַריינגעטראָגן אין שטאַל אַריין אַ בינטל פאַשע פאַר די בהמות, צעשאָטן אַ ביסל הירזש פאַר די עופות, צו־בויפגעמישט האָבער מיט שעטשקע און דערלאַנגט דעם פערד אין זשלאָב אַריין צום עסן, אָנגעהאַקט מיט דער האַק שטיקלעך קין און מיט אַ ברעמי האָלץ אויפן ליגקן אָרעם איז זי צוריק אַריין אין שטוב, אונטערגעהייצט די קיך און צוגעשטעלט אַ האָבער־גריץ צום קאָכן.

ווען יונה, איר מאַן, איז געקומען פון דאַוונען פון ערשטן מנין, מיטן טלית און תפילין אונטערן אָרעם, איז שוין דער טיש געווען געגרייט. דאָס זאַלץ־מעסטעלע איז געשטאַנען אויפן פלאַץ און געוואַכט איבער אַ רעפטל ברויט, וואָס איז געווען איבערגעדעקט מיט אַן אויסגענייט טישטעכל, און איבערן צימער איז זיך צעגאַנגען דער געשמאַקער ריח פון אָפּגעקאָכטן האָבער־גריץ.

פון די הייליקע ספרים האָט זי געוווּסט, אַז עס איז געזונט צו עסן

דעם פּת־שחרית באַלד אין דער פרי, ווען מען איז אויסגערוט פון דער נאַכט, האָט דערפאַר הודעס אַכטונג געגעבן, אַז ווען יונה קומט פון דאַוונען, פון ערשטן מנין אין נייעם בית־מדרש, זאָל שוין דאָס ביסל געקעכץ זיין גרייט פאַר דעם איבערבייס. בעת יונה האָט זיך געוואַשן צו שאו ידיכם, האָט אים הודעס אונטערגעטראָגן דאָס האַנטעך און אויף די ברכות געענטפערט אויפן קול: „אָמן“. די גאַנצע צייט וואָס יונה איז געזעסן ביים טיש און געגעסן, האָט הודעס פון אים נישט אַראָפּגענומען דאָס אויג, האָט געהאַלטן וואַך און אַכ־טונג געגעבן אויף אים, האָט געוואַרט אויף אַ רמז, אַז ער וויל נאָך אַביסל גריץ, אָדער נאָך אַ טעפּל שוואַרצע ציקאָריע. ווען יונה האָט אָפּגעגאָסן די פינגער צום בענטשן, איז הודעס אַרויס פון שטוב, האָט איינגעשפּאַנט דאָס פערד אין די האָלובלעס פון וואָגן, צורעכט געמאַכט דעם געזעס, געהאָלפן יונהן אַרויפגיין אויפן וואָגן און אים אַרויסבאַגלייט ביז איבערן טויער אַרי־בער און אים צוגעווונטשן אַ גליקלעכע רייזע, ער זאָל בשלום אָנקומען און בשלום צוריקקומען. הודעס איז דערנאָך אַריין אין שטוב, האָט אויסגעוואַשן און אויסגעטריקנט די כלים פון אָנבייסן, האָט זיי צוריקגעשטעלט אויף אָן אָרט, מיטן בעזים האָט זי פאַרקערט די שטוב און זיך אָנגעהויבן גרייטן צום דאַוונען. זי האָט ראשית געזאָגט די תחינה פון תשובה, דערנאָך די תחינה פון ערב ובוקר און מיט דער תחינה פון מה טובו, האָט זי זיך גע־שטעלט דאַוונען מיט גרויס כוונה. דאָס דאַוונען האָט הודעס פאַרענדיקט מיט דער תחינה: שערי דמעות, וואָס זי האָט געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן.

דעם פּת־שחרית האָט הודעס געגעסן צוזאַמען מיט דעם ישיבה־יינגל, וועלכער האָט ביי איר געגעסן אַ טאָג. יעדער טאָג פון אַלע טעג פון אַ גאַנצער וואָך האָט ביי הודעסן געגעסן אַן אַנדער יינגל פון דער ישיבה, אָדער פון דער תלמוד־תורה. שבת און יום־טוב האָט זי אויך מאכל ומשתה געווען יונהס אורחים, וועלכע ער האָט געבראַנגט אַהיים פון בית־המדרש.

קיין קינדער האָט הודעס מיט יונהן נישט געהאַט. איר טראַכט האָט דער בורא־עולם געהאַלטן פאַרשלאָסן. אין שטעטל האָט מען זי פאַרגליכן צו אַ בוים, וואָס איז אויסגעוואַקסן הויך און גרויס און האָט אָבער קיין פּירות נישט געטראָגן. הודעס האָט אירע אויגן אויסגעגאָסן אין טרערן, האָט געוויינט און געקלאָגט אויף אירע ביטערע זינד, פאַר וועלכע זי איז

פון גאָט, ברוך־הוא, געשטראָפט געוואָרן נישט צו ברענגען קיין קינדער אויף דער וועלט. אין אירע תחינות האָט זי געבעטן גאָט, אַז ער — וואָס האָט זי געשטראָפט מיט דער וועלט, זאָל ער זי כאָטש מזכה זיין מיט יענער וועלט; אַז איר נשמה, וואָס איז פאַרשעמט אויף דער וועלט זאָל חלילה נישט פאַר־שעמט ווערן לעולם הבא.

הודעס האָט געלעבט אַ לעבן פון גרייטן זיך צום עולם האמת. אויף דער זינדיקער וועלט האָט זי נישט געהאַט וואָס צו דערוואַרטן פאַר זיך, האָט זי זיך אָנגעגורט מיט מעשים טובים און מצוות פאַר דער אמתער וועלט. זי איז תמיד געווען הונגעריק און האָט זיך נישט געקענט אָנזעטיקן מיט מצוות און מעשים. אויף איר פלעגן שכנים אין שטעטל זאָגן, אַז זי שלינגט איין מצוות און וויפל זי זאָל נישט איינשלינגען, איז אַלץ נישטאָ קיין גענוג. הודעס אַליין פלעגט זאָגן: „מיינע הענט זענען דאָך ליידיק, ליידיק פון מעשים טובים און ליידיק פון מצוות. היינט, מיט וואָס וועל איך קומען אויף יענער וועלט? איך קאָן דאָך נישט, אַזוי־אָ, אַוועקגיין. רבונו של עולם — פלעגט זי זיך אויסטענהן מיט גאָט — דערבאַרעם זיך איבער מיר און האַלט אין מיר דיין נשמה, בכדי איך זאָל קענען אָנפילן מיינע הענט מיט מעשים, בכדי איך זאָל קענען שטילן דעם דורשט פון מיין האַרץ מיט מצוות און איך זאָל קומען צו דער אייביקער וועלט נישט מיטן ליידיקן".

אירע מעשים האָט הודעס געשטעלט אין רשות פון דעם אויפוואַקסנדן דור. די אַלע טייערע קינדער, די לומדי־תורה, פון תלמוד־תורהס און ישי־בות, וועלכע זענען געקומען אין שטעטל אַריין פון דער אַרומיקער געגנט לערנען תורה ביים ראש־ישיבה, ר׳ שאול. זי האָט זייער וועש געוואַשן, די בגדים פאַרריכט, די זאָקן פאַרצירעוועט און צו אַלעמען געווען ווי אַ מאַמע. טאָמער חלילה איז אַ יינגל פאַרשלאָפט געוואָרן, איז זי געזעסן טעג און נעכט און געוואַכט ביים בעט ווי אַ געטרייע און איבערגעגעבענע מאַמע, האָט צו דער צייט געגעבן דעם לעפל רפואה און דאָס ביסל וואַרעמס, איינגעשמירט דעם גוף מיט די אַלע שמירעכצן, געשטעלט באַנקעס קעגן אַ פאַרקילונג און געזאָגט תהילים פאַר אַ רפואה־שלימה. נישט אומזיסט האָבן זי די ישיבה־בחורים און די יינגלעך פון תלמוד־תורה גערופן: „מאַמע הודעס" און אַזאַ שם האָט זי זיך דערוואָרבן ביי אַלע מאַמעס פון די קינדער אין די שטעטלעך

אַרום, וועלכע האָבן זייערע קינדער געשיקט לערנען צו ר׳ שאולן אין דער ישיבה אַריין.

אַ הויכע, רונדיקע ייִדענע איז געווען הודעס, מיט ברייטע אַקסלען און אַ שמאָלע טאַליע. אין די ייִנגערע יאָרן האָט זי געטראָגן אַ שייטל, שפּעטער ווען אירע האָר האָבן אָנגעהויבן צו שפּראָצן גרוי, האָט זי דאָס שייטל פאַר־ביטן אויף אַ קופּקע, וואָס האָט איר צוגעדעקט דעם קאָפּ און אויך אָנגעוויזן אויף די גרויע האָר. ווען נישט די קופּקע און די רויטע אויגן פון וויינען, וואָלט גאָר קיינער נישט געזאָגט אויף הודעסן, אַז זי איז שוין אַן עלטערע ייִדענע. די גרויקייט פון אירע האָר איז נישט געווען פון יאָרן, עס איז געווען פון זאָרג. אויף איר איז געזיכט איז נישט געווען צו מערקן קיין פאַלדעלע. אַ גע־סקלאַרעוועט פּנים, מיט אַ ריינער הויט, וואָס האָט שימערירט פון געזונט־קייט און פרישקייט. אַז הודעס איז פאַרבייגעגאַנגען די גאַס האָט מען זי ניט געקענט פאַרקוקן. איר געשטעל, אירע טריט, איר פיגור, הויך ווי אַ סאָסנע, האָט ביי אַלעמען אַרויסגערופן אויפמערקזאַמקייט. נאָר אירע אויגן זענען געווען איינגעפאַלן, ווי אויסגעווייקטע גריבער האָבן זיי אויסגעזען, נישט פאַר נחת, נישט פאַר נחת — האָבן מענטשן געזאָגט.

הודעס איז קיינמאָל נישט געגאַנגען פאַמעלעך. תמיד האָט זי זיך נאָר געאיילט, איז מיט שנעלע טריט געלאָפן פון איין עק שטעטל צום צווייטן. עולם האָט געוווסט, אַז זי גייט אין ישיבה אַריין, אין אינטערנאַט, ווו די ייִנגלעך שלאָפן. זי גייט אַכטונג געבן אויף זייער געלעגער; אין דער פרי פאַרבעטן די בעטן און אויף דער נאַכט אויפבעטן די געלעגערס, אַכטונג געבן, אַז די ליילעכער, ציכלעך און קאָלדרעס זאָלן זיין ריין און ציכטיק, די קישנס זאָלן ליגן ווי עס באַדאַרף צו זיין צוקאָפּנס, צונעמען די צעריסענע זאָקן און העמדער, זיי איבערוואַשן, פאַרריכטן און פאַרצירעווען. קליינוואַרג, נאָך פאַר בר־מצווה, אָנטאָפּן די קעפּלעך, נאָכזען צי די שיכלעך און שטיוועלעך זענען גאַנץ, צי עס פעלט נישט אַ פּאָר האַלבע זוילן, איבערקוקן די מלבושים צי עס פעלט ניט ערגעץ אַ קנעפּל — זי האָט נאָכגעפאָלגט די תלמידים ווי אַ געטרייע מאַמע.

האָט אַ ייִנגל געפעלט אַ טאָג צום עסן, האָט שוין ר׳ שאול דער ראש־ישיבה געוווסט צו שיקן צו הודעסן. נישקשה, פון הודעסעס טיש איז נאָך קיינער נישט אַוועקגעגאַנגען אַ הונגעריקער, און אַז מען האָט באַדאַרפט

האָבן האַלץ צו באַהייצן דעם אינטערנאַט און גרויסן בית־מדרש, ווו מען איז געזעסן און געלערנט, האָט דאָס אויך באַזאָרגט הודעס. זי האָט זיך מיט יונהן מצרף געווען צום געשפּאַן, געפאָרן אין וואַלד אַריין און געברענגט האַלץ. ווי גיך מען איז אַריין אין חודש אלול, ווען פיש אין וואַסער הייבן אָן צו ציטערן, ווען קילע ווינטן הייבן אָן בלאָזן און דער קול־שופר דער־מאָנט אונדז די ימי־דין והרחמים, האָט הודעס מיט יונהן באַזאָרגט די ישיבה מיט האָלץ פאַר דעם ווינטער עס זאָל זיין מיט וואָס צו הייצן די אויוונס אין בית־מדרש און אין אינטערנאַט, די קינדער זאָל זיין וואַרעם ביים לערנען תורה.

הודעס האָט געדענקט, אַז אין אירע יונגע יאָרן, ווען זי איז נאָך אַ קינד געווען, האָט איר טאַטע ישראל־ברוך, דער עסיק־מאַכער אין שטעטל, ווען ער פלעגט ווינטער־צייט בעלות הבוקר אויפשטיין צו גיין לערנען אין בית־מדרש אַריין, האָט ער ראשית־כל, איידער ער האָט פאַרלאָזן דאָס הויז, פריער איינגעהייצט דעם אויוון עס זאָל זיין וואַרעם אין שטוב, די קינדער זאָלן זיך פילן וואַרעם און אנגענעם. אויך די קינדער פון ישיבה און תלמוד־תורה, וואָס זענען געקומען פון אַלע שטעטלעך אַרום דאַרף זיין וואַרעם ביים לערנען.

פון קיין רחמנות האָט הודעס נישט געהאַלטן. זי האָט געוווסט אַז דער איינציקער בעל־הרחמים איז נאָר דער בורא־עולם. וואָס מ׳שטיינס געזאָגט — פלעגט זי זאָגן — פאַרשטייט עס אַ מענטש אין רחמנות. עס גיט אים אַ טיאָכקע ביים האַרצן, אַז ער זעט אַ קראַנקן, אָדער אַ הונגעריקן, דאָס האַרץ־קלעמעניש דויערט אַ סעקונדע און דערנאָך ווערט דאָס האַרץ צוריק פאַר־שטיינערט. עמעצער מאַכט לייכטער דאָס האַרץ מיט אַ טרער, אַ צווייטער קומט איבער דעם רחמנות מיט אַ קרעכץ און אַ דריטער פאַרמאַכט די אויגן ער זאָל חלילה נישט דאַרפן קוקן דעם רחמנות אין פּנים אַריין. אויף אַלע מענטשן איז אַ רחמנות — האָט הודעס געזאָגט. דער איינציקער בעל־רחמנות איז דער רבונו־של־עולם אַליין. ער איז זיך מרחם אויף זיינע שעפעלעך.

ערב ראש־חודש אלול, ווען ר׳ שאול האָט פאַרן בנין פון דער ישיבה אויסגערעכנט הודעסעס מעלות, אירע מעשים טובים, אירע מידות און מצוות און האָט דערביי אונטערגעשטראָכן איר וואַרעם האַרץ, איר מוטערלעכע

געפילן צו די אַלע קינדער, גרויס און קליין, וואָס לערנען תורה אין דער ישיבה, פאַר וועמען זי איז אַ מאַמע געווען, — האָט דאָס גאַנצע שטעטל, יונג און אַלט, די יינגלעך פון דער תלמוד־תורה און די בחורים פון דער ישיבה, עדות געזאָגט, אַז זי גייט נישט אַוועק מיטן ליידיקן, אַז דאָס אַלץ וואָס זי האָט דעם גאַנצן לעבן אָנגעגרייט, ווערט איר געלייגט צוקאָפּנס אין קבר און וועט איר טייער האַלטן און וואַרעמען אין דער אייביקייט.

שרה־עלקע, די פרנסה־נעבעריו

אַ הויכע און אַ דאַרע ייִדענע איז געווען שרה־עלקע. הויט און ביינער, ממש אַ סקעלעט. פון די קינבאַקן האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט צוויי שפּיציקע שטשאקעס, וואָס האָבן בלאכסונדיק אָנגעוויזן אויף דער האַלב־רונדער נאָז, וואָס האָט ביי איר אויסגעזען ווי ביי אַ האָן דער קאַם. אויגן האָט זי געהאַט איינגעפאַלענע, מיט פאַררויטלטע ברעמען. די רויטקייט האָט גיכער דער־מאָנט איינגעפאַלענע ווונדן, ווי אויגן. לענגלעכע אויערן און שמאָלע ליפּע־לעך. אַ פאַרטרוקנטער שטערן מיט קנייטשן און אויסגעדאַרטע שלייפן האָבן אַרונטערגעקוקט צו אַ לענגלעכן האַלדז מיט נאָכגעהאנגענע שטיקער אויס־געטרוקנטע הויט. ביי די זייטן פון קאָפּ האָבן זיך געזילבערט גרויע פּאַס־מעס האָר, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזעזן פון אונטערן שייטל.

אין שטעטל האָט מען זי געקענט אַלס די באָבע שרה־עלקע. קיינער האָט נישט געדענקט ווען זי איז אַ מאַמע געווען. אויך שרה־עלקע אַליין האָט אין דעם נישט געדענקט. איר האָט זיך אויסגעוויזן ווי זי וואָלט איר לעבן אָנ־געהויבן מיט אייניקלעך. ווען האָט זי דען געהאַט צייט, כּוח און געדולד אויף צו האָדעווען קינדער, אַז דער גאַנצער עול פון פּרנסה איז געפאַלן אויף אירע פּלייצעס און פאָרויס גאָט און דערנאָך זי, האָט באַדאַרפט שפּייזן דאָס גאַנצע הויז־געזינד, וואָס איז באַשטאַנען פון שרה־עלקען מיט איר מאַן הערש־לייבן, דעם בכור איצל מיט זיין ווייב סערקע און זעקס פּיצלעך עופהלעך, איינס קלענער פאַרן אַנדערן; ישראל־שאַיע מיט זיין ווייב העניע־גיטל און צוויי מיידלעך, — די עלטערע שוין אַריבער שמונה־עשרה, זלאַטע־ברײַנע מיט איר מאַן זלמן, אָן קינדער בעבעך, און די ייִנגסטע טאָכטער — פאַיע דאָס מוזיניקל, — די אלמנה נעבעך מיט דריי ייִנגע שוואַלבן, איינס אויף די הענט און צוויי ביים פאַרטעך.

בעת שרה־עלקע האָט חתונה געהאַט האָט איר דער פאָטער, דער דיין, צוגעזאָגט, אַז איר מאַן הערש־לייב וועט בעזרת־השם זיין דער מורה־הוראה אין שטעטל. פאַר דעם צוועק זאָל ער נאָך דער חתונה נאָך זיצן אין וואָלאָזשין און דאָרט לערנען אַ יאָר־דריי און ביז ער וועט ווערן מיט גאָטס הילף מורא־הוראה, וועט זי באַקומען פאַר זיך און פאַר די קינדער, וואָס וועלן קומען, מיטן אויבערשטנס הילף, — קעסט.

כך־הוה, אַזוי איז טאַקע געווען. נאָך שבע־ברכות איז זיך הערש־לייב מיטן טלית און תפילין אַוועקגעפאָרן קיין וואָלאָזשין און שרה־עלקע איז פאַרבליבן ביים טאַטן דעם דיין. די מאַמע האָט איר אָפּגעגעבן אַן אַלקער, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אויסגעגעבענער טאָכטער. פון ראש־חודש צו ראש־חודש, צום מולד־צו, פלעגט הערש־לייב אַריינקומען פון וואָלאָזשין אויף אַ טאָג־צוויי, זיך צו זען מיט שרה־עלקען, צו כאַפּן אַ שמועס מיט שווער און שוויגער און טאַקע אויך מיט אייגענע טאַטע־מאַמע, ברוך־יאָסל דער מעד־מאַכער און זעלדע די שדכנטע.

צו דער חתונה איז שרה־עלקע געווען אַ בליִענדע רויז, בלוט און מילך, גאָטס שיינקייט איז געווען אויסגעגאָסן אויף איר געזיכט און אויפן גאַנצן גוף. קיינער וואָלט נישט וואָגן זאָגן, אַז דאָס שטאַמט זי פון אַ ריפּ פון אדם־הראשון, נאָר זי שטעלט מיט זיך פאָר אַ בילד פון צלם אלוקים. אַ קאָפּ שוואַרצע האָר ווי סאַמעט, מיט געדיכטע לאָקן. ווען שיינדעלע די טיקערין האָט די האָר אָפּגעשוירן פאַר טבילה גיין, האָט זי זיך אַליין נישט געקענט אָפּוווּנדערן פון דער שיינקייט. אַ געטאָקטע פיגור, טיף־בלויע אויגן און אַ פּנים וואָס האָט געשיינט ווי די זון אין הימל, אויף אַלע יידישע טעכטער געזאָגט געוואָרן.

ויהי היום און עס איז געקומען אַ טאָג, ווען שרה־עלקע האָט דערפילט, אַז זי איז נישט אַליין, אַז גאָט ברוך־הוא האָט זי מזכה געווען קינדער צו האָבן. זי איז אַריין אין די קליינע וואָכן, עס האָט איר אָנגעהויבן איבלען, דער קאָפּ האָט אַביסל געשווינדלט און אַלע סימנים האָבן באַוויזן, לויט ווי איר מאַמע זעלדע און אַנדערע שכנות האָבן דערקענט, אַז דאָס ערשטלינג וועט מיט מזל זיין אַ בן־זכר.

הערש־לייב איז געקומען צום ברית און איז שוין פאַרבליבן מיט דער יולדת ביז איבערן פדיון־הבן.

ווען הערש־לייב איז געקומען פון וואָלאָזשין אַהיים נאָך די דריי יאָר, טאַקע אויף צו פאַרנעמען די שטול פון מורה־הוראה אין שטעטל, אַזוי ווי מען האָט אָפּגערעדט, האָט שוין שרה־עלקע געהאַט צוויי קינדער, אַ יינגל מיט אַ מיידל; דער יינגל איז געווען: איצל דער בכור, און דאָס מיידעלע — זלאַטע־ברײנע. איצל איז שוין געווען אַנטוויינט פון דער מאַמעס ברוסט און זלאַטע־ברײנע האָט נאָך געצויגן פון דער מאַמעס מילך.

דער אַלקער איז געוואָרן צו ענג; זאַלבע־פערט אין אַ חדר, דערצו נאָך אָן אַ פענצטער און אָן אַ טיר, דער אַריינגאַנג בלויז מיט אַ פאָרהאַנג פאַרהאָנגען. די קינדער האָבן באַדאַרפט פרישע לופט, ריינע לופט אויף צו אָטעמען, לופט וואָס קומט פון דרויסן. פון דער שטעלע אַלס מורה־הוראה איז עפּעס גאָרנישט געוואָרן. קהל האָט אָנגעהויבן מורמלען, אַז עס איז גענוג פאַרן שטעטל אַ רב מיט אַ דיין און מ׳קאָן נישט נעמען אויף זיך נאָך אָן עול אויפצוהאַלטן אַ מורה־הוראה: כשר פלייש קאָסט שוין סיי ווי גענוג טייער, אַ גאַנצע וואָך עסט דאָך נישט דאָס שטעטל קיין פלייש, נאָר בלויז משבת לשבת און יום־טובים צייט, היינט פון וואַנען זאָל עס קהל קענען פון דער שחיטה בלויז אויסהאַלטן אַלע קהלשע הצטרכותן? קהל האָט געטענהט, אַז דאָס נעמען נאָך אַ מורה־הוראה וועט פאַרלאַנגען צו העכערן שחיטה־געלט, היינט פון וואַנען זאָל עס יידן קאָנען באַצאָלן אַזאַ הויכן פּרייז? אין די שכנהשע שטעטלעך קריגט מען כשר פלייש מיט אַ דריטל ביליקער, טאַקע דערפאַר, ווייל דאָרט האָבן זיי נאָר אַ רב, וואָס איז אַ מורה־הוראה און אַ דיין און אַז חס־ושלום דער שוחט ווערט פאַרשלאָפט קען ער שחיטה אויך. נישט אַנדערש ווי יידן וועלן ברענגען כשר פלייש פון די שכנותדיקע שטעטלעך און דאָס וועט נאָך מער פאַרקלענערן די הכנסה פון שחיטה־געלט פאַר דער קהילה. אלא וואָס דען, האָט קהל געטענהט, דער רב וועט אסרן בשר־חוץ, דאָס הייסט, אַז מען טאָר נישט אַריינברענגען קיין געשאָכטענע פלייש פון אַן אַנדער שטאָט? צו וואָס־זשע וועט עס אויסגיין, אַז יידן וועלן אין גאַנצן אויפהערן עסן פלייש. קעגן פסק־דין פון רב וועלן זיי זיך טאַקע נישט אַנטקעגנשטעלן, אָבער מיטן אייגענעם מאָגן וועלן זיי יאָ פאַרפירן אַ מחלוקת און אויף שבת זיך באַנוגענען בלויז מיט דגים און דעם טעם פון בשר טראָגן אין דער מחשבה.

הערש־לייב איז אַרומגעגאַנגען אַ פאַרזאָרגטער. עס איז אים נישט

איינגעגאַנגען דער ביסן ברויט, וואָס ער האָט געגעסן פון שווער און שווי־גערס קעסט. אין קלייניקייט! אַזאַ אחריות! אַ ווייב מיט צוויי פּיצלעך קינדער. אמת, טאַקע — שווער און שוויגער רעדן חלילה נישט קיין וואָרט, זיי דערמאָנען נישט מיט קיין סימן, אַז דער טערמין פון דריי יאָר קעסט האָט זיך געענדיקט, הס מלהזכיר! און אַז עס דאַרף דויערן נאָך דריי יאָר, טאָ וואָס איז? אַבי שרה־עלקע מיט הערש־לייבן מיט די קינדערלעך זאָלן נאָר זיין געזונט און שטאַרק. דער דלות סטייעט פּאַר אַלעמען. איז נאָך אַ רעפּטל ברויט מיט אַ ביסל זאַלץ ביים טיש. הערש־לייב אָבער האָט עס נישט געקענט איבערטראָגן. אמת, מען האָט אים גערעדט שידוכים מיט אַנדערע קהילות אויף איבערצונעמען נישט נאָר כסא־הוראה, נאָר אַפילו כסא־הרבנות. אין אייניקע פלעצער איז ער אַפילו געפאָרן אויף שבת און גע־האַלטן זיינע דרשות נאָכן לייענען אינדערפרי און אָוונטצייט צווישן מנחה־מעריב. גרויסן זענען אָנגעקומען פון די שטעטלעך, אַז דער עולם האָט אַפילו געלעקט די פינגער פון הערב־לייבס דרשות, אָבער אויף צו שרייבן אַ כתב־רבנות האָט זיך קהל נישט געאיילט. ואם יש — טאָמער איז דאָ עפּעס בע־סערס און אויף בעסערס איז דאָך נישטאָ קיין שיעור.

שרה־עלקע האָט נישט געקענט צוקוקן דעם צער פון הערש־לייבן. זי האָט אויך נישט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי תורה זאָל זיך דאַרפן בוקן פאַר קהל. זי האָט געוווסט, אַז קהל דאַרף אָפּגעבן כבוד תורה. זי האָט ניט גע־קענט משלים זיין מיטן געדאַנק, אַז איר הערש־לייב, דער וואָלאָזשינער עילוי, דער גרויסער בן־תורה, מיט וועמען די גאַנצע געגנט האָט געקלונגען, זאָל זיך דאַרפן בוקן פאַר קהל און צוליב פּרנסה זיך איינבעטן אויף אַ שטעלע פון אַ מורא־הוראה. איך וועל עס נישט דערלאָזן, — האָט זי געטענהט צו הערש־לייבן. — זיי נישט געפאַלן ביי זיך, הערש־לייב, — פלעגט זי צו אים זאָגן ביינאַכט אויפן געלעגער אין דער מאַמעס אַלקער. צו ערשט גאָט און דערנאָך איך וועל דיר העלפן אָפּהיטן און טראָגן מיט כבוד די קרוין פון דער תורה.

שרה־עלקע האָט באַשלאָסן צו נעמען דעם גורל פון חיונה אין אירע הענט.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט זי זיך פאַרפּוצט אין חתונה־קלייד, האָט אַרויסגענומען די אויערן פון אונטערן שייטל, האָט גענומען מיט זיךביידע

קינדער און איז אַוועקגעפאָרן אין דער גובערניע אַריין; איז אַליין געגאַנגען רעדן מיטן גובערנאַטאָר. דאָס לשון המדינה האָט שרה־עלקע גוט געקענט. ראשית, האָט זי זיך געלערנט קינדווייז ביי גאָדל דעם לערער; שנית, פלעגט זי דאָך רעדן מיט די קריסטלעכע שכנים און איז געווען אָנערקענט אינעם שטעטל אַלס די בעסטע „פראָשעניע״־שרייבערין.

ביים גובערנאַטאָר האָט שרה־עלקע געבעטן אַ דערלויבעניש צו מאַכן ריטועלן ווייַן, דאָס הייסט כשרן ווייַן אויף קידוש און אויף אַנדערע צוועקן. זי האָט געזאָגט דעם גובערנאַטאָר, אַז איר מאַן איז אַ ראַבינער, אָבער ביז ער וועט באַקומען אַ שטעלע קומט איר אויס דערווייל מיט די קינדער זיך צו פּלאָגן. זי וואָלט וועלן אַראָפּנעמען דעם פּרנסה־עול פון מאַן, בכדי ער זאָל נישט זיין געצוווּנגען אָנצונעמען אַ שטעלע פון אַ גייסטיקן פירער אונטערן דרוק פון ברויט־נויט.

שרה־עלקע האָט געמאַכט אַ רושם אויפן גובערנאַטאָר. איר גלאַטיק ציגל אויפן לשון המדינה איז געגאַנגען ווי אויף שרויפן. זי האָט פריִער זיך אויסגעחזרט אויף אויסנווייניק אַלץ וואָס זי דאַרף זאָגן, אַזוי, אַז איר האָט חלילה נישט פאַרפעלט קיין וואָרט. זי האָט דעם גובערנאַטאָר געזאָגט דעם אמת. אירע אויפריכטיקע ווערטער — דברים היוצאים מן הלב — האָבן געווירקט. ווען דער גובערנאַטאָר האָט אַ קוק געטאָן אויף שרה־עלקען און אויף אירע צוויי שוואַלבן, אויף וועמען די שכינה האָט גערוט, האָט אים משמעות אַ גוטער מלאך פון הימל אונטערגעזאָגט, אַז ער זאָל באַווילִיקן שרה־עלקען איר בקשה. און אַזוי טאַקע האָט ער געטאָן. ער האָט אויפן אָרט אַריינגערופן איינעם פון זיינע געהילפן און באַפוילן גלייך, אין זעלבן טאָג, אַרויסצוגעבן צו שרה־עלקען אַ קאָנצעסיע אויף צו מאַכן ווייַן פאַר ריטועלע צוועקן און אַז די קאָנצעסיע זאָל זיין חל אויפן גאַנצן „אויעזד״.

ווען שרה־עלקע איז צוריקגעקומען מיט דער באַן פון דער גובערניע איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט.ביידע קינדער האָט זי געטראָגן אויף די הענט. איצעלע איז געשלאָפן אויף איין אָרעם און דאָס מיידעלע אויפן צווייטן אָרעם. הערש־לייב איז געווען אומרויִק, האָט נישט געוווּסט וואָס איבערצו־קלערן. אַוועקגעפאָרן אויף אַ גאַנצן טאָג און נאָך נישטאָ צוריק. אמת, זי האָט טאַקע געזאָגט, אַז זי פאָרט אין דער גובערניע, זי האָט אָבער נישט געזאָגט נאָך וואָס זי פאָרט.

אין אַלקער האָבן זיך פאַרזאַמלט טאַטע־מאַמע און שווער און שוויגער און האָבן אויסגעהערט דעם באַריכט פון שרה־עלקען, אַז זי האָט פון גובער־נאַטאָר אַליין באַקומען אַ קאָנצעסיע אויף צו מאַכן ווייַן פאַר ריטועלע צוועקן. זי האָט אַרויסגענומען דאָס פּאַפּיר, שוואַרץ אויף ווייס, און האָט עס באַוויזן. בעת שרה־עלקע האָט דערציילט, איז הערש־לייב געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל אַ פאַרגאַפטער. איין קלייניקייט! האָט אַליין גערעדט מיטן גובערנאַטאָר, אַן אַ דאָלמעטשער. אויף דעם האָט ער זיך נישט געריכט. אמת, ער האָט געוווסט, אַז זיין שרה־עלקע קאָן דאָס לשון המדינה, אָבער אַז זי זאָל זיך אָנטאָן אַ כוח און אַליין גיין רעדן מיט אַ גובערנאַטאָר — אויף דעם האָט ער זיך נישט געריכט, אָבער, אַז ער האָט געהאַלטן די געשריבענע קאָנ־צעסיע פון גובערנאַטאָר אין האַנט, האָט ער דערפילט אַ לייכטקייט אויפן געמיט. אים איז ווי אַרונטער אַ שווערער שטיין פון האַרצן. דער אָטעם איז געגאַנגען לייכטער. דער בערוון־דרוק האָט ווי נאָכגעלאָזט. ער האָט טיף גע־קענט אַ ציִ טאָן מיט זיינע באָזלעכער, וואָס איז פאַרגאַנגען אַזש ביז אונטערן מאָגן און אַרויסאָטעמען מיטאַמאָל די גאַנצע לופט.

שווער און שוויגער האָבן פּרובירט אַ הייב־טאָן מיט די פּלייצעס און כאילו אויסדריקן ספיקות צי דער גאַנצער ענין איז אַן עניין. ווי וועט עס הערש־לייב קאָנען פירן אַ פאַבריק פון ווייַן און צי וואָס דאַרף ער עס גאָר בכלל? פון וואָלאָזשין צו אַ ווייַן־קוועטשער? ברוך־יאָסל האָט געוווסט, אַז פון אַ באַנק־קוועטשער ווערט מען ראשית אַ מורה־הוראה און דערנאָך אַ רב, אָבער אַז מען זאָל פון אַ באַנק־קוועטשער ווערן אַ ווייַן־קוועטשער, דאָס האָט זיך שווער און שוויגער נישט געלייגט אויפן שכל. ברוך־יאָסל אַליין האָט געוווסט דעם טעם פון ראַנגלען זיך פאַר פּרנסה מיט זיין מעד־פאַבריקל. דעם גאַנצן לעבן זיינעם האָט ער געהאָפט, אַז זיין זון וועט זיין אַ רב און איצט אַזאַ מעשה. זיין שנור, דעם דייגס טאָכטער, ציט גאָר צום מסחר, צו מאַכן ווייַן. ווי האָבן עס ייִדן געלעבט אויף ווייַן. דאַנקען גאָט, אַז זיי קענען פאַר זיך איינלייגן אַ ביסל ראָזשינקעס אויף פּסחדיקן ווייַן פאַר ארבע־כוסות. ברוך־יאָסל האָט געהויבן מיט די פּלייצעס, מיט איין אויג געקוקט אויפן זון — מיט אַן אויג פון באַדויערן, און מיטן צווייטן אויג געקוקט אויף שרה־עלקען די שנור — מיט אַן אויג פון כעס. הערש־לייב אָבער האָט זיין ווייב צוגעגעבן קוראַזש און געזאָגט, אַז ער וועט מיטהעלפן מיט אַלע זיינע

כוחות אין דער אַרבעט און אַז ער זעט אין דער קאָנצעסיע אַן אצבע־אלוקים, גאָט אַליין וויל נישט, אַז ער זאָל פון זיין לערנען מאַכן אַ קרדום לחפור בו, דאָס הייסט מאַכן אַ לעבן פון לימוד התורה. ער האָפט צו גאָט, אַז צ׳ען חיונה וועט מען טאַקע קענען פון דער וויין־פאַבריק און לערנען תורה וועט ער אומגעשטערט און נישט זיין אָנגעוויזן אויף קהל.

שרה־עלקען איז נישט געווען שווער קיין זאַך ,אַבי צו העלפן איר מאַן. אין אַ קורצע צייט האָט זי איינגעאָרדנט אַ שיינע וויין־פאַבריק, האָט איינגעקויפט גרויסע פעסער מיט הילצערנע רייפן, פּרעס־מאַשינען, פלעשער, קאָרקעס, ראָזשינקעס מיט וויינטרויבן, האָט געלאָזט דרוקן עטיקעטן מיט די פאַרשידענע וויין־טעמים, האָט אַוועקגעשטעלט ביים פּרעס־מאַשין ישראל־בערן, אַן אַלטער וויין־מאַכער און ביים אָנגיסן די פלעשער — משהן דעם משמש פון נייעם בית־מדרש. הערש־לייב איז געזעסן אין אַ באַזונדער צימער, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר די אַקציזניקעס, וואָס קומען קאָנטראָלירן צי די פלעשער ווערן אַרומגעוויקלט מיט די באַנדראָלן פון מלכות. דאָרט איז הערש־לייב געזעסן און געלערנט לשמה. די ערשטע צייט איז שרה־עלקע אַליין אַרומגעגאַנגען אין די קראָמען און אויך איבער די הייזער און האָט פאַרגעלייגט מען זאָל קויפן ביי איר וויין. נישט לאַנג האָט געדויערט וועז פון גאַנצן געגנט איז מען געקומען צו שרה־עלקען איינקויפן וויין. גרויסע וויין־קרעמער האָבן געקויפט שרה־עלקעס וויין. יידן אין שטעטל האָבן געזאָגט, אַז דאָס מזל האָט איר אָפּגעגליקט און דאָס איז אין זכות פון דעם, וואָס זי האָט נישט געלאָזט די תורה קנ׳ען פאַר קהל. זי האָט אָפּגעהיטן איר מאַן דעם למדן, דעם גרויסן בר־סמכה, אַז ער זאָל חלילה זיך נישט דאַרפן בוקן פאַר קהל, זיי זאָלן אים אָנשטעלן פאַר מורה־הוראה אין שטעטל. זי האָט געהאָלפן אָנהאַלטן און אָפּהיטן דעם כבוד התורה.

יאָרן זענען זיך פאַרביי. קינדער האָבן זיך געהאָדעוועט ביי שרה־עלקען אין עושר און אין כבוד. מען האָט געטאָן שידוכים און געפּראַוועט חתונות ביי זין און טעכטער. אַלעמען אַריינגענומען אַלס שותפים אין דער וויין־פאַבריק און עס האָט ברוך־השם פאַר אַלעמען געסטייעט חיונה.

ווען יידן אין שטעטל האָבן אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם פון שרה־עלקעס גליקן, ווען דער מזל האָט דורך טיר און דורך טויער געבראַכט שפע, האָבן זיי איר שוין געזען אַ באַבען, אַן אויסגעאַרבעטע, אַ פאַרעלטערטע

פרוי, וואָס האָט קוים דעם אָטעם געצויגן, דאַר ווי אַ סקעלעט, הויט און ביינער. שרה־עלקען אַלס מאַמע האָבן ייִדן אין שטעטל נישט געזען און נישט געקענט. ווי פלעגט שרה־עלקע זאָגן אויף זיך אַליין: ווען האָב איך עס געקענט זיין אַ מאַמע, אַז איך האָב באַדאַרפט זיין די פּרנסה־געבערין, די שפּייזערין פון דעם גאַנצן הויז־געזינד, בכדי הערש־לייב זאָל קענען זיצן און לערנען תורה. די ווייַן־פאַבריק, דער הוהאַ, דאָס גרויסע גליק, די געשעפטן האָבן פאַרשטעלט דער מאַמען.

עדול־בײַלע, די אַפּוטרופּוסטע

עדול־ביילע איז געווען אַ שם־דבר אין שטעטל. אַלע האָבן זי געקענט. קינד און קייט; אלמנות, זקנים און יתומים האָבן געקלעפּט צו איר ווי צו אַ מאַמען. אָרעמע און קראַנקע, פאַרזעסענע און נישט־דערבאַקענע זענען געווען אונטער איר אפּוטרופּסות.

זענען געזעסן צוויי, אָדער דריי ווייבער אויף דער פּריזבע, אָדער זיי האָבן זיך באַגעגנט באַגינען ביים ברונעם, צי ביי דער בעקערין, איז דאָס געשפּרעך געווען וועגן עדול־ביילען. איינע האָט דערציילט וועגן אירע מידות און מעשים טובים, די צווייטע האָט געהאַט צו דערציילן וועגן עדול־ביילעס פרומקייט און גאָטספאָרכטיקייט און די דריטע האָט געלויבט עדול־ביילעס בריהשקייט.

עדול־ביילע איזווירקלעך געווען אַ גרויסע בריה, ממש נישט צו באַשרייבן. ווייבער אין שטעטל האָבן זיך געהאַלטן אין איין וווּנדערן און איינע האָט ביי דער צווייטער געפרעגט: ווו נעמט עס עדול־ביילע אויף אַלץ צייט?

אָנגעהויבן דעם טאָג האָט עדול־ביילע כעלות השחר, גלייך מיט די היינער. גלייך נאָכן אָפּגיסן נעגל־וואַסער האָט עדול־ביילע אַרויפגעכאַפּט אויף זיך אַ מלבוש און אַרויסגעלאָפן פון שטוב, גייענדיק מיט איילנדיקע טריט צום שטעלכל, ווו זי האָט געהאָדעוועט עטלעכע עופות, און האָט זיי אָנגעקאָרמעט מיט קרישקעס, וואָס זענען פאַרבליבן פון שבת־געבעקס און מיט אַביסל האָבער, וואָס זי פלעגט באַקומען ביי חיים־יונהס — דעם בעל־עגלה.

ווען הערש־יודל איז געגאַנגען פון ערשטן מנין אין בית־מדרש מיטן טלית און תפילין אונטערן אָרעם, האָט שוין עדול־ביילע געהאַט פאַרטיק אַביסל וואַרעמע גריץ איינגעקאָכט מיט אַן אָנגעפּילט העלדזל. די שטוב איז שוין געווען אויסגעקערט און אויפגעראַמט, די פאָדלאָגע באַשאָטן מיט אַ

פריש געלן זאַמד ,די קאַדעשקע איז שוין געווען אָנגעפּילט מיט פריש וואַ־סער פון ברונעם, און אין מולטער איז שוין געשטאַנען פאַרראַשטשיניעט, גרייט צום קנעטן אַ טייג, צו באַקן חלה אָן זאַלץ פאַר הערש־יודלען, וועלכער איז געווען אַ נירן־ליידנדער און האָט נישט געטאָרט נוצן קיין זאַלץ צום עסן, בכדי דאָס וואַסער ביי אים זאָל זיך חלילה נישט פאַרהאַלטן. אויפן וואַליק פון אַ צוקאָפּנס וועגטל פון אַ בעט האָבן געהאַנגען צוויי פאַסמעס אויסגעפּלאָנטערטער באַוול, גרייט צו שטריקן. דער אויוון האָט שוין געגליט פון די ברענענדיקע קוילן, גרייט איינצושלינגען מיטן ערשטן פלאַם די חלהלעך פאַר הערש־יודלען.

איידער הערש־יודל איז געווען פאַרטיק מיטן בענטשן איז עדול־ביילע געווען גרייט אַרויסצוגיין אין גאַס אַריין מיט עטלעכע פאַרפּאַקטע פעקעלעך אונטערן אָרעם!

וואָס עדול־ביילע האָט געהאַלטן אין די פעקעלעך האָט הערש־יודל קיינמאָל ניט געפרעגט, ווי אים וואָלט עס ניט אָנגעגאַנגען. טיף אין האַרצן האָט אָבער הערש־יודל געוווּסט, אַז די פּעקעלעך האָבן צו טאָן מיט צדקה. ניט אויסגערעדט זאָל עס זיין; אַ שטאָט מיט אָרעמעלייט, מיט שוואַכע און קראַנקע. מען ווייסט ניט ווען פריער. די נויט איז גרויס. איין גאָט זאָל זיך מרחם זיין. די בהמות קעלבן זיך נישט. די פעלדער זענען געווען מאַ־גער און אַרויסגעגעבן פון זיך שיטערע תבואה־זאַנגען. די פּויערים פון געגנט האָבן ניט וואָס צו פאַרקויפן און האָבן ניט פאַר וואָס צו קויפן אַפילו אַ קוואַרטירל נאַפט. שטייען די קרעמלעך אין שטעטל און פוסטעווען, ביטאָ קיין קונים. עס שמעקט אין זיי ניט אַריין אַפילו קיין יליד אישה. אויך אין אַ מאַרק־טאָג איז ניטאָ פון וועמען צו לייזן אַ גילדן. איז טאַקע די נויט רחמנא־ליצלן זייער גרויס, פלעגט הערש־יודל אַ זיפץ־טאָן און אַליין זיך דערביי איינגעניורעט, ווי ער וואָלט זיך געפילט שולדיק פאַר האָבן אָפּגע־געסן אַן אָנבייסן, בעת אַנדערע זענען נעבעך הונגעריק.

עדול־ביילע האָט איר הערש־יודלען ניט געלאָזט זאָרגן פאַר פרנסה הערש־יודל איז געווען אַ ייד אַ חלוש. האָט קוים דעם אָטעם געצויגן, האָט מיט שוועריקייט די פיס געשלעפּט פון שטוב אין בית־מדרש אַריין און צוריק דריי מאָל דורכן טאָג; צו שחרית, צו מנחה־מעריב און דערנאָך צו לערנען משניות. אויפן וועג פון, אָדער צום, בית־המדרש פלעגט זיך הערש־יודל

צווי אָדער דריי מאָל מוזן אָפּשטעלן אויף אָפּרוען, ווייל דער אָטעם האָט אים פאַרהאַקט און ניט געלאָזט גיין. טאָמער האָט זיך הערש־יודל פאַר־הוסט, איז געווען הימל עפּן זיך, ממש אַ צער־חיים. דער הוסט האָט זיך געטראָגן מיט אַ קול ווי פון אַ הוילער פאַס אַרויס. עדול־ביילע האָט גע־מעגט זיין ווי ווייט, ערגעץ אין צווייטן עק שטאָט, האָט זי אָבער דערהערט איר הערש־יודלען הוסטן איז זי געקומען צולויפן, אירע פיס האָבן זי גע־טראָגן ווי פייל פון בויגן. דאָס ערשטע וואָס עדול־ביילע האָט געטאָן איז געווען אַריינצולייגן הערש־יודלען אין מויל אַריין אַ שטיקל קאַנדל־צוקער, אַמאָל פלעגט זי נאָך דעם קאַנדעל־צוקער באַנעצן מיט אַ פּאָר וואַלעריאַנער טראָפּנס, און ביי די הענט אים אַהיימגעפירט, אין שטוב אַריין. אין שטוב האָט עדול־ביילע, הערש־יודלען אויסגעטאָן די שטיוול, אַוועקגעלייגט אים אויפן סאָפקע, געמאַכט אַ גלאָז וואַרעמס, אים געגעבן צו שמעקן קאַמפער און קוים, קוים אים אָפּגעכייעט.

דרייען האָבן זיך באַשעפטיקט מיט עדול־ביילעס פּרנסה: גאָט האָט גע־געבן, הערש־יודל האָט געבעטן און עדול־ביילע האָט געבראַכט. היינט וואָס האָט עס עדול־ביילע ניט געטאָן פאַר פּרנסה, איז דען עפּעס געווען אַ שווערע זאַך פאַר איר, וואָס זאָל זי אָפּהאַלטן פון טאָן? חלילה וחלילה! זומער האָט עדול־ביילע געהאַלטן אַ סאָד אונטערן שטאָט און געטראָגן אויף די אָרעמס: קאָשיקעס מיט קאַרשן, מיט פלוימען, מיט עפּל און באַרנעס, איז געשטאַנען מיט די קיישלעך פּרוכטן אויפן נייעם מאַרק און פאַרקויפט די פּירות. פלעגט צוקומען אַ יונגער חדר־ייִנגל וועמען די מאַמע האָט געגעבן אַ פּאָר קאָפּיקעס צו קויפן אַ פּאָר עפּל אָדער באַרנעס מיטצונעמען אין חדר אַריין, האָט עדול־ביילע אָנגעזאָגט דעם ייִנגל, אַז ער זאָל למען־השם ניט פאַרגעסן צו מאַכן אַ ברכה ביים עסן! גלייך נאָך די יום־טובים, האָט עדול־ביילע זיך פאַרנומען מיט איינלייגן קרויט, אוגערקעס, פּרעגלען פלוימען אויף איינ־געמאַכטס פאַר די רייכע בעל־הביתטעס. זי האָט געהאָלפן פּרעגלען אין פאַרמעגלעכע הייזער דאָס גענדזענע שמאַלץ אויף פּסח, איינלייגן בוראַקעס פאַר פּסחדיקן ראָסל און ראָזשינקעס אויף ווײַן צו ארבע כוסות. עדול־ביילע האָט זיך אויך פאַרנומען מיט זיין אַ סאַרווערין אויף שמחות. האָט גע־קאָכט די גילדערנע יויך צו אַ חתונה און געזאָדן דעם אַרבעס צו אַ שלום־זכר. עדול ביילע האָט אויך געפליקט פעדערן, האָט פאַרצירעוועט זאָקן,

פּאַרלאַטעט אַלטע זעק און געקליבן אַרבעס, געטריקנט פּאַרפּל און האָט אויך איינגעקויפט אויפן מאַרק פאַר די רייכע בעל־הביתטעס: אייער, ציבעלעס און קנאָבל, און נאָך אַנדערע געמיזן וואָס זענען נייטיק אויף צום קאָכן און באַקן. יעדן דאָנערשטיק אויף דער נאַכט פלעגט זיך עדול־ביילע אַריינכאַפּן צו ליבע די בעקערין, האָט געהאָלפן פאַרראַשטשיניען אַ געבעק ברויט, האָט אויסגעקנאָטן די חלות, האָט אָפּגעבאַקן די ציבעלע־פלעצלעך מיט די פּאַש־לעדקעס, האָט אָנגעפּילט די פיש, צעשניטן די מערן מיט דער ציבעלע, האָט אָנגעגאָסן די קופּערנע פאַן מיט וואַסער און אָוועקגעשטעלט אויף דער פּייערקע צו קאָכן. פאַר פּסח צו, גלייך נאָך פורים, פלעגט עדול־ביילע זיך איינשפּאַנען אין אַ שעוואַלניע פון פסחדיקע מצות. איז דאָרט געווען די קנעטעריןְ, די שטיפּלערין און וועלגערין, און וואָס ניט. די לעצטע וואָך פון ערב פּסח האָט עדול־ביילע אויך געהאָלפן די בעל־הביתטעס כשרן קיכן, לופטערן מלבושים און פונאַנדערטראָגן אייגענע געמאַכטע חרוסות צו די סדרים צום פאַרקויפן. איסרו־חג פון פּסח, ווי גיך נאָר מען האָט צוריק אַריינגענומען דעם חמץ אין שטוב, איז שוין עדול־ביילע גע־שטאַנען אויפן מאַרק מיט אַ טישל און פאַרקויפט פאַרשיידענע זריעות צו די פּויערים, און מוצאי שבועות איז שוין עדול־ביילע געווען אין סאָד און געהיט דיביימער, קיינער זאָל, חלילה, ניט אָפּרייסן פון די ביימער די וואַקסנדע פּירות.

עדול־ביילע האָט זיך חלילה קיינמאָל ניט געקלאָגט אויף איר חיונה. איר האָט ברוך־השם קיין זאַך ניט געפעלט. זומער און ווינטער האָט זי גע־האַלטן אַ ישיבה־בחור, אָדער צוויי אויף עסן, זיי פלעגן דריי מאָל אין טאָג קומען עסן: איבערבייסן, אָנבייסן און וועטשערע. זומער־צייט, ווען עדול־ביילע האָט באַדאַרפט היטן דעם סאָד ,און זי איז ניט געווען אין דער היים, האָט שוין איר הערש־יודל אַכטונג געגעבן, אַז די ישיבה־בחורים זאָלן ניט אָוועקגיין קיין הונגעריקע. פון שבת בראשית, ביז שבת נאָך שבועות האָט עדול־ביילע אַלע שבת געהאַט אַן אורח ביים טיש, און טאָמער איז אין בית־המדרש פאַרבליבן נאָך אַן אורח, האָט אים הערש־יודל אויך מיטגענומען אַ היים. הערש־יודל האָט געוווסט, אַז ביי עדול־ביילען וועט שוין זיין וואָס צו עסן, און, אַז זיין ווייב וועט אים חלילה ניט אויסרעדן פאַר ברענגען נאָך אַן אורח, זי וועט נאָך זיין צופרידן. וועגן עסן איז בכלל נישטאָ קיין

שאלה. טאָמער איז איינער פון די אורחים אַ גרעסערער עסער, ווי עס פאַר־סירט ביי מענטשן, נאָך אַלעמען ,ניט אַלע האָבן דאָך דעם זעלטן אַפּעטיט, נו, איז וואָס? עסט איין אורח אויפן חשבון פון צווייטן חלילה? ניין! עס גייט אויפן חשבון פון עדול־ביילען. נישקשה, עדול־ביילע וועט שוין קיין הונ־געריקע ניט בענטשן. דער עיקר איז דאָך, אַז די אורחים זאָלן פון טיש אַוועקגיין זאַטע. טאָמער האָט עדול־ביילע באַמערקט ביי עמעצן פון די אורחים אַ צעריסן בגד, אַ שפּענצער אָן קנעפּלעך, האָט זי גלייך נאָך הבדלה גענומען די נאָדל מיטן פאָדעם און צערעכט געמאַכט די מלבושים, אַז זיי זאָלן אויסזען בכבודיק. עס איז קיין חילוק ניט וואָס אַ מענטש טראָגט אויף זיך, אַבי די בגדים זאָלן אויסזען ריין און ניט זיין צעריסן. נו, און אַז מען האָט באַדאַרפט אויסוואַשן אַ העמד פאַר אַן אורח, האָט עס עדול־ביילע זייער גערן געטאָן. זי האָט געצירעוועט די זאָקן פון די ישיבה־בחורים אום זומער און געוואַשן זייערע אַניצעס אום ווינטער.

עדול־ביילע האָט מיט איר הערש־יודלען ניט געהאַט קיין קינדער. זי איז געווען אַ מאַמע צו אַלעמעס קינדער! אויף אָפּשפּרעכן אַ גוט־אויג איז מען געקומען צו עדול־ביילען. זאָגן אַ תחינה פאַר אַ קימפּעטאָרין, זי זאָל האָבן אַ גרינג האָבן, איז עדול־ביילע תמיד געווען גרייט. זי פלעגט גיין אין שול אַריין בעטן גאָט פאַר שווערע געווינערינס. זי האָט זיך ניט אָפּ־געשטעלט פאַר קיין גאַס־רעגן, פאַר קיין פראָסט, פאַר קיין ברענענדיקער היץ. איר איז קיינמאָל ניט געווען שווער צו גיין אין שול בעטן גאָט פאַר עמעצן. יידן אין בית־המדרש, אָדער אין דער גרויסער שול האָבן שוין עדול־ביילען געקענט. אַ שטילע פלעגט זי אַריינקומען אין שול אַריין, רויק און געלאַסן מיט שטאָלצע טריט צוגיין צום באַלעמער, פאַררוקן דעם פּרוכת, עפענען די טיר פון דעם ארון־קודש און אָן געשרייען, אָן געוואַלדן, נאָר בלחש, זיך דורכרעדן מיט דער השגחה עליונה און בעטן אין זכות פון אונדזערע אבות, און אין זכות פון דער הייליקער תורה, אַז דער בורא־עולם זאָל צושיקן פאַר דער געווינערין אַ לייכט האָבן, אָדער פאַר אַ קראַנקן — אַ רפואה־שלימה. עדול־ביילע האָט ניט געשטערט קיינעם אין דאַוונען, זי האָט ניט אָנגעווענדט קיין קולות און געשרייען אויף מרעיש השמים צו זיין, נאָר מיט שטילן געבעט האָט זי געפּועלט ביי גאָט. ווען עדול־ביילע איז אונטערוויילעכץ אַרונטערגעגאַנגען פון ארון־קודש, איז איר געזיכט געווען בלייך ווי קאַלך,

און האָט אויסגעזען אויסגעצערט, פֿאַרמאַטערט. אַלע מתפּללים אין שול האָט אָפּגעאָטעמט. אין דער לופֿט פֿון שול וואָלט ווי געשוועבט אַ געפּיל, וואָס האָט אַלעמען אָנגעזאָגט די גוטע בשורה: עדול־ביילע האָט געפֿועלט!

אַ הויכע און שלאַנקע פֿרוי איז געווען עדול־ביילע, איר שטעל איז געווען קרעפֿטיק, איר טראָט זיכער. האָט אַ גאַנצע וואָך געטראָגן אַ טיכל אויפֿן קאָפּ, דאָס שייטל האָט זי נאָר אָנגעטאָן פֿון שבת צו שבת. אַ לענגלעך פּנים, מיט צוויי דאַרע שטשאָקעס אין די זייטן, מיט טיפֿע, בלויע אויגן, אַז מען האָט אין זיי אַריינגעקוקט איז דער בליק ווי דערטרונקען געוואָרן אין אַ בלויען ים, איר אייגענער בליק איז געווען מילד און צאַרט, פֿול מיט בענקשאַפֿט, סודותפֿול פֿאַרחלומט און פֿאַרטרויערט.

דער חלוש איז געווען הערש־יודל. עדול־ביילע, ווען זי וואָלט געווען האָבן חתונה געהאַט מיט אַן אַנדער מאַן, וואָלט זי מסתמא יאָ געהאַט קינ־דער, פֿאַליאַקאָווסקי, דער אַקושער־דאָקטער האָט אָנגעוויזן אויף הערש־יודלען, אַז עס איז זיין שולד פֿון ניט האָבן קיין קינדער. עדול־ביילען איז אָבער אויפֿן געדאַנק נישט געקומען זי זאָל איבערלאָזן איר הערש־יודלען און גיין זוכן קינדער מיט אַן אַנדער מאַן. ווען הערש־יודל וואָלט נישט געווען קיין חלוש, וואָלט זי אפֿשר מיט אים זיך געשיידט, אָבער, ווי לאָזט מען עס איבער אַ חלוש? ווער וועט דען אים נעמען, ווער? אַז קיין פֿאַרדינער איז ער ניט און קיין בעל־כּוח אויך נישט, היינט ווי לאָזט מען עס איבער אַ מענטשן אויף הפקר, בפֿרט, אַז ער האָט דאָך קיינעם ניט, ניט קיין עלטערן און ניט קיין קרובים, ניט קיין שוועסטער און ניט קיין ברודער. עדול־ביילע איז טאַקע געווען צו הערש־יודלען אַ מאַמע ממש, האָט אים אָפּגעהיט ווי דאָס אויג אין קאָפּ, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פֿון אויגן, האָט אַכטונג געגעבן אויף הערש־יודלס מיחושים, האָט אים באַפֿרייט פֿון דאגות פּרנסה און אים געהאַלטן אין בית־מדרש ביי דער תּורה!

ווען הערש־יודל פֿלעגט זען אַמאָל עדול־ביילען אַ פֿאַרטרויערטע, אַ פֿאַראומערטע, האָט ער זיך עפּעס ווי געפּילט שולדיק און צו איר געזאָגט: ס׳טייטש, פֿאַר וואָס ביזטו אַזוי פֿאַראומערט, איך לעב דאָך אין דיין זכות, פֿאָרויס גאָט און דערנאָך דו ביסט דאָך מיין שפּייזערין, מיין באַגלייטערין אויף אַזאַ שווערן וועג, דער וועג פֿון לעבן.

עדול־ביילע האָט נישט געלאָזט איר הערש־יודלען באַמערקן איר פֿאַר־

טרויערטקייט, איר בענקשאַפט נאָך אַן אָפּענער טראַכט האָט זי געהאַלטן בסוד, ווען נאָר הערש־יודל פלעגט הכנעהדיק זיך אָנהייבן פאַר איר מתנצל צו זיין, האָט זי אים איבערגעהאַקט אין מיטן רעדן און מיט אַ מוטערלעכער שטימע צו אים זאָגן: אַ שיין פּנים וואָלט איך געהאַט ווען דו זיצסט נישט און דו לערנסט נישט קיין תורה; נישט אין מיין זכות לעבסטו, נאָר איך לעב אין דיין זכות, אין דעם זכות פון דיין לערנען תורה!

יידן אין שטעטל האָבן מיט יאָרן שפּעטער צווישן זיך גערעדט, אַז אין הימל האָט די השגחה אָנערקענט ביידנס זכותים: דעם זכות פון הערש־יודלען און דעם זכות פון עדול־ביילען.

ברײנע־טויבע, די בלינדע

וואָס טויג מיר מיין לעבן
וואָס טויג מיר מיין וועלט,
אַז מיינע אויגן —
זענען מיר פאַרשטעלט.

„וואַרפט אַראָפּ אַ נדבה פאַר אַן אָרעמער קאַליקע, פאַר אַ בלינדן. וואַרפט אַראָפּ פון ערשטן שטאָק, וואַרפט אַראָפּ פון צווייטן שטאָק און וואַרפט אַראָפּ פון דריטן שטאָק אַ נדבה פאַר אַ בלינדן".

מיט הויכע קולות און האַרץ־רייסנדע געשרייען, וואָס האָבן זיך גע־טראָגן פון אַן אויסגעקרומט מויל — איז טאָג־טעגלעך געקומען אין מאַלעס הויף אַריין אַן אָרעמער כמעט בלינדער בעטלער, וואָס האָט געבעטן אַ נדבה. ווי גאָט האָט געגעבן דעם טאָג, אין רעגן און אין שניי, אין היץ און אין קעלט, האָט דער בעטלער נישט פאַרפעלט צו קומען, חוץ נאַטירלעך שבת און יום־טוב. די הויף־מענטשן און די קינדער האָבן אים שוין גע־קענט און קיין גרויס אַכט אויף אים ניט געלייגט. צו רחמנות געוווינט מען זיך צו.

מיט דעם שטעקן פאָרויס, אין צעריסענע בגדים, מיט גרויסע מעש־טעס אויף די פיס, מיט אַ שטריק פאַרבינדן די טאַליע ,כמו אַ גאַרטל, מיט איין אויג אָפן און דאָס אַנדערע פאַרמאַכט, האָט זיך אַרומגעשלעפט איבער די הויפן דער בלינדער בעטלער.

פון אַ פענצטער אין מאַלעס הויף פלעגט ברײנע־טויבע צושפּיצן די אויערן און מיט אַן אַרויסגעשטעקטן קאָפּ זיך צוגעהערט צום בעטלערס קול.

— רחלע מיין קינד, נעם אַרויס פון מיין בייטעלע אַ פּאָר גראָשן און

טראָג עס אַראָפּ צום אָרעמאַן, אַז דו ווענסט אַראָפּוואַרפן, קען ער דאָך אַמאָל ניט דערזען ווי אויפצוהייבן, גיב אים, מיין קינד, אַליין, זאָל עס קומען פון דיין הענטעלע אין זיין האַנט אַריין. גאָט וועט דיר דערפאַר באַצאָלן. איך, פון מיין זייט, זאָג דיר צו, מיין קינד, צו העלפן דיר פועלן ביי דיין מאַמען, אַז זי זאָל דיר אויף יום־טוב מאַכן אַ נײַ יאַקעלע, זאָלסט אויסזען שיין און באַנייט, גלייך מיט אַלע רייכע קינדער.

— באָבעשי! דו ביסט דאָך אויך בלינד, דו זעסט דאָך ניט ווו צו גיין, איך דאַרף דאָך דיך פירן אין שול אַריין, פאַרוואָס האָט קיינער אויף דיר נישט קיין רחמנות, אַהאַ, באָבעשי? די מאַמעשי זאָגט, אַז מיר זענען אָרעם, אַז וואָס זי פאַרדינט נישט מיט אירע שוועד־פאַרהאָרעוועטע פינגער, האָבן מיר נישט. איך האָב שוין לאַנג געבעטן ביי דער מאַמע אַ יאַקעלע, פון ברוי־נעם קאָליר וויל איך, אַזוי ווי עס טראָגט יאַכע דעם שניטקרעמערס און אַלע קינדער קוקן איר נאָך און זענען זי מקנא. זאָגט מיר אָבער די מאַמע, איינרוימענדיק מיר אַ סוד אין אויער, אַז זי האָט קיין געלט נישט און אויב זי וועט מיר מאַכן אַ יאַקעלע, וועט זי ניט האָבן פון וואָס צו קויפן ברויט אין שטוב אַריין און איך מיט דיר, באָבע, וועלן נישט האָבן וואָס צו עסן.

ברײַנע־טויבע האָט גענומען אַ שפּיץ פון פאַרטעך אין האַנט אַריין און אויסגעווישט אירע פאַרטרערטע אויגן, די הענט אַרויפגעלייגט אויף רחלעס קעפּל, האָט איר אַ קוש געטון און צו איר גערעדט:

— קינד מיינס, איך זע טאַקע נישט די וועלט, דערפאַר אָבער זע איך גאָט, דעם אַלמעכטיקן גאָט. איך זע נישט מיט מיינע אויגן קיין מענטש־לעכע גופים, דערפאַר אָבער דערבליק איך דאָס מענטשלעכע האַרץ. גאָט, מיין קינד, שטראָפט נישט אַלעמען גלייך. זעסט, רחלע, כל־זמן דיין מאַמע זאָל געזונט זיין האָט נאָר כוחות צו אַרבעטן און צו פאַרדינען, האָבן מיר פון וואָס צו לעבן און באַדאַרפן צו קיינעם נישט אָנקומען חס ושלום. דער קראַנקער און אָרעמער בעטלער, וואָס שטייט אויפן הויף מיט אַן אויסגע־שטרעקטער האַנט קען נעבעך נישט אַרבעטן און ווי עס ווײַזט אויס האָט ער ניט קיינעם ווער עס זאָל אים העלפן, איז עלנט ווי אַ שטיין און דער־פאַר מוז ער אָנקומען צו בעטלעריי. גיי, מיין קינד, גיי און גיב די פאָר גראָשן דעם אָרעמאַן, גיב, מיין קינד, פאָלג דער באָבען, גאָט וועט דיך דערפאַר בענטשן.

— באָבעניו! דער קראַנקער בעטלער וווינט אויך ווי מיר אויף אַ בוי־דעם־שטיבל, ווו עס רעגנט אַריין פון דאַך און ווו די ווענט זענען נאַס און איינגעבויגן און דו, באָבע, צעקלאַפּסט זיך אַלעמאָל דעם קאָפּ? די מאַמע קלאָגט זיך יעדן אינדערפרי, ווען זי שטייט אויף צו דער אַרבעט, אַז עס ברעכן איר די ביינער פון ווילגאַטש. ווי נאָר עס איז אַ שיינער טאָג און אין דרויסן גיסט נישט קיין רעגן, זאָגט מיר די מאַמע אָן, אַז איך זאָל אַרויס־גיין אויפן הויף און זיך שפּילן מיט די קינדער, ווייל אין שטוב איז נישט געזונט צו זיין. זי זאָגט מיר אויך אָן איך זאָל דיר, באָבע, אָוועקפירן אין שול אַריין, דו זאָלסט בעסער זיצן דאָרט אין דער ווייבערישער שול, איידער אין שטוב.

— גיי, מיין קינד, גיי, גיי שוין רחלע מיינע, זאָל דיר גאָט געבן אַ ליכ־טיקע וועלט דערפאַר, זאָלן דיר שטענדיק דיינע אייגעלעך זיין אָפן.

מיט אירע קליינינקע פיסעלעך און דראָבנינקע טריטעלעך איז רחלע אין גאַייל אַרונטערגעלאָפן די טרעפּ פון בוידעם־שטיבל און געגעבן דעם אָרעמאַן דעם באָבעס נדבה.

— אוי, פאָטער זיסער אין הימל! זאָל דיר גאָט צושיקן דערפאַר אַ טרייסט, אַ פרייד אין דיינע ביינדעלעך אַריין! — האָט דער אָרעמאַן גע־בענטשט רחלען און זי איז שנעל אַרויפגעלאָפן צוריק צו דער באָבען מיט גליִענדע ראָזינקע בעקעלעך.

אין אָוונט, שפּעטלעך שוין, ווען די מאַמע איז געקומען אַ מידע פון דער אַרבעט, האָט איר רחלע דערציילט, אַז די באָבע האָט איר געגעבן געלט אַרונטערצוטראָגן צו דעם בלינדן בעטלער. די מאַמע האָט גאָרנישט געזאָגט. האָט נאָר אַרונטערגעשלונגען אַ טרער, געוואָרפן אַ בליק אויף איר מאַמען און אַ קוש געטון דאָס טעכטערל.

— זייער גוט, מיין קינד ,זייער גוט האָסטו געטון, רחלע, אַ באָבע דאַרף מען פאָלגן און אַן אָרעמאַן דאַרף מען העלפן. זאָלסט אַלעמאָל אַזוי טאָן. זאָל דיין האַרץ שטענדיק דערפילן עמעצנס נויט און דו זאָלסט שטענדיק זיין גרייט מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרים פון הילף.

ברײנע־טויבע האָט זיך קיינמאָל נישט באַקלאָגט אויף איר קראַנקייט. זי האָט קיינמאָל פאַר אירע ליפּן נישט געבראַכט קיין וואָרט, וואָס זאָל אָנדייטן, אַז אירע אויגן זענען איר פאַרמאַכט. זינט יענער נאַכט, ווען קאָ־

זאָקן ־מערדער האָבן אומגעבראַכט איר מאַן און איר אײדעם און שיִער חלילה זי מיט איר טאָכטער נישט געשענדעט, זענען איר פון שרעק אויס־געריננען די ווייסלען פון די אויגן, האָבן זיך ביי איר די נערוון צעשפּילט און פון גרויס דערשיטערונג איז איר מיטאַמאָל פינצטער געוואָרן די וועלט, אירע אויגן האָבן פאַרלוירן די ליכטיקע שיין.

צו וואָס זאָל זי זיך קלאָגן, מסתמא איז איר אַזוי באַשערט, נישקשה מען קען אין דער פינצטערניש אויך זען דעם רבונו־של־עולם. גאָט איז אַ פּאָטער, ער איז מיט אַלעמען: מיט דעם זעעוודיקן ווי מיט דעם בלינדן.

שיינע־רבקה, די שכנטע פון צווייטן גאָרן האָט בריינע־טויבען נישט פאַרלאָזט. זי פלעגט אַרויפקומען צו איר אויפן בוים־שטיבל און איר דערציילן אַלץ וואָס עס פּאַסירט אין מאַלעס הויף, ביי וועמען די גריץ איז אויסגעלאָפן און וועער עס האָט נישט פאַר וואָס אַ קוואַרטירל מילך צו קויפן. שיינע־רבקה פלעגט איר אָפּט אויך דערציילן און זיך באַקלאָגן, אַז ליידער־ליידער זענען די היינטוועלטיקע חברה נישט שטאַרק אָפּגעהיטן אין מקיים זיין די געבאָטן פון דער הייליקער תורה. אונטערזינדיקן איז ביי זיי אַ קלייניקייט, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין. ס׳זאָל גאָט נישט שטראָפן פאַר די רייד. די אויגן קענען עס דאָך נישט צוזען. די מיידן מיט די יונגען צו־זאַמען, ווו איז דאָס געהערט געוואָרן. אוי, רבונו־של־עולם, דערבאַרעם זיך און נעם אַוועק ביי זיי די תאווה, צו וואָס, גאָטעניו דערלאָזסטו, אַז מענטשן זאָלן, חלילה, זינדיקן. היט זיי אָפּ, די נאַראָנים.

בריינע־טויבע האָט אויפמערקזאַם אויסגעהערט שיינע־רבקהס מעשות און דערביי זיך געטראַכט: עס איז שוין גוט, וואָס מיינע אויגן זעען נישט. ווי וואָלט איך עס דען געקענט איבערטראָגן? גלייך דערביי האָט זי זיך צוריקגעכאַפּט און איר מחשבה האָט איר אונטערגעזאָגט: הערן איז ווייניק, מען דאַרף נאָך זען אויך?

בריינע־טויבע האָט קיינמאָל נישט צוגעלאָזן קיין רחמנות אויף זיך. זי האָט תמיד געהאַלטן, אַז דער גרעסטער בעל־הרחמים איז גאָט, ברוך הוא, אַליין. מיט שטאָלץ האָט זי געטראָגן איר פינצטערע וועלט, ווי זי וואָלט מיט דעם מקיים געווען גאָטס געבאָט, אָבער אַז זי האָט געהערט ווי די גאַס איז זינדיק און אַז די הייליקע געבאָט ווערן נישט אַזוי שטאַרק אָפּגעהיטן ווי עס באַדאַרף צו זיין, האָט בריינע־טויבע אַ ביסעלקע זיך געבויגן פון איר

שטאָלץ. זי האָט אַליין גענומען דעם שטעקן אין האַנט, איז אַראָפּ אויף דער גאַס און געגאַנגען אָן אַ ציל. דער צוועק פון איר גיין איז געווען צו לאָזן מענטשן אויף איר רחמנות האָבן, צו גיבן מענטשן אַ געלעגנהייט מקיים צו זיין די מצווה פון אָננעמען אַ בלינדן ביים אָרעם און אַריבערפירן פון איין בריקל אויפן צווייטן. דערביי האָט ברײנע־טויבע געטראַכט, אַז מצווה גוררת מצווה, איין מצווה שלעפּט דער צווייטער. אפשר וועט זי גורם זיין, אַז מענטשן, בעיקר די היינט־וועלטניקעס, אויף וועמען שיינע־רבקה באַקלאָגט זיך, וועלן זיך אַרומזען, אַז אַ מענטש קען קיין תקיף נישט זיין און נישט זיין אַזוי זיכער מיט דער וועלט, — און זיי וועלן זיך צוריקקערן און אָפּהיטן יידישקייט, ווי די הייליקע תורה האָט געבאָטן.

די איינוואוינער פון מאלעס הויף און פון דער יאטקעווע גאַס, אַז זיי האָבן דערזען ברײנע־טויבען גיין מיט איר גלייכן קערפּער, מיט דעם שטעקן פאָרויס, זענען זיי צו איר צוגעלאָפן און איר געהאָלפן אַריבערגיין פון בריקל צו בריקל. ביי מאַנכע האָבן זיך טרערן געשטעלט אין די אויגן און זיי האָבן דערביי שטיל געשעפּטשעט: — אַזאַ אומגליק! ווי שיין זי איז געווען, ווי די זון אין הימל און ווי פינצטער איז איר די וועלט. אַלע אין מאַלעס הויף און פון דער גאַס, באַקאַנטע און פרעמדע, איינוואוינער און דורכגייער, האָבן אויסגעשטרעקט זייער אָרעם צו הילף ברײנע־טויבען. זי, אָבער, האָט זיי אַלעמען צוגעטיילט מצוות!

חנה־ניטלם שטול אין גן־עדן

דער וועג צום שול־הויף איז אין גאַנצן פֿאַרשאָטן מיט שניי. שוין דריי טעג ווי עס האַלט אין איין שנייען. עס שנייט, און עס שנייט. שוין־זשע וועט נישט אויפֿהערן שנייען? מען קאָן דאָך פֿון די הייזער נישט אַרויסגיין. דער שניי האָט שוין באַהאַלטן אונטער זיך כמעט אַלע הייזקעס אין שטעטל. עס איז אוממעגלעך אַפֿילו אין בית־הכּנסת צו גיין. חנה־גיטל גוסט און ברוכקע דעם וואַסער־טרעגערס ייִנגערע טאָכטער גייט צו קינד. כּל־זמן — ווי דער שניי גייט — ווייזט אויס, אַז חנה־גיטל וויל נישט אַוועקגיין און עס וויל נישט קומען דאָס קינד פֿון ברוכקען. רבונו־של־עולם! שטעל אָפּ דעם שניי! האָב רחמנות אויף חנה־גיטלען און אויף ברוכקען, — האָט זיך געבעטן מיט אַ תּחנונים־קול גרוניע די שמשטע, וואָס האָט מיט אַ שופֿלע אַוועקגעשאַרט דעם שניי פֿון לעבן בית־מדרש.

משה־יאָסל דער משמש איז, מ׳זאָל באַהיט און באַשירעמט ווערן, געלעגן אויף אַ היץ־קראַנקייט. האָט נישט געקענט רירן מיט קיין אבר, האָט אים גרוניע זיין ווייב פֿאַרביטן ביים אַוועקשאַרן דעם שניי. גרוניע איז אויך נישט געווען קיין גיבורטע, האָט געליטן אויף כּלערליי חולאתן, אַלע געלענקען האָבן איר געשטאָכן און געבראָכן. דאָס ערגסטע איז געווען מיט איר קאָפּ־ווייטיק, ממש נישט אויסצוהאַלטן. פֿון די שטאַרקע קאָפּ־שמערצן האָט זי קיינמאָל נישט געקענט האַלטן אירע אויגן אָפֿן. אָבער וואָס טוט מען דען נישט אויף צו מאַכן אַ וועג פֿאַר ייִדן זיי זאָלן קענען גיין אין בית־המדרש אַריין? מען קען דאָך נישט לאָזן אַ שטעטל מיט ייִדן דאַווענען ביחידות. דאָס געבעט צו גאָט דאַרף קומען בציבור; היינט ווי זעט מען נישט, אַז ייִדן זאָלן טרעפֿן אַ מנין ביים דאַווענען אין בית־מדרש, — האָט גרוניע צו זיך אַליין געטענהט.

אין דרויסן איז שטאַרק קאַלט. דער פראָסט נעמט אַדורך דורך און דורך די ביינער. גרוניע שטייט איינגעוויקלט אין אירע פאַטשיילעס, איינע אויף די אַנדערע און רוימט דעם שניי. חנה־גיטל גוססט און לאָזט נישט אַרויס קיין קרעכץ פון איר מויל, ראַנגלט זיך מיט אַ ביסל אָטעם, זי פילט ווי עס גייען איר אויס די לעצטע כוחות, ווי ביסלעכוויז שטאַרבן איר אָפּ די אברים, אָבער זי באַקלאָגט זיך נישט. פון איר פאָטער ר׳ זלמן ע״ה, האָט זי אַמאָל געהערט, אַז אַ מענטש רייניקט זיך אין זיינע יסורים. האָט זי געשוויגן און געטראַכט, אַז זי וועט שוין אָפּקומען אויף דער וועלט, בכדי אַ געלייטערטע צו קומען אויף יענער וועלט — אויף דער אמתער וועלט.

ברוכקע, וועמען די געבורט־ווייען האָבן געהאַלטן אין קלאַמערן, אין קוועטשעניש און אין דריקעניש די גאַנצע דריי טעג, האָט אויך נישט געשריִען, נאָר געליטן יסורים און דערביי געטראַכט, אַז זי זאָל מיט אירע יסורים האָבן אָפּגעקומען פאַר איר קינד און אין דעם זכות זאָל דאָס קינד אויסוואַקסן אַ צדיק ביי ייִדן.

— אוי, חנה־גיטל, נעבעך! אוי! ברוכקע נעבעך! אפשר ווען עס הערט אויף צו שנייען וואָלט איר ביידע שוין געהאָלפן געוואָרן, — האָט גרוניע גערעדט צו זיך אַליין, מיט איר כוונה אָבער האָט זי זיך געווענדט צום רבונו־של־עולם, ער זאָל זיך מרחם זיין.

ווען גרוניע איז געגאַנגען צוריק אַהיים פון בית־מדרש מיט דער שניי־שופלע אונטערן אָרעם צו זיך אין קאָזע־געסל, זענען איר אַנטקעגנגעלאָפן מיט פאַרבראָכענע הענט חנה־גיטלס קינדער. זיי האָבן געקלאָגט און גע־יאָמערט אויף זייער מאַמעס טויט.

עס איז שוין צוגעפאַלן די נאַכט, ווען גרוניע איז מיט דער שניי־שופלע געגאַנגען אַהיים. דער הימל איז געווען בלוי און אויסגעשטערנט. אַ קליין ווייס וואָלקנדל, ווי אַ שעפּסעלע די גרויס, מיט אַ פּאָר גרויע פלעקן האָט אַרומגערינגלט די לבנה אין אַ קרייז, אַזוי אַז זי האָט אויסגעזען ווי אַן אויג, וואָס קוקט אַרויס פון די ברעמען. דער שניי איז צוגעפאַלן צו דער ערד און האָט געגלאַנצט אונטערן פראָסט. די שטערן האָבן געפינקלט ווי בליץ־לאָמפּן. אַ קאַלטער ווינט האָט זיך אין דער לופטן געטראָגן פון אַלטן בית־עלמין אין שטעטל אַריין, האָט געבויגן די ביימער און געהוידעט די צווייגן. פון ווייטן האָט גרוניע ווי געזען ווי עס פליִען אַן צוויי טויבן; איינע אַ גרויע,

אַן אַלטע טויב, וואָס האָט מיט די פּליגל באַוויגן און די צווייטע אַ יונגע, ווייסינקע טייבעלע, ווי נאָר פון דער מוטערס שויס אַרויס.ביידע טויבן האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אויף אַ צווייג פון אַ בוים, וואָס איז האַלב געטונ־קען אין שניי, געשטאַנען אויף יענער זייט פּאַרקן פון בית־עלמין. דער צווייג האָט זיך געהוידעט פון ווינט און מיט איםביידע טויבן. ביידע זענען געווען פאַרטאָן אין אַ שמועס, אַפילו דער ווינט האָט זיי ניט געקענט צעשיידן. געשטאַנען זענען די טויבן איינע לעבן די אַנדערע, נאָר געקוקט האָבן זיי אין צוויי באַזונדערע ריכטונגען. די עלטערע, מיט די אויגן געווענדעט צום בית־עלמין און די יונגינקע טויב מיט די אייגעלעך געווענדט צום שטעטל. דאָס יונגינקע טייבעלע האָט זיך געריסן אַוועקצופליען, אָבער עס האָט אויסגעזען ווי די אַלטע טויב פאַרהאַלט איר מיט דערציילן מעשיות. גרוניע האָט געכאַפּט אַ קוק אויף ביידע טויבן און דערביי געטראַכט: נישט אַנדערש ווי די אַלטע טויב דערציילט דער יונגער פון וואַנען זי קומט און זאָגט איר אַן ווי זיך אויפצופירן. די אַלטע טויב, מסתמא, טראָגט די נשמה פון חנה־גיטלען, וואָס איז אָקאָרשט געשטאָרבן און דאָס יונגע טייבעלע זאָל טראָגן די נשמה פאַרן ביי־געבוירן קינד ביי ברוכקען. כאָטש גרוניע האָט באַדאַרפט גיין טאָן דאָס רעכט ביי חנה־גיטלען; זיך מטפל זיין מיט דער טהרה, האָט זי זיך אָבער נישט געאיילט, איז געשטאַנען און געקוקט פון וויטן אויף ביידע טויבן און מיט אָנגעשפּיצטע אויערן ווי זיך צוגעהערט צו זייער געשפּרעך. די אַלטע טויב — האָט גרוניע ביי זיך געטראַכט — האָט זיך שוין באַפרייט פון יאָך, פון זיין אין גוף פון מענטשן און כסדר פירן אַ מלחמה מיטן יצר־הרע, כסדר קעמפן מיט די גופישע תאוות; דאָס יונגע טייבעלע גייט דאָך ערשט אַריין אין שפּאַן פון יאָך. גרוניען האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי הערט ווי די גרויע טויב זאָגט צום ווייסינקען טייבעלע: איך קום איצט פון חנה־גיטלען, אַ צדקת געווען, האָט מיט דער אַרומיקער וועלט קיין מגע ומשא נישט געהאַט, האָט נאָר געלעבט אין גדר פון דער אייגענער משפּחה, האָט אַכטונג געגעבן אויף די קינדער און אויף זייער פאָטער, האָט אָפּגעהיט ייִדישקייט, האָט קיינמאָל אין די ערגסטע צייטן דעם בטחון אין גאָטס הילף נישט פאַרלוירן. עס האָט זיך פּשוט נישט געוואָלט פאַרלאָזן חנה־גיטלען און דערפאַר האָט זי, די נשמה, איבער דריי טעג געפירט אַ מלחמה מיטן מלאך המוות און נישט געוואָלט אַוועקגיין פון חנה־גיטלען. דאָס יונגע טייבעלע

— האָט גרוניע געקלערט — הערט זיך איין און איז מקנא דער עלטערער טויב, וואָס זי האָט זיך שוין באַפרייט פון גאָטס שליחות און זי דאַרף ערשט אָנהייבן, ווער ווייסט ווי זי וועט ארויסקריכן, ווער ווייסט וואָס פאַר אַ מענטש עס וועט דאָס אַרויסוואַקסן פון ברוכקעס, דעם וואַסער טרעגערס טאָכטערס קינד, וואָס פאַרא תאוות דאָס קינד וועט האָבן, וואָס פאַרא מלחמות עס וועט נייטיק זיין צו פירן שולט צו זיין פון יצר־הרע. דערביי האָט גרוניע ווי גע־וואָלט זיך אַריינמישן אין געשפּרעך פוןביידע טויבן און אויפן קול אָנ־געהויבן צו רעדן: ברוכקע איז אַ פיינע יידישע טאָכטער. איר טאַטע דער וואַסער־טרעגער איז אַ פיינער ייד, לעבט פון זיין ערלעכער פּראַצע, איז אַ שטילער מענטש און טשעפּעט נישט קיין פליג אויף דער וואַנט. ברוכקע האָט חתונה געהאַט מיט אַ וואַסער־פירער, אויך אַ שטילער מענטש, פון קינדווייז אָן האָט אים דאָס לעבן אַזוי געדריקט, אַז דער יצר הרע האָט אים בכלל נישט פאַרטשעפּעט. ברוכקע מיט איר מאַן היטן אָפּ גאָטס געבאָט און זענען געטרייע דינער פון זיין ליבן נאָמען. קום, טייבעלע! קום! — האָט גרו־ניע געשריִען אויפן קול — ברוכקע האָט שוין קיין כוח נישט צו שרייען און צו וויינען. קום, טייבעלע און העלף אַ שווערע קימפּעטאָרין געלעגן ווערן!

וועגן חנה־גיטלען האָט גרוניע ניט באַדאַרפט דערציילן. די עלטערע טויב האָט וועגן איר אַ סך דערציילט. גרוניע האָט נאָר פאַרגעשטעלט ברוכ־קען פאַר דעם יונגן טייבעלע, וואָס האָט ערשט געדאַרפט אָנהייבן אַ לעבן.

קינד און קייט האָבן חנה־גיטלען געקענט אין שטעטל און געוווסט פון אירע מידות טובות. איר טויט איז פון אַלעמען באַדויערט געוואָרן. ביים אָפּענעם קבר האָט דער דיין געהאַלטן אַ הספד און אויסגערעכנט די מעשים טובים און די צדקות פון חנה־גיטלען.

דריי זין האָט חנה־גיטל געהאַט צו איר מאַן הירש־לייבע דעם שוס־טער און די דריי זין האָט חנה־גיטל, די מאַמע, מדריך געווען לתורה ולמע־שים טובים. דער עיקר אָבער צו כבוד האָבן; געטריי און ערלעך צו האַלטן דעם טאַטן.

אַ שוסטער איז ניט געווען קיין גרויסער יחוס אין שטעטל. ווער האָט עס זיך אומגעקוקט אויף אַ שוסטערוק. אין בית־מדרש האָט מען דעם שוס־טער געלאָזט זיצן ביים האַנטפאַס, צוזאַמען מיט אַנדערע בעלי־מלאכות, טרעגער, וואַסער־פירער און בעטלער. הערש־לייבע דער שוסטער, כאָטש ער

האָט געקענט לערנען אַ פּרק־משניות און זאָגן אַ יום־תהילים פאַרן עולם, האָט זיך אָבער מיט דעם נישט גרויס געהאַלטן, חס ושלום. איז געזעסן צו־זאַמען מיט אַלע אַנדערע שוסטער־יונגען און קיינמאָל זיי נישט געמאַכט צו פילן, אַז זיי זענען עם־הארצים און ער איז אַ למדן.

קליין איז הערש־לייבע געווען, מען האָט אים קוים אַרויסגעזען פון זיינע בגדים, האָט ער זיך טאַקע נישט אָנגעזען אין בית־מדרש, קיינער האָט אויף אים קיין אַכט נישט געלייגט. דערפאַר אָבער האָט זיך הערש־לייבע שטאַרק אָנגעזען אין שטוב. חנה־גיטל, די עקרת־הבית און די אם־הבנים, האָט שוין געזאָרגט דערפאַר, אַז אין שטוב זאָל לייבע זיך פילן ווי אַ מלך, ווי אין אַ קעניגרייך. זי האָט איינגעפלאַנצט אין דער קינדער שטאַרקן גלויבן און גרויסן דרך־ארץ צו זייער פאָטער. זיי האָבן צוגעהערט און געשלונגען יעדעס וואָרט וואָס איז געקומען פון טאַטנס מויל און דעם טאַטנס וואָרט איז געווען הייליק. חנה־גיטל האָט די קינדער דערצויגן צו כיבוד אב, געטריי און ערלעך צו האַלטן דעם טאַטן.

אַ ברייטע יידענע איז געווען חנה־גיטל, אַן אָנגעגאָסענע, נישט קיין געזונטע. די אונטערשטע ליפּ איז שטענדיק ביי איר געווען געשוואָלן, רויט און צעפּאַדערט, אויגן מאַטע, ווי פאַרלאָשן און טיף אַריין אין קאָפּ. זיי האָבן גאָרנישט פאַרלאַנגט און וועגן גאָרנישט נישט דערציילט. עס איז נישט געווען אין זיי קיין צופרידנקייט, אָבער אויך נישט קיין פאַרלאַנגען. עפּעס אַ מין אָפּהענטיקייט, אַ מין מרוצהדיקייט צו אַלץ, וואָס גאָט טוט. אויפן קאָפּ האָט חנה־גיטל געטראָגן עטלעכע טיכלעך: אַ ווייס טיכל מיט צוויי קניפּן פאַר־בונדן אונטער דער גאָמבע, אויף דעם אַ באַרכן טיכל, פאַרבונדן אַהינטער און איבער דעם אַ גרעסער טיכל, וואָס האָט איר אויך פאַרשטעלט דאָס פּנים. דעם גאַנצן לעבן האָט זי געדאַרפט מיטהעלפן הערש־לייבען אין דער חיונה און דער עיקר צו לערנען די קינדער, צו מאַכן זיי פאַר לייט, האָט געשפּאָרט איר ביסן ברויט פון מויל, אַבי צו קאָנען שיקן די קינדער אין ישיבה.

ביים אָפּענעם קבר האָבן די דריי זין, בני־תורה, מוסמכים פון גרויסע ראשי־ישיבות געזאָגט קדיש מיט אַזאַ כוונה, אַז עולם האָט געפילט ווי חנה־גיטלס נשמה וואָלט געווען דערביי און זיך איינגעהערט יעדעס וואָרט, אַזוי

ווי די זין האָבן זיך צוגעהערט צו יעדן וואָרט פון זייער טאַטן און עס הייליק מקיים געווען.

אין זכות פון כיבוד אב, צו וואָס חנה־גיטל האָט מחנך געווען אירע קינדער, האָט זי זוכה געווען, צו אַזעלכע קדישים, וועלכע האָבן נישט נאָר גרויס געמאַכט גאָטס נאָמען, נאָר אויך דעם נאָמען פון זייער מאַמען — האָט געררעדט דאָס שטעטל. אַלע האָבן זיך אין איר מתקנא געווען; זי האָט טאַקע נישט געוווּסט פון קיין לעבן, האָבן מענטשן צווישן זיך גערעדט, האָט אַלץ געזאָרגט פאַר די קינדער, און פאַר זייער טאַטן, דערפאַר האָט איר דער בורא־עולם אָפּגעצאָלט מיט דריי זיילן פון תורה, וועלכע האָבן פאַר זייער מאַמען באַזאָרגט אַ שטול אין גן־עדן.

בלימע, די בעקערין

— מאַמע, דו האָסט נאָך היינט קיין ביסן אין מויל נישט געהאַט, דער טאָג איז שוין אַריבער, און דו גייסט אַרום שלינג און שלאַנג, מיט אַ ניכ־טערנעם מאָגן. אַפילו די שלייפן נישט איבערגעקייט, ווייסט דען נישט מאַמע, אַז דיין נישט עסן פאַרשאַפט דיר שפעטער קאָפּ־ווייטיק? וואָס איז מאַמע מיט דיר געשען? ווילסט זיך אָפּגעוווינען פון עסן? אַ מענטש לעבט טאַקע נישט כדי צו עסן, אָבער ער דאַרף עסן בכדי צו לעבן, פעלט נאָך צרות אין שטוב? דער טאַטע איז קראַנק, קוים וואָס מען הערט זיין אָטעם, אַלע טאָג קומט דער דאָקטער, גיט אַ טאַפּ דעם דופק און גייט אַוועק. אויף זיין פנים זע איך, אַז ער האָט שוין אויפגעגעבן די האָפענונג. משהלע איז גע־קומען פון חדר מיט אַ צעפלאַמט פנים און קראַמפן אין מאָגן, ווער ווייסט וואָס עס איז אים געשען? אפשר האָט ער געגעסן עפּעס, וואָס האָט אים פאַרשאַט? איצט ווילסטו מאַמע, נאָך קראַנק ווערן ווער וועט זיך מיט אונדז, קינדער, פאַרנעמען? מאַמע! האָב רחמנות אויף זיך, אויפן טאַטן און אויף אונדז קינדער און עס עפּעס. היינט איז שוין געווען צוויי מאָל דער מילי־ציאַנט, צוזאַמען מיטן בוי־מייסטער פון פּאָוויאַט, זיי האָבן געמאָסטן די בעלקעס און באַטראַכט דעם אויוון אין דער בעקעריי. זיי האָבן זיך געפרעגט אויף דיר, מאַמע, האָב איך זיי געזאָגט, אַז דו ביסט נישטאָ אין דער היים, אַז דו האָסט יאָרצייט און ביסט געגאַנגען אויפן גוטן אָרט אויף קבר אבות. דער מיליציאַנט האָט געזאָגט אַז ער וועט אַריינקומען אין אָוונט, דערווייל האָט ער גענומען אַ צוויי לעבלעך ברויט, אַ בינטל בייגל, אַ פּאָר ציבל־פּלעצלעך און איז אַוועקגעגאַנגען. ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט זיך שוין אָפּרעכענען מיט דיר! עס זענען דערביי געווען אַ פּאָר קונים, האָבן זיי מיר געזאָגט, אַז אין שטאָט גייען אַרום קלאַנגען, אַז מען גרייט זיך צו פאַרמאַכן

אַ פּאָר ייִדישע בעקערייען, עס איז זיי צו־גרויס אין די אויגן, וואָס ייִדן מאַכן שבת פון אַ געבעק ברויט, אָדער חלה, ווילן זיי, אַז ייִדן זאָלן קויפן חלילה ברויט ביי וויגאַנאַווסקין, דעם אַנטיסעמיט, וועמענס הינט עס לאָזן קיין איין ייִד זיין שוועל נישט איבערטרעטן. מאַמע, עס עפּעס, זאָל איך דיר עפּעס צוגרייטן צום עסן, מאַמע?

אַזוי האָט נעכע־לאה גערעדט צו דער מאַמען, ווען די לעצטע איז געקומען פון גוטן אָרט, אַן אויסגעווייקטע אין טרערן, מיט רויטע אויגן, אַ צעקנייטשט פּנים, איינגעבויגענע אַקסלען און איינגעדרייט אין דרייען.

בלומע, די מאַמע, האָט אַזוי שנעל דער טאָכטער נישט געענטפערט, קוים ווי זי האָט דעם אָדעם געכאַפּט, האָט קודם אַרונטערגענומען פון זיך די שווערע פאַטשיילע, דאָס טיכל פון קאָפּ, די באַרכענע שובע, דאָס פּעלצן וועסטל פון שעפּסענע שמוישלעך געמאַכט, האָט צורעכט־געמאַכט אויפן קאָפּ דאָס שייטל, איז אַריינגעגאַנגען אין קיך און געוואַשן די הענט און דאָס פּנים, און אָנשטאָט צו רעדן, האָט זי גענומען אַ שטיקל אַלט־געבאַקענע חלה און האָט איינגעווייקט אין אַ ביסל הייסע מילך, צונויפגעמישט מיט וואַסער און האָט מיט דעם אויסגעבעט דעם מאָגן נאָך אַ טאָג נישט עסן.

קיין ציינער צו קייען האָט בלימע נישט געהאַט, זיי זענען ביי איר אַרויסגעפאַלן ווען זי איז נאָך געווען יונג, האָט נאָך געאַרבעט אויף אַ שטעל אַלס דינסטמיידל ביי יענעם. זי האָט געליטן אויף צינגאַ, אַ קראַנקייט, גאָט זאָל אויסהיטן, וואָס קומט פון נישט דערעסן, פון פּשוטן ליידן הונגער, און וועגן הונגער האָט בלימע געהאַט צו דערציילן אַ מעשה; טאַמער האָט עמעצער אין שטעטל פאַרגאָסן אַ טרער אויף אַן אָרעמער יתומה נעבעך, וואָס האָט פאַרלוירן קינדוויז טאַטע־מאַמע און איז געבליבן אדם נאַקעט און הונגעריק און מען איז געקומען צו בלימען מיט אַן אויסגעשטרעקטע האַנט פאַרוויקלט אין אַ פאַטשיילעכל מיט דראָבנעם נאָך אַ נדבה, האָט בלימע, ווי פאַרנומען זי זאָל נישט האָבן געווען אין דער בעקעריי מיט קונים, דער־ציילט די מעשה פון איר אייגענעם ליידן הונגער.

— איך — האָט זי אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן און די ליפּן האָבן ביי איר אין די ווינקלען אָנגעהויבן צו שוימען — האָב שוין איינמאָל פאַרזוכט דעם טעם פון הונגער. חדשים־לאַנג האָב איך אין מיין מויל קיין שטיקל ברויט נישט געהאַלטן, האָב קיין סקראָבינקע ברויט פאַר מיינע אויגן נישט

געזען, האָב בכלל נישט געוווּסט וואָס ברויט איז, ווי עס זעט אויס, וועגן אַ פענעצל חלה איז שוין אָפּגערעדט; ווער האָט דען געוווּסט פון אַזאַ נאָמען? איך האָב נאָר געהערט, אַז אין רייכע הייזער עסט מען חלה לכבוד שבת. ווען די מאַמע איז אָפּגעשטאָרבן, איז נעבעך אַוועק פון דער וועלט גלייך נאָך דער קימפעט, האָט געקראָגן, מען זאָל באַהיט און באַשערימט ווערן, אַ בלוט־שטאָרק און האָט אויסגעהויכט די נשמה, ביז מען האָט פאַרזעצט דאָס קישן און צונויפגעמאַכט די פּאָר גילדן אויף צו קאָנען באַצאָלן דעם דאָקטער, איז שוין נישט געווען צו וועמען צו רעדן, די מאַמע איז נישט געוואָרן. איך, אַ פּיצעלע קינד, אַן עופהלע, האָב זיך געהאָדעוועט ביי ברייני די סאַדאָוניצע, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן. געזאָגט האָט מען טאַקע אויף איר, אַז זי איז נאָך איר מאַן פאַרבליבן אַ רייכע אלמנה. וואָס האָט ער איר דען נישט איבערגעלאָזן, יודל־משה דער סאַדאָווניק? מזומן געלט און סעדער און גערטנער, שטיבער און שפּייכלערס, קאָפּצעס מיט וואַרזשיווע און קעלערס מיט אויבס, אָבער קיין שטיקל ברויט אין שטוב אַריין איז צו איר נישט אַריינגעקומען. האָט מיך געקאָרמעט מיט אַביסל פּאָלעווקע און פּאָר זיך האָט זי געהאַט געגנוג אַ צעריבענעם קאַרטאָפל, פאַרברוינט מיט אַביסל ריישעכץ. אויך זי האָט קיין ציינער אין מויל נישט געהאַט. אַ מאָל אין אַ גאָווינע האָט ברייני אָפּגעבאַקן אַן אולניק. האָט אָנגעריבן עטלעכע פאַרפרוירענע קאַרטאָפל אויף אַ ריבאייזן, באַשאָטן מיט אַ ביסל זאַלץ, אַריינגעלייגט אין אַ בלעכל, באַשמירט מיט אייל פון ליין־זוימען. די ווייכע פון אינעווייניק האָט זי אַליין געגעסן, האָט געקייט מיט אירע איינגעפאַלענע יאַסלעס, און די דאַרע, די האַרטע שטיקלעך פון די זייטן האָט זי פונאַנדערגעטיילט צווישן אירע אייניקלעך וואָס זענען צו איר געקומען אין אַ יומא דפגרא, ווי למשל חנוכה, צו גאַסט. מיר איז אויך אָנגעקומען אַ שטיקל האַרטע פון אולניק, אַזוי גרויס ווי אַ געלכל פון אַן איי. ברויט האָב איך געזען צום ערשטן מאָל ביי מאָטיע עליעס קינדער, ווינטער־צייט האָבן זיי דאָס ברויט געגעסן באַשמירט מיט שמאַלץ און גריוועניעס אַרומגעלייגט אין די זייטן; זומער צייט איז דאָס ברויט געווען באַשמירט מיט אַ שטיקעלע פּוטער אָדער גאָר מיט פרישן צוואָרעך. דאָס מויל האָט געוואַסערט פון חשק. די קישקעס אין בויך האָבן געזונגען זמירות פון הונגער. די אויגן זענען אַזש אַרויסגעקראָכן פון זייערע לעכער, כאָטש גיי און בעט, שטרעק־

אויס די האַנט נאָך אַ שטיקל, נאָך אַ ביס כאַטש. אָבער וועט וועט עס גיין טאָן אַזאַ זאַך? בעסער אויסגיין פון הונגער און נישט אויסשטרעקן די האַנט. האָב איך זיך געמוזט באַנוגענען מיט זען ברויט, אָבער נישט צו עסן קיין ברויט.

— בריינע, פאַרשטייט איר מיך — האָט בלימע ממשיך געווען איר דערציילונג — איז געווען אַ שטאַרק קאַרגע יידענע, האָט פיינט געהאַט אויסצוגעבן אַ קאָפּיקע, איז אָפּגעקומען מיט שהי־פּיה, טאַקע ממש מיט גאַרנישט. געהייסן האָט עס, אַז זי וויל נישט נאָכגעבן די שמד, עס הייסט: נישט טריף מאַכן דעם האַלדז מיט גוטע און געשמאַקע עסנס. זי פלעגט טענהן: צו וואָס באַדאַרף עס אַ מענטש אַ סך עסן און דערצו נאָך ווערן פעט און צוגרייטן פאַר די ווערים, אַז זיי זאָלן איבער הונדערט מיט צוואַנציק יאָר האָבן וואָס צו פרעסן? אַ מענטש לעבט דאָך נישט אייביק, וואָס מאָגערער מען איז, אַלץ איידעלער איז מען. דער איינציקער פאַרגעניגן וואָס אַ מענטש האָט פון עסן, איז די ברכה וואָס מען מאַכט, נו! — האָט בריינע צוגעשאָקלט מיט איר גאָמבע און געזאָגט, — נישקשה. דאָס ענטפערן צו דער צייט „אמן" אויף אַ ברכה איז אויך אַ מצווה, און דאָס פאַרשאַפט אויך אַ סך פאַרגעניגן.

— אַזוי ווי בריינע האָט אַליין נישט געגעסן קיין ברויט, אַ רבותא, אַז זי האָט מיר נישט געגעבן קיין שטיקל ברויט. אירע אייגענע קינדער האָט זי געהאָדעוועט אויף באָבעלעך געבאַקן פון קאַרטאָפל, פּאָלעווקע מיט פאַרשאָטענע קליסקעלעך, פאַרקנאָטן פון פאַשלעדנעם מעל, אַמאָל אַ ביסל מערן־צימעס געקאָכט פאַסטנע, אָן אַ שטיקל פעטס. נו, זענען אירע קינדער טאַקע אויסגעוואַקסן שטאַרקע גבורים, אויף מיינע און אויף אייערע שונאים געזאָגט געוואָרן; די טעכטער זעט איר דאָך, אָנגעגאָסענע, דיקע בייכער, מיט קושעליעוואַטע פיס, און די זין האָט מען דאָך אַפילו צו די סאָלדאַטן נישט געוואָלט נעמען. פאַניע קוואַס, ווי גיך ער האָט אויף זיי אַ קוק געטאָן האָט ער זיי גלייך אויסבראַקירט. מיט אַזעלכע זעלנער — האָט זיך דער וואָיענער דאָקטער געחכמהעט — קען מען פליִען אין דער לופטן, זיי וועגן נישט קיין סך, אָבער מען קאָן נישט גיין אין קיין מלחמה מיט קיינעם, אוודאי קען מען מיט זיי נישט איינעמען קיין מדינה. אַלע מאַנטיק און דאָנערשטיק זענען בריינעס קינדער, מען זאָל באַהיט און באַשירעמט ווערן, קראַנק און פאַרויס גאָט ברוך־הוא און דערנאָך דער קליינער יאַנקעלע, דער פעלדשער, ראַ־

טעוועט זיי; מען האַלט זיי אין איין ראַטעווען, נאָך היינט אַפילו, אין מיטן טאָג, אין מיטן ביי דער נאַכט, שבת ביים דאַוונען, מען לויפט, מען שרייט, מען גייט איינרייסן דעם ארון־קודש, וואָס איז, וואָס האָט מיינט איר פּאַסירט? עמעצער פון ברײנעס קינדער איז פאַרביי; יאַקלען האָט געכאַפּט דאָס האַרץ, אָדער שפּרינצען האָט אַ נעם געטון דער לעבער מיט אַ צושפּיל פון די גאַל־שטיינער, אָדער יענטלען האָבן אָנגעכאַפּט די קראַמפּן אין מאָגן און מען הערט אירע געוואַלדן עד לב השמים, אָדער גאָר אויף אַ באָווינע ברוכקע קען די אויגן נישט עפענען פון שטאַרקן קאָפּ־ווייטיק, און ביי שלמהקען האָט זיך אַזוי צעהילעכט דער געניץ אויפן קול, אַז ווען ער האָט אַ געניץ געטאָן ביי זיך אין שטוב ווי ער האָט געוווינט, אַנטקעגן איבער דער באָד, האָט מען דעם קריי געהערט אין צווייטן עק שטאָט, לעבן וואָקזאַל. גנענדל ווידער ליגט מער ווי זי גייט אָרום, זעט אויס געל ווי וואַקס, ווער ווייסט וואָס פאַרא חולאתן זי טראָגט אין זיך? בונים ווייטערליידט אַלע זיינע יאָרן אויף טראַכאָמע, דערצו נעצט אים כסדר אַן אויער. איטקע, ווען איר זעט זי, גייט זי פאַרבונדן דעם קאָפּ מיט אַ האַנטוך און האַלט פּליטשן צעשניטענע קאַרטאָפל אויף די שלייפן און אויפן שטערן. ברוכל, דער לץ, וויצלט זיך און זאָגט, אַז ברײנע וואָלט פון די פּליטשן קאַרטאָפל געהאַט גענוג אויף אָפּצוקאָכן אַ מאָלצייט פאַרן גאַנצן געזינדל. איך אַליין האָב צו ברײנען גאָרנישט חלילה, זי האָט דאָך מיר געהאָדעוועט, איך קען זיך חלילה נישט באַקלאָגן, אַז זי זאָל מיר האָבן געגעבן ערגער צו עסן, ווי זי האָט געגעבן אירע אייגענע קינדער. אָט אַזוי ווי איר זעט בין איך אויסגעוואַקסן און האָב חתונה געהאַט און אַליין געבראַכט קינדער אויף דער וועלט. זאָל אַזוי פעלן ביי מיינע אַלע גוטע פריינד אין די הייזער, ווי עס פעלט ביי מיר אין שטוב פון עסנוואַרג, געזונט זאָל נאָר אַזוי פעלן ווי עס פעלט וואָס צו עסן, זאָל אַזוי קומען אַ רפואה שלימה אויף מיין מאַן, ווי עס פעלט נישט קיין ברויט און חלה אין הויז.

ברײנע, עליה השלום, האָט מיר אַ סך גוטס געטאָן, זאָל עס איר אַנטקעגן קומען אין גן־עדן. ווער האָט זיך דען געוואָלט אויף מיר מרחם זיין? פאַרויס גאָט און דערנאָך ברײנע זענען מיינע אויסלייזערס. איך געדענק ווי קיין שום יידישע בעל־הביתטע האָט מיר נישט געוואָלט צונעמען פאַר אַ דינסט, באשר בכן, מען האָט געזאָגט אויף מיר ,אַז איך בין אַ קראַנקע,

וואָרעם ביי ברייגען זענען אַלע קינדער שוואַכע, היינט וואָס זאָל עס די יתומה נעבעך זיין אַן אויסנאַם? דערצו האָט קיינער לאַנג וועגן מיר זיך ניט באַדאַרפט אַמפּערן, ווי נאָר מען האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן איז שוין געווען גענוג: די האָר אויפן קאָפּ זענען ביי מיר נישט געוואַקסן, און די וואָס זענען יאָ געוואַקסן, זענען באַלד אַרויסגעפאַלן, האָבן זיך נישט געהאַט אין וואָס צו האַלטן אויפן קאָפּ, די וואָרצלען זענען געווען שוואַכע. דאָס פּנים איז געווען אויסגעשאָטן מיט פאַרשידענע וויסיפּקעס. מיין לינק אויג איז געווען שיקלדיק און איז שוין אַזוי, ווי איר זעט, פאַרבליבן, זינט איך בין אַרונ־טערגעפאַלן ביי ברייגען אין סאָד פון אַ בוים, ווען איך האָב אַרונטערגע־שאָקלט די באַרנעס, בין איך געבליבן מיט אַן אויסגעקרימט פּנים, עס רעדט זיך נאָר אַזוי אויסגעקרימט — די דאָקטוירים און יאַנקעלע דער פעלדשער האָבן מיר געהאַט אָפּגעזאָגט דאָס לעבן. שפּעטער, אַז גאָט האָט מיר גע־האָלפן און בין געקומען צוריק צו די כוחות, האָבן זיי שוין געזאָגט, אַז נאָר די גאָמבע האָט זיך אַביסל אויסגעדרייט אין אַ זייט, אָבער דאָס פּנים איז פאַרבליבן גלייך. אין בין, ווי איר קוקט מיך היינט אָן, ניט קיין פּעטע, היינט קענט איר זיך שוין פאָרשטעלן ווי מאָגער איך בין דאַן געווען. איר קאָנט זיך שוין פאָרשטעלן ווי אַזוי איך האָב דאַן אויסגעזען: די באַקן איינ־געפאַלן, די אויגן אַרויס, די אויערן ווייס, די לעפלען טויט. נו, האָט טאַקע קיינער מיר נישט געוואָלט נעמען פאַר קיין דינסטמיידל, און צוריקגע־שמועסט, וואָס קען דען שוין אַזאַ דינסט־מיידל מ׳שטיינס־געזאָגט טאָן פאַר אַ בעל־הביתטע? ראַמען און וואַשן נישט, קאָכן נישט, וואָרעם ווער וועט עס צולאָזן אַזאַ מיידל צום טעפּל? אַפילו אויסשייערן און אויסוואַשן דאָס גע־שיר וועט מען דאָך נישט צולאָזן אַזאַ מיידל, און צו קיין קינדס וויגעלע וועט דאָך אויך קיינער נישט וועלן אַזאַ מיידל צולאָזן, וואָרעם יעדע מאַמע וועט מורא האָבן, טאָמער חלילה נעמט זיך דאָס קינד אָן פון מיר, פון מיינע ווי־סיפּקעס, וועלכע מאַמע וועט עס וועלן ריזיקירן? נו! וואָס־זשע מיינט איר איז געווען? מען האָט טאַקע מיר נישט גענומען פאַר קיין דינסט־מיידל, קיינער אין שטאָט האָט מיר נישט געוואָלט, אָט קיינע פון די אַלע בעל־הביתטעס האָט מיר צו זיך אין שטוב נישט אַריינגעלאָזט. אַלע, אָט ווי איר זעט זיי, האָבן געהאַט אויף מיר רחמנות, האָבן מיט אַ שפּיץ פאַרטוך אָפּ־געווישט אַ טרער, אָבער זיין האָבן זיי מיר געהייסן, ביי ברייגען, אַ ליכטיקן

גן־עדן זאָל זי נאָר האָבן. זי האָט עס, גלייבט מיר, כשר פאַרדינט. ביי איר, די איינציקע, בין איך נישט געווען קיין בראַק, זי האָט מיר געהאַלטן ווי אַ מאַמע. יאָ אַ שטיקל ברויט, נישט אַ שטיקל ברויט, איך בין ביי איר געווען ווי אַן אייגן קינד. זי האָט מיר געגעבן אַ דאַך איבערן קאָפּ, אַ ווינקל וווּ צו שלאָפן, אַ יאַקע צוצודעקן דאָס לייב. יאָ הונגעריק, נישט הונגעריק, ווען נישט ברייגע, ווער וואָלט זיך דען אויף מיר אומגעקוקט? שפּעטער ערשט האָט פריידעלע ר' בנימינס מיך אַריינגענומען צו זיך אין הויז און געהאַלטן אַלס דינסט־מיידל. אין וואָס מיינט איר איז באַשטאַנען מיין אַרבעט? צו דער קיך האָט זי מיך אויך נישט צוגעלאָזן, דערפאַר אָבער האָט זי מיך צוגעלאָזט צום אויוון, אויך נישט צום באַקאויוון, וווּ מען באַקט טאָרטן, די זיסע זאַכן, און וווּ מען בראָט די פּעטע גענדזלעך, איך האָב נישט געקענט נישט באַקן און נישט בראָטן; ביי ברייגע דער סאַדאָוניצע האָב איך נישט געהאַט קיין געלעגנהייט זיך אויסצולערנען קאָכן, באַקן און בראָטן, זי אַליין האָט קיין פּאַטראָוועס נישט געקאָכט, קיין פּעטע אינדיקעס אָדער קאַטשקעס נישט געבראָטן און קיין לעקאַך נישט געבאַקן. איז מיין אַרבעט באַשטאַנען אין הייצן די קאַפּלענע אויוונס, יעדן פרייטיק האָב איך געדאַרפט אַריינטראָגן ברעמיעס האָלץ פון שטאָל אין שטוב אַריין, עטלעכע קיישלעך שטיין־קוילן און איינהייצן די אויוונס ס'זאָל זיין וואַרעם אין די חדרים. דערנאָך האָב איך געראַמט די שטוב. אין די מאַרק־טעג בין איך אויך געשטאַנען אין אייזן־געשעפט און נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון קיינעם און אַכטונג געגעבן, אַז קיינער זאָל נישט אַוועקציִען אַ שטיקל אייזן, אַ ביסל טשוועקעס אַריינ־לייגן אין קעשענע. צו דעם האָב איך זיך גראַד יאָ אויסגעטויגט.

— איצט ווייסט איר שוין פאַרשטיין וואָס עס האָט אין מיין לעבן באַדייט הונגער? — האָט בלומע פאַרענדיקט דערציילן איר געשיכטע און דערביי געגעבן אַ בכבודיקע נדבה, טאַקע מיט דער ברייטער האַנט, ווי די גרעסטע שטאָט־גבירטע.

נאָכן דערציילן, האָט בלומע פרייער אָפּגעאָטעמט, זי האָט זיך אַראָפּ־געריסן פון האַרצן און געפילט ווי אַ שווערער שטיין וואָלט אַרונטערגע־נומען געוואָרן פון איר. זי האָט דאַן זיך גענומען צו דער אַרבעט, אָדער זי האָט געענטפערט קונים, וואָס זענען געקומען קויפן ברויט אָדער אַנדערע געבעקסן, אָדער זי איז אַריינגעגאַנגען אין דער בעקעריי און זיך אַוועקגע־

שטעלט ביי אַ טייג און אויסגעקנאַטן חלה, אָדער האָט פּאַרראַשטשיניעט אַ געבעק ברויט, אָדער זי האָט גאָר אָנגעטראָגן האָלץ און אַריינגעלייגט אין אויוון אַריין, עס זאָל פריִער דורכגעגנומען ווערן מיט אַ וואַרעמער פּאַרע און זיין גרייט שפּעטער אייננצוהייצן. שטייענדיק אַזוי ביי דער אַרבעט האָט בלומע נאָכגעטראַכט אין קאָפּ וואָס זי האָט דערציילט און פּרובירט נאָכ־קאָנטראָלירן צו זי האָט עפּעס נישט פאַרפעלט צו דערציילן.

שבת, נאָכן דאַוונען, ווען די ווייבער זענען געקומען אָפּנעמען די טשאָלנטער אין בעקעריי, האָט בלומע אַלעמען געווונטשן זיי זאָלן מיט אַ גוטן אַפּעטיט עסן דעם קוגל און הנאה האָבן פון שבת, דערביי נישט פאַר־פעלט צו זאָגן יעדער ייִדענע און איר ווינטשן, אַז ביי איר אין הויז זאָל מען נישט וויסן קיינמאָל פון קיין הונגער, אַז עס זאָל זיין פון כל־טוב צו עסן און צו דער זעט.

בלומע די בעקערן האָט שטאַרק אָפּגעהיט די מצווה פון חלה־נעמען. זי האָט געקענט אַלע דינים פון חלה־נעמען. ווי גיך ביי איר איז אַ קינד אונטערגעוואַקסן, האָט זי פון די ערשטע מצוות אויסגעלערנט צו נעמען חלה, איר איז גאַנץ באַזונדערס געווען נאָענט צום האַרצן די מצווה פון נעמען חלה. ווען זי איז נאָך געווען אַ דינסט־מיידל און דאָנערשטיק אויף דער נאַכט געשטאַנען איבער אַ דייזשע ברויט, אָדער חלה און האָט געקנאָטן, אַזש דאָס שווייס איז איר גערונען איבערן שטערן אַריבער, פלעגט צוקו־מען די בעל־הביתטע און אַראָפּנעמען אַ שטיקל טייג ווי אַן איי די גרויס און מאַכן די ברכה: להפריש חלה; דאַן האָט זי ביי זיך אַזוי געטראַכט: ס׳טייטש, היתכן? זי קנעט, זי אַרבעט, פון איר גיסט זיך דער שווייס, און די מצווה פון חלה־נעמען האָט גאָר די בעל־הביתטע? זי מאַכט די ברכה? וואָלט כאָטש עמעצער פון די בעל־הביתטעס געגעבן אַ געלעגנהייט נהנה צו זיין פון דער מצוה פון חלה־נעמען, וואָרעם בריינע האָט איר נאָך גע־לערנט, אַז דער דין איז, אַז אַ דינסט־מיידל ווען זי קנעט דאָס טייג מעג זי אַליין נעמען חלה און מאַכן די ברכה. דער דין זאָגט אויך, אַז יעדער בעל־הביתטע, מעג הייסן ווענען זי וויל נעמען חלה פון איר טייג און מאַכן די ברכה. תמיד האָט איר געגאַגט אַ בענקשאַפט צו דער מצווה פון חלה־נעמען, זי האָט עס באַטראַכט ווי אַ סגולה קעגן הונגער. פון אירע טרוימען ווען זי איז עלנט געווען, אַליין, אָן טאַטע־מאַמע, געאַרבעט אין פרעמדע הייזער

און געווען אָנגעוויזן אויף יענעמס עסן, האָט זי אויך באַהאַלטן דעם חלום, אַז ווען זי וועט דערלעבן די צייט און ווערן אַ בעל־הביתטע פאַר זיך, וועט האָבן אַן אייגענעם טיש, וועט זי גיבן מענטשן צו עסן צו דער זעט, און ווען גאָט וועט זי באַגליקן און זי וועט אַליין קענען באַקן, וועט זי אַכטונג געבן צוצוטיילן די מצוות פון חלה־נעמען צו די אַלע וואָס האָבן נעבעך אַליין נישט די געלעגנהייט דערצו. בלומע האָט אָפּגעהיטן די ווייבער וועלכע האָבן אַליין נישט געבאַקן קיין חלה און ברויט און זיי אַריינגערופן צו זיך אין דער בעקעריי און מכבד געווען מיט דער מצוה פון חלה־נעמען און אויפן קול נאָכגעזאָגט „אמן‟ נאָך יעדער ברכה. בלומע האָט אַזוי מאַרקירט, אַז זי האָט געקנאָטן וואָס מער טייגן, מיט דער כוונה, אַז עס זאָל זיין פון וואָס מער צו נעמען חלה, ווי דער דין איז, אַז פון יעדן שטיק טייג געמאַכט פון מער ווי פון צוויי און אַ האַלבע קוואָרט מעל דאַרף מען נעמען חלה.

אין שטעטל האָט בלומע די בעקערין געהאַט אַ שם, אַז זי היט אָפּביידע מצוות: די פון חלה־נעמען און נישט ווייניקער די פון חלה־געבן.

ריוע, די פישערקע

דריי ווייבער מיטן נאָמען רייצע האָבן געלעבט אין שטעטל אויף דער זעלבער גאַס, אין שכנות איינע פון דער אַנדערער. אַלע דריי זענען געווען כמעט פון זעלבן עלטער. כ׳ווייס, אפשר גערוקט אויף אַ יאָר; איינע אַ יאָר יינגער און די צווייטע מיט אַ יאָר עלטער. אַלע דריי הויך־געוויקסיק, מיט שמאָלע פּלייצעס, מיט קופּקעס אויף די קעפּ און מיט ברייט־צעקנייטשטע שטערנס, וואָס האָבן פון אונטער די קופּקעס אַרויסגעקוקט. אין שטעטל האָט מען געזאָגט, אַז אַלע דריי רייצעס זענען פון דער השגחה באַשאַנקען געוואָרן מיט איין און דעמזעלבן מזל, און דאָס איז: מזל אביון — דאָס מזל פון אַן אָרעמאַן.

אין זומער־צייט, ווען די טירן און פענצטער פון די הייזער זענען אָפן, ס׳זאָל אַריינגיין אַ ביסל לופט און פליגן זאָלן האָבן דורך וואַנען אַרויסצוגיין, פלעגט גאַנץ אָפט פּאַסירן, אַז איין רייצע האָט געענטפערט אַנשטאָט אַ צווייטער. ווען יאַנקל, למשל, האָט גערופן זיין ווייב רייצע, האָט געענטפערט רייצע קיוועס, אָדער רייצע לייזער־עשעס.

אַלע דריי רייצעס האָבן זיך מיט עפּעס באַשעפטיקט, האָבן געהאַט אַ פּרנסה משלהן; איינע האָט געהאַנדלט מיט פיש און מען האָט זי דערפאַר גערופן: רייצע די פישערקע; די צווייטע האָט געשטריקט זאָקן און מען האָט זי אַזוי גערופן: רייצע די זאָקן־שטריקערין און די דריטע האָט געהאַט פאַר אַ פּרנסה דאָס פליקן פעדערן, איז זי געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען, רייצע די פליקערין. הכלל, בקיצור הדבר, מען זאָל זי נישט צונויפמישן מיט די נעמען, האָט מען יעדער פון די דריי רייצעס גערופן ביים צונאָמען, אַנשטאָט רייצע האָט מען איינע גערופן: פישערקע, די צווייטע — פליקערין און די דריטע — שטריקערין.

רייצע די פישערקע איז געשטאַנען אַ גאַנצע וואָך, פון זונטיק ביז־דערפרי ביז פרייטיק־פאַרנאַכט און פאַרקויפט פיש. איר שטעל האָט זי געהאַט אויפן נייעם מאַרק, ווו מען האָט פאַרקויפט מילכיקס און גרינוואַרג. אַנטקעגנאיבער דוואַשע דער לעדער־קרעמערקע זענען געשטאַנען אויסגע־שטעלט אויף אַ ברייטער באַנק באַליעס מיט וואַסער און אין וואַסער זענען אַרומגעשווומען פיש.

— קויפט פיש, ווייבער! מענטשן, קויפט און עסט פיש, וועט איר פאַרשפאָרן עסן זיך אַליין! — מיט די ווערטער פלעגט רייצע אויסרופן איר סחורה. זונטיק האָט זי נאָך פאַרקויפט די רעשטלעך פיש, וואָס זענען איר פאַרבליבן פון פרייטיק און מאָנטיק האָט זי שוין געהאַט פרישע סחורה, לעבעדיקע קאַרפּן, העכט, שלייען און קליינע פישלעך, וואָס זענען אַרומ־געשווומען אין די באַליעס. די קליינע פישלעך האָבן געדינט פאַר צוויי צוועקן: מאַנכע ווייבער האָבן זיי געקויפט פאַר פיש אויף שבת און אינמיטן דער וואָך צו קאָכן אין מילכיקן, די רייכערע ווייבער האָבן די קליינע פיש־לעך גענוצט אויף צוזוואַרפן אין קאָכן צו די קאַרפּן אָדער שלייענס, ס׳זאָל זיין באַטעמטער.

צו די רייכע שטעטל־באַלעבאָסטעס, די וואָס האָבן געפירט גרע־סערע קיכן, אַ ברייט באַלעבאַטישקייט און האָבן געהאַט אַ גרויס הויז־געזינד צו באַשפּייזן, ווי למשל: צו שיינדעלע ר׳ פנחסלס, צו באַשע רחל־לאהס, צו איטע דוד־נחמנס, צו סערקע משה מלכהס, צו בריינדעלע הערש־לייזערס און נאָך אַזעלכע פון דעם גלייכן, האָט רייצע די שבתדיקע פיש אַוועקגעטראָגן נאָך מיטוואָך אויף דער נאַכט, אָדער דאָנערשטיק גאַנץ פרי. רייצע האָט שוין געוווסט אויף אויסנווייניק וואָס פאַראַ פיש יעדע באַלע־באָסטע קאָכט אויף שבת. מיט אַ פריילעכער מינע איז זי מיטן רעכטן פוס איבערגעטראָטן די שוועל און מיט אַ ברייטן „גוט־מאָרגן“, אָדער „גוטן־אָוונט“ געזאָגט: באַלעבאָסטעשי, כ׳האָב אייך געברענגט אייערע פיש לכבוד שבת, איר זאָלט זיי עסן מיט הנאה און געזונטערהייט זאָלט איר אין זיי דערפילן דעם זיסן טעם פון שבת.

אין אַ קוישל אויף די הענט געטראָגן, האָט זי אין פּאַפּיר און גאַזעטן געהאַט איינגעוויקלט די חלקים פיש און זיי פונאַנדערגעטראָגן צו די באַ־לעבאָסטעס. נישט איינמאָל האָט פּאַסירט, אַז איין באַלעבאָסטע האָט געוואָלט

אַ קוק טון אויפן חלק פיש, וואָס רייצע האָט צוגעגרייט פאַר אַן אַנדער באַלעבאָסטע. רייצען קען מען טאַקע געטרויען. זי וועט אַלעמען טאַקע געבן די זעלבע סחורה, נאָר פונדעסטוועגן, אַ מענטש איז דאָך נישט קיין מלאך און אַפילו רייצע, די ערלעכע יידענע, האָט דאָך אויך נישט אויסגעטראָגן אַלע פיש אין איין מאָס. טרעפט, אַז איין פישל איז קלענער און אַן אַנדערס איז גרעסער; אַ גרעסער פישל וועגט טאַקע מער און באַטרעפט אַ גרעסערן מקח, אָבער וועמען גייט עס אין מקח, אַ גרעסער פישל קומט אָן לייכטער אויסצוהוילן און אָנצופילן און דער עיקר, עס זענען דאָך דאָ מערערע חלקים. רייצע האָט נישט גערן געוויזן איין באַלעבאָסטע די פיש פון אַ צווייטער; צו וואָס ווייזן, זאָל זיך יעדער עסן געזונטערהייט זיין חלק, אָבער אַז אימיצער האָט זיך איינגעעקשנט און דווקא געוואָלט זען, האָט זי נישט געהאַט קיין ברירה און געוויזן. פלעגט אָפטמאָל פּאַסירן, אַז נאָכן ווייזן, איז עמעצן געפעלן געוואָרן דעם צווייטנס חלק. מילא, האָט זיך רייצע נישט איינגעריסן מיט קיינעם און געגעבן יעדן וואָס זי האָט געוואָלט. לכבוד שבת איז דאָך נישט שייך, מען דאַרף אַלעמען צוליב טאָן און רייצע איז מיט אַלעמען אויסגעקומען.

שווערער איז געווען אויסצוקומען מיט די קויפּערקעס ביי די באַליעס. פאַר איינע איז איין פישל געווען צו־גרויס און פאַר דער צווייטער צו קליין. ס׳האָט זיך געטאָן אַ לעבעדיקע וועלט, אָבער פונדעסטוועגן האָט זיך רייצע חלילה מיט קיינעם פון אירע קונאים נישט צעווערטלט. זי האָט געהאַט גע־דולד, האָט געדויערט נאָך אַ מינוט ביז אַ קונה האָט זיך אויסגעקליבן די פיש. שבת — פלעגט רייצע זאָגן — איז דאָך געגליכן צו אַ כלה, אין קבלת־שבת זאָגט מען דאָך טאַקע: לכה דודי לקראת כלה פני שבת נקבלה; נו, דאַרפן די פיש אויך גיין אַנטקעגן דער כלה; און בעת רייצע האָט געקוקט אויף די פיש, וואָס זענען געשווימען אין די באַליעס, האָט זיך איר אויסגע־וויזן ווי יעדער פיש וואָלט פריציש אַנטקעגנגעשווומען דער כלה־שבת. אין די הייליקע ספרים ווערט געשריבן — פלעגט רייצע דערציילן אירע קונים, אַז אַזוי ווי מיר גייען אַנטקעגן דעם שבת, אַזוי גייט דער שבת אונדז אַלעמען אַנטקעגן. דער שבת מאַכט אויך אַלעמען גלייך: דעם עושר מיטן אָרעמאַן; דעם האַר מיטן קנעכט, דער קנעכט ווערט אין טאָג פון הייליקן שבת פריי פון זיין האַר, ווייל אַלע זענען דאָך קינדער פון איין פאָטער אין הימל. דער־

ביי פלעגט זיך רייצע גיבן אַ כאַפּ, — און די וואָס האָבן נישט פאַר וואָס צו מאַכן שבת זענען אויך גלייך? אין דער מחשבה האָט זי אַ שפּאַציר געטאָן איבער די אָרעמע געסלעך פון שטעטל, איז געגאַנגען פון שטוב צו שטוב און געזען די אָרעמקייט, די בויט, געזען די אָרעמעלייט, וואָס האָבן נישט פאַר וואָס שבת צו מאַכן, אָפּגערעדט שוין פון קויפן פיש אויף שבת. נישקשה — האָט רייצע אין דער מחשבה אָנגענומען אַ פעסטן באַשלוס — פריִער גאָט דערנאָך איך וועל זיי שוין באַזאָרגן מיט פיש לכבוד שבת און דאָס איבעריקע זאָל זיי טאָקע דער בורא־עולם געבן דורך אַנדערע.

פרייטיק פאַרנאַכט, ווען מען איז געגאַנגען מקבל־שבת זיין אין בית־מדרש אַריין, האָט רייצע אָנגעזאָגט איר ישראל־יאַנקלען ער זאָל למען־השם נישט אהיימקומען אָן אַן אורח, און טאָמער וועט ער ברענגען צוויי וועט זי אים נישט אַרויסוואַרפן, ווייל זי האָט אָנגעגרייט גענוג עסן אויף שבת. דערביי האָט זי צוגעווונטשן ישראל־יאַנקלען, אַז גאָט זאָל אים צושיקן אַן אורח אַ פאַרשטעלטן אליהו־הנביא. אָט פון דעם מין אורחים, וואָס ווערט דערציילט וועגן רבי אליעזרן, דעם פאָטער פון בעל שם טוב ז״ל, צו וועמען אליהו־הנביא איז געקומען אין אַ פרייטיק־צו־נאַכטס אַלס אורח און האָט אים געבענטשט, אַז ער זאָל זוכה זיין צו אַ זון, וואָס וועט זיין אַ ליכט פאַרן יידישן פאָלק, אַ וועגווייזער פאַר יידן. הערסט, ישראל־יאַנקל — האָט רייצע געזאָגט — זאָלסט זיך נישט דאַוועגן אַוועקצוגיין פון בית־מדרש אָן אַן אורח.

פון איבער די פאַרהענגלעך פון דער ווייבערישער שול האָט רייצע געקוקט נאָכן דאַווענען צו דער טיר פון אַרויסגאַנג פון בית־מדרש און אַכטונג געגעבן, צי ישראל־יאַנקל גייט נישט אַמאָל אַליין אַהיים פון קבלת־שבת. נישט אַלעמאָל איז געווען לייכט צו געפינען אַן אורח אין שטעטל. קיין סך גבירים זענען טאָקע נישט געווען, אָבער קיינער האָט נישט געוואָלט אַהיים־גיין פרייטיק־צו־נאַכטס נאָך מעריב אָן אַן אורח. יידן אין בית־המדרש, אָרעם און רייך, האָבן נאָכן דאַווענען זיך געאיילט צום אַרויסגאַנג צו זיין פון די ערשטע אויפצונעמען אַן אורח. ישראל־יאַנקל איז נישט געווען פון די זריזים. ער איז געגאַנגען פאַמעלעך. רייצע האָט אויף אים געזאָגט, אַז ער האָט צעלעכערטע עלנבויגנס און ער קען זיך אין זיי נישט אָנשפּאַרן און קיינעם נישט שפּאַרן. איידער ער האָט זיך געריירט איז שוין אין בית־מדרש נישט געווען קיין אורח. רייצע האָט זיך גענומען שטאַרק צום האַרצן, אויב איר

ישראל־יאַנקל איז געקומען אַליין אָן אַן אורח. אום שבת האָט זי אים נישט געוואָלט ערגערן און אויסרעדן, בכדי אים חלילה נישט צעשטערן דעם עונג־שבת. אָבער גלייך נאָך הבדלה האָט זי אים שוין יאָ אויסגערעדט: ס׳טייטש? היתכן? ווי קומט מען עס אַהיים אָן אַן אורח? צו וואָס האָרעוועט מען אַ גאַנצע וואָך, אויב נישט צו קענען אום שבת ביים טיש האָבן איינעם אָדער צוויי פון די נע־ונדניקעס, וואָס גייען איבער דער וועלט, זיי זאָלן זיצן ביי איר טיש, זאָלן עסן און זינגען זמירות צוזאַמען, מען זאָל בענטשן מיט מזומן און לויבן גאָט צוזאַמען?

רייצע האָט מיט ישראל־יאַנקלען געהאַט אַ בן־יחיד, אויסגעוויינט און אויסגעבעטלט ביים בורא־עולם. האָט זי געוואָלט ,אַז איר בן־יחידל זאָל אויסוואַקסן אַ צדיק, די וועלט זאָל זיך מיט אים גרויסן, ער זאָל זיין אַ מאור לישראל ווי דער בעל־שם־טוב איז געווען. היינט ווער קען געבן די ברכה פון גאָט פאַר אַזאַ זון אויב נישט אַן אָרעמאַן, איינער פון די אָרעמעלייט, וואָס וואַרטן ביי דער טיר פון בית־מדרש פרייטיק צו נאַכטס און שבת אינדערפרי מען זאָל זיי נעמען פאַר אורחים. אין דער אמתן זענען זיי דאָך אליהו הנביאס געשטאַלטן.

רייצע האָט נישט געלעבט פאַר זיך בלויז. דאָס גאַנצע שטעטל איז מיט איר געווען פול און פול מיט אירע פיש. ווען האָט זי דען נישט אינ־זינען געהאַט? זי איז דאָך צו אַלעמען געווען אַ מאַמע: צו די ישיבה־בחורים, צו אַן אָרעמער קימפעטאָרין, צו אַ יתומה, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, ס׳האָבן דען געפעלט אין שטעטל אָרעמע און עלנטע, וואָס האָבן זיך געניי־טיקט אין אַ ביסל וואַרעמקייט, אין אַ גוט וואָרט? רייצע האָט איבער אַלעמען אויסגעשפרייט איר מוטערלעכקייט.

אין דעם טאָג פון שבת האָט זיך רייצע פון אַלע דריי סעודות ספּעציעל געפילט יום־טובדיק צו שלוש־סעודות. אויב אין די ערשטע צוויי מאָלצייטן, ווי פרייטיק־צו־נאַכטס און שבת־אינדערפרי, האָבן אויפן טיש געקיניגט און אויסגעשפרייט זייערע טעמים סיי בשר און סיי דגים, איז צו שלום־סעודות דער מלך געווען נאָר דגים און דערצו האָט מען דאָך די סעודה געגעסן אין בית־מדרש, בעת מען האָט געזאָגט תורה און געזונגען זמירות בציבור. עס איז אין דער צייט פון בין־השמשות, ווען דאָס געמיט איז אין אַ געהויבענער שטימונג, ווען מען שוועבט במרומים, דאָס האַרץ איז פול מיט פייער פון

גלויבן, מיט אמונה וואָס וואַרצלט אין דער קדושה פון שבת, בעת מען דער־פילט אַן אַנדער גייסט, וואָס קומט פון אַן אַנדער וועלט, פון אַ וועלט פון וויזיע; אַט דער שלום־סעודות, פון וועלכן ייִדן ווילן גאָרנישט אַוועקגיין, ווייל מען וויל זיך נישט געזעגענען מיטן שבת.

רייצע האָט הנאה געהאַט צו קוקן פון איר ווייבערישער שול אין בית־מדרש אַריין צו די ברייטע טישן, ביי וועלכע ייִדן און איר ישראל־יאַנקל זיצן, זענען טועם פון די פיש, זאָגן תורה און זינגען זמירות. אין די אַלע ייִדן האָט רייצע געזען אליהו הנביא, פון וועלכע זי האָט דערוואַרט אַ ברכה, אַז איר בן־יחיד זאָל אויסוואַקסן אַ צדיק בישראל!

ראָכעלאָה, די מילכיקערין

מיט צוויי קאַנען מילך איןביידע הענט, און אַ מעסט־קוואַרטירל אָנגעבונדן אין פאַרטעך, האָט ראָכע־לאה געמאָסטן יעדן טאָג, חוץ שבת, דאָס שטעטל און איז געגאַנגען פון הויז צו הויז. ווינטער־צייט — איין מאָל אַ טאָג און זומער — צוויי מאָל דורכן טאָג; אינדערפרי, כעלות הבוקר, ווי נאָר מען האָט אויסגעמאָלקן די קי, און דאָס זעלבע פאַרנאַכט, נאָך דעם ווי די בהמות קערן זיך אום נאָך שקיעה צוריק פון פעלד, אויסגעפאַשעטע, זאַטע, מעלה־גירהדיקע, מיט פולע אייטערס מילך, וואָס שפּאַרן אַרונטער ביז דער ערד צו.

ראָכע־לאה טראָגט אַרום מילך אין שטעטל: צו גבירים, אין די רייכע הייזער, ווו מען פאַרווייסט די געשמאַקע קאַווע מיט פעטע מילך און מען בעט אויס דעם מאָגן מיט אַ מילך־פעלצל, און זי טראָגט אויך מילך אין אָרעמע הייזער, ווו עס האָדעווען זיך קינדער, ווו מען פאַרווייסט דאָס וואַסער מיט אַ ביסל מילך אויף באַוואַרקע, אָדער ציקאָריע.

אין די רייכערע הייזער, ווי למשל, ביי ר׳ שמואל נגיד, ביי ר׳ זכריה פאַפּיעראָשניק, ביי אברהמעלע יונהס און ביי ברוך־לייב דעם טאַנדייטניק, ביי בונם דעם פעלן־מאַכער און ביי הערש־יאָקל דעם האָלצהענדלער, האָט ראָכע־לאה אויך אַריינגעטראָגן מילכיקע פּראָדוקטן, ווי: פּוטער, אַליין אויסגעשלאָגן פון פרישע סמעטענע ביי איר אין דער קאַדישקע, זויער־מילך, וואָס זי האָט אַליין איינגעשטעלט אין ערדענע שיסלען אָדער קריגלעך, ווייסע קעז און צוואָרעך. מאַרק־טעג פלעגט ראָכע־לאה אויך איינקויפן ביי די ערלים פרישע אייער, האָניק און ברענגען די באַלעבאָסטעס צו טראָגן אַהיים אין די הייזער אַריין.

די אָרעמע האָבן ביי ראָכע־לאהן נאָר גענומען דאָס ביסל מילך. זיי האָבן געדאַנקט גאָט, אַז זיי האָבן געקענט סוף וואָך באַצאָלן דערפאַר.

ראָכע־לאהס מילך איז געווען כשר. זי איז אַליין געשטאַנען ביים מעלקן די בהמות און האָט אַכטונג געגעבן, אַז די מילך זאָל פון דער בהמה אַריינגעמאָלקן ווערן גלייך אין אירע כלים אַריין. די מילך זאָל חלילה וחס נישט אָנרירן די דנאָ פון קיין גוייִשע טריפהנע כלים.

אין שערזשענע מעשטלעך מיט גומי ביי די זייטן, אין אַ ציצן־קליידל אין זומער און אין אַ באַרכנס — אין ווינטער, אין אַ פוטערנעם האַלבן קאַפּטאַניק אין ווינטער און אין אַ בלוזקע בלויז אין זומער, מיט אַ דערע אויפן קאָפּ און מיט האַלבע הענטשקעס, וואָס האָבן געלאָזט די פינגער נאַקעט און צוגעדעקט בלויז די פלאַכן פון די הענט, — האָט זיך ראָכע־לאה געטראָגן איבערן שטעטל ווי אַ ווינט. מיט אַ לייכטן טראָט איז זי שנעל געלאָפן פון הויז צו הויז, בכדי חלילה נישט צו פאַרשפּעטיקן מיטן ביסל מילך, סיי צו אָרעם און סיי רייך. חוץ די קאַנען מילך האָט ראָכע־לאה קיין אַנדער משא אויף זיך נישט געהאַט. אַליין איז זי געווען פון מיטעלן וווקס, אַ מאָגערע, אַן אויסגעדאַרטע, ווי אַן אויסגעהאַקט פיש־ברעטל די דיק, הויט און ביינער, חלילה נישט קיין שוואַכע, ראָכע־לאה איז אין איר לעבן נישט קראַנק געווען, האָט אויסגעזען אַ סך יינגער ווי אירע אמתע יאָרן, אַ געזונטע הויט אויפן פנים, מיט פינקלדיקע אויגן, וואָס האָבן נישט גערוט ווי דער סמבטיון און האָבן זיך מיט אומרו כסדר באַוויגן פון ווינקל צו ווינקל. אויגן, וואָס האָבן אַלץ געזען און אַלעמען דערקענט. ראָכע־לאה האָט אַפילו פון קיין ציין־ווייטיק נישט געוווסט און ווען נישט אַ בראָדעווקע, וואָס האָט געמאַכט איר נעסט ביים לינקן זייט פון נאָז און זיך געשיצט פון קעלט און ווינט, אָדער זון מיט געדיכט־פאַרוואַקסענע האָר, דאָס זעלבע אויפן שטערן, צוקאָפּנס פון דער רעכטער ברעם, וואָלט ראָכע־לאה אויסגעזען ווי אַ יונג ווייבעלע, ווי אַ נוס צו צעקלאַפּן.

קינדער אין שטעטל האָבן ראָכע־לאהן גאָר שטאַרק ליב געהאַט. קיין אַנדער נאָמען האָט זי נישט געהאַט ביי די קינדער, „די מאַמע ראָכע־לאה“. אַזוי האָבן זי גערופן קינדער און אַפילו דערוואַקסענע. ווער האָט עס דען ראָכע־לאה נישט געהאָדעוועט אין שטעטל? זי איז געזעסן און געוואַכט ביים וויגעלע פון קינדער אין צייט פון מאָזלען, פון פּאָקן, פון אַ קייך־הוסט און

אַנדערע חולאתן. איז אַ קינד געווען קאַפּריזנע, ווי עס טרעפֿט ביי קינדער און האָט נישט געוואָלט עסן ביי דער מאַמע, איז ראָכע־לאה געווען אַ מייס־טערין אויף צו קענען אָנקאָרמענען קינדער. ביי איר האָבן אַלע געגעסן. זי האָט אין זיך פֿאַרמאָגט אַ ספּעציעלע גוטסקייט, וואָס קינדער האָבן די ערשטע אַרויסגעשפּירט און דערפֿאַר זיך צו איר געטוליעט.

נישט איין מאַמע איז געווען אויף ראָכע־לאהן אייפֿערזיכטיק. קודם טאַקע, אַז זי האָט געגעבן די קינדער עסן און האָט געהאָלפֿן אַנטשלעפֿן די שרייַיקע, זענען די מאַמעס געווען ביז גאָר צופֿרידן, וואָרעם וואָס וויל דען אַ מאַמע, אויב נישט דאָס קינד זאָל זיין זאַט און שלאָפֿן רויִק? אָבער שפּעטער, ווי נאָר די קינדער האָבן אָפּגעגעסן און זענען איינגעשלאָפֿן, האָבן די מאַמעס אַביסענקע געקוקט מיט קנאה אויף ראָכע־לאהן, וואָס צו איר קלעפּן זיך די קינדער, פֿאָלגן איר און די אייגענע מאַמעס נישט. זיי האָבן זיך פּשוט געשעמט פֿאַר די אייגענע מענער, וואָס ראָכע־לאה איז צו אַלע־מענס קינדער אַ בריה. וואָרום וואָס האָט טאַקע געשטעקט אין דער ראָכע־לאהן, וואָס אַלע קינדער אין שטעטל האָבן זיך צו איר געלאַשטשעט? ממש אַ רעטעניש. מאַנכע האָבן אויף איר געזאָגט, אַז זי האָט אַ קינדערשע נשמה, טראָץ איר עלטער איז זי דאָך געבליבן אַ קינד. אונדזער מאַמע שרה איז געווען אין איר שיינקייט צו צוואַנציק ווי צו זיבן און די מאַמע ראָכע־לאה איז אויך אין איר קינדערישקייט געווען צו צוואַנציק ווי צו זיבן. מען האָט זאָגט, אַז ראָכע־לאה פֿאַרמאָגט גאָר אַ סך געמיינזאַמעס מיט קינדער און דערפֿאַר קלעפּן זיי זיך צו איר אַזוי שטאַרק. אין וואָס דאָס דאָזיקע געמייַ־זאַמע האָט זיך געדאַרפֿט אויסדריקן האָט קיינער נישט דערקלערט און קיינער האָט נישט געפֿרעגט. עס איז גענוג געווען דער זאָג. אַנדערע ווידער האָבן געטענהט, אַז דערפֿאַר האָבן ראָכע־לאהן די קינדער ליב, ווייל ווי זי דערקרימט און דערקראַצט אַ גראָשן, גיט זי אים אויס ביי ברכה קלמנס אין דער נאַש־קראָם אויף צוקערלעך; זי האַלט תמיד פֿולע קעשענעס מיט קאַר־מעלקעס, מאָנדלעך, איריסלעך און אַנדערע באַשערייען אין איר פֿאַרטעך און טיילט עס צווישן די קינדער. דאָס זאָל זיין דער כישוף, וואָס ראָכע־לאה האַלט די קינדער נאָענט צו זיך. איז דען אַ וווּנדער, אַז די קינדער האָבן זי ליב געהאַט און שטאַרק געפֿאָלגט? הייַנט, וואָס פֿאַר אַ קינד אין שטעטל האָט עס נישט געוואָלט מיטגיין מיט ראָכע־לאהן צו די גויִים אויסערן

שטעטל און שטיין און זיך צוקוקן מיט גיריקע אייגעלעך ווי מען מעלקט די בהמות פון די אייטערס אין די הילצערנע עמערס אַריין, אָדער אין די בלעכענע קובלען. זומער־צייט אין מיטן טאָג, ווען ראָכע־לאה איז פאַרביי־געגאַנגען די געסלעך און די הויפן פון שטעטל און האָט געזען ווי קינדער שפּילן זיך צווישן זיך, האָט זי געמעגט זיין ווי פאַרנומען, האָט אויך געמעגט שטיין און רעדן מיט אַנדערע ווייבער וועגן די וויכטיקסטע פּאַסירונגען אין שטעטל, וועגן נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, אַן אָרעמער קימפּעטאָרין, און דאָס גלייכן, — האָט זי פונדעסטוועגן געפונען צייט אויף זיך מצרף זיין צו די קינדער און מיט זיי זיך שפּילן. האָט געטאַנצט איבער אַ שטריקל, האָט מיט איין פוס געשפּרונגען פון איין ערד־גריבעלע איבערן צווייטן, האָט געפלאָכטן בלומען־קרענץ אויף קינדערשע קעפּעלעך, האָט אויסגעע־קנאָטן פון וואַסער און זאַמד פאַרשידענע פיגורן, האָט זיך געשפּילט אין באַהעלטעניש, זיך געהוידעט מיט די קינדער אויף הוזשדאַוקעס און נאָך אַנדערעליי שפּילן. נאָכן שפּילן זיך, ווען ראָכע־לאה האָט באַמערקט אַ קאַפּיטשקע מידקייט אויף די קינדער, האָט זי זיי אַרומגעווישט, אַרומגע־פוצט און זיך אַוועקגעזעצט מיט זיי אַפּרוען, זיי זאָלן נישט אויסזען מיד און נישט אַוועקגיין אַהיים איינגעריסט און שמוציק, די מאַמעס זאָלן אויף זיי חלילה נישט שרייען. זי האָט די קינדער פאַרקעמט די קעפּעלעך, אָפּגע־ווישט די שיכעלעך, אויסגעגלייכט און אַרויפגעצויגן די זעקעלעך עס זאָלן זיך נישט קאַרבן קיין בייגל. זי האָט אויסגעווישט די אויערן, די אויגן און דאָס פּנימל, ביי מיידעלעך פאַרבונדן אויף די שעלקעס דאָס פאַרטעכל און אַלץ געבערענגט אין אָרדענונג.

אָבער נישט נאָר קליינוואַרג האָבן ליב געהאַט ראָכע־לאהן, נאָר אויך דערוואַקסענע קינדער, אַפילו כלה־מיידלעך און חתנים, ישיבה־בחורים האָבן שטאַרק געהאַלטן פון ראָכע־לאהן, זענען געקומען צו איר נאָך אַן עצה, איר דערציילט זייערע שווערע הערצער ווען זיי האָבן זיך קרעמפּירט צו דער־ציילן דער אייגענער מאַמען אָדער דעם טאַטן, האָבן זיי גערעדט מיט ראָכע־לאהן, אַפילו וועגן שידוך־זאַכן, טאָמער חלילה האָט פּאַסירט און דעם חתן אָדער דער כלה איז דער צווייטער צד נישט געווען צום האַרצן און דער טאַטע האָט זיך שטאַרק איינגעעקשנט און איז באַשטאַנען אויף דאָס זייניקע און עס האָבן נישט געהאָלפן קיין טרערן; אָדער טאָמער

פאַרקערט, חתן־כלה האָבן זיך געוואָלט און טאַטע־מאַמע זענען געווען קעגן, האָט שוין ראָכע־לאה געוווסט ווי אַזוי אַריבערצוטראָגן די טרערן פון קינד צו טאַטע־מאַמע און מיט זיי ווייך מאַכן דאָס האַרץ. האָט אַמאָל פּאַסירט אַן ערגעניש ביי אַ כלה־מיידל ערב דער חתונה וועגן אַ חופּה־קלייד, אָדער וועגן אַן אויסשטאַטונג, אָדער ביי אַ חתן וועגן סילוקן דעם נדן צו דער צייט, וואָס מחותנים און שדכנים האָבן צווישן זיך נישט געקענט אָדורכקומען בגיד־אחת, אָדער זענען געבליבן שטיין ביי סעבקעס, וואָס ס׳איז זיי געווען שווער אָפּצוטשעשען און עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז אַ שידוך זאָל חלילה אָפּגיין, האָט ראָכע־לאה שוין געפונען דאָס געהעריקע לשון און די פּאַרעם ווי אַזוי צו פּועלן ביי ביידע צדדים, ווייך צו מאַכן ס׳עקשנות און צו ברענגען צו אַ תכלית. נישקשה, איר — ראָכע־לאהן — האָבן אַלע געטרויט, אַלע האָבן איר געגלויבט, קיינער האָט חלילה אויף אַ האָר נישט געספּקט אין איר געטריישאַפט צו קינדער, אין איר איבערגעגעבנקייט צום מענטשן בכלל. אויב עמעצער האָט זיך געניטיקט אין אַ שטילן גמילת־חסד, קיינער זאָל נישט וויסן, האָט ער געבראַכט די זיל־בערנע לייכטער, אָדער אַ חתונה־רינגל צו ראָכע־לאהן און זי האָט שוין געוווסט צו וועמען צו גיין און באַקומען אַן פּראָצענט אויף דעם משכן אַ הלוואה. נישט איין מאָל האָט ראָכע־לאה מיט אירע גמילות־חסדים וואָס זי האָט באַקומען, געראַטעוועט אַ מענטשן פון אַ שווערן מצב. נישט איין שידוך איז אויסגעפירט געוואָרן מיט איר הילף, מיט איר גוטסקייט, מיט איר ליבשאַפט. אין שטעטל האָבן שוין מענטשן געוווסט, אַז מען דאַרף זיך צו־הערן צו ראָכע־לאהס אַן עצה, צו איר וואָרט ,אַז זי זאָגט עפּעס איז זי מסתמא גערעכט אין איר זאָגן, אַז זי טוט עפּעס, ווייסט זי געוויס וואָס זי טוט.

אַלע שווערע הערצער אין שטעטל האָט ראָכע־לאה געוווסט אויף אויסנווייניק. זי האָט געוווסט וועמען עס פעלט אַ גמילת־חסד און ווער עס נייטיקט זיך אין אַ מתנת בסתר. וועמען מען באַדאַרף העלפן אויספּאַרטיקן אַ שידוך, וואָס האָט זיך געבאַקן און געבאַקן און נישט געקענט זיך אויס־באַקן און עס זאָל נישט אויסגערעדט זיין, וועמען מען באַדאַרף מיטגעבן די לעצטע מלבושים אויף דער אייביקער רו.

ראָכע־לאה האָט געהאַט אַ נאָמען פון מזג־טוב, פון אַ גוטן מענטשן,

זי איז געווען אַ פֿרוי אָן אַ גאַל, וואָס האָט געקענט אויסשטיין פֿון אַלעמען, אויסהערן אַפֿילו זידלערייען, אָבער פֿון איר מויל איז קיינמאָל־קיינמאָל חלילה קיין שלעכט וואָרט נישט געקומען. אַז צווי האָבן זיך געקריגט, האָט זי זיך געשטעלט אין מיטן און איינגעשטילט. האָבן זיך צווי צע־קריגט, האָט זי זיך אַריינגעלייגט אין מיטן און איבערגעבעטן, האָט נישט דערלאָזט צו קיין מחלוקת. האָט וועד זיך געהאַלטן חלילה ביי גטן, האָט זי געקערט וועלטן און מיט אַלע תחבולות צוגעזעצט צו ברענגען צו אַ שלום־בית.

ר׳ מרדכילע דער דיין האָט נישט איין מאָל געבעטן ראָכע־לאהן זי זאָל זיך אַריינלייגן אין אַן אויסגלייך צווישן מאַן און ווייב, ווען ער האָט איינ־געזען, אַז דאָס פּאָרל האָט זיך נישט פּאָר וואָס צו שיידן, סיידן ביידע איז באַפֿאַלן אַ קליפּה, פֿון נישט צופֿרידנקייט, וואָס עס טרעפֿט זיך אָפֿט צווישן מענטשן, ווען איינער דעם צווייטן ווערט דערעסן, אַ כל־שכן ביי מאַן און ווייב. ראָכע־לאה פֿלעגט שוין פּאַרלאָטן. זי האָט שוין געמאַכט מילכיק און צוגעהיט, אַז אויך האָניק זאָל טריפֿן דערביי...

וואָס אַ שטייגער מיינט איר פֿלעגט ראָכע־לאה טאָן אין אַזאַ פֿאַל? גאָר פּשוט. זי איז געוואָרן אַן אָפּטע אַריינגייערין אין שטוב, האָט זיך נישט געפֿוילט און אַז מען האָט באַדאַרפֿט אַליין פֿאַרקאַטשעט די אַרבל און גע־האָלפֿן ראַמען און פּוצן די שטוב, האָט געשייערט די פֿאָל, געפּוצט די קו־פּערנע כּלים, געריייניקט דאָס זילבערוואַרג, אַרומגעווישט די פֿאַיענטשינע פֿון די ווינקלען, האָט געמאַכט אַ שטוב עס זאָל ברילויען אין יעדן ווינקעלע און האָט אויך אַכטונג געגעבן אויף די מאכלים. ראָכע־לאה האָט געוווּסט, אַז אין לעבן צווישן מאַן און ווייב שפּילט דער מאָגן מיטן גומען נישט קיין קליינע ראָל. זי האָט דעריבער געהאָלפֿן באַקן און קאָכן געשמאַקע יאַיכעלעך, וואָס האָבן געהאַט אַלע טעמים און פּאָטראַוועס ווי אויף אַ חתונה; האָט אויך צוגעזען, אַז די יידענע אַליין, די קאַנדידאַטקע אויף אַ גרושה זאָל זיין אויפֿ־געראָמט, זאָל טראָגן אַ רעכט שטיקל קלייד אויף זיך, דאָס שייטל זאָל ליגן אויפֿן קאָפּ און נישט אויף די אַקסלען, דער טיש זאָל זיין געגרייט מיט געשמאַק, דאָס זאַלץ־מעסטל זאָל שטיין אויף אַן אָרט און צום שטיקעלע הערינג זאָל אויך אַ ציבעלקעלע זיין צעשניטן און אַ רעטעכל דערביי, דאָס ברויט זאָל זיין איבערגעדעקט מיט אַ טישטעכל און דער האַנטעך צו „שאו־ידיכם" זאָל זיין ריין און הענגען אויף אַן אָרט לעבן דער וואַש־קוואָרט;

ס'פֿאַרהענגל אויפֿן פֿענצטער זאָל זיין אויסגעוואַשן און אויסגעוועלגערט, — אַלץ אין שטוב זאָל זיין אַפּעטיטלעך. און, אַז ראָכע־לאה האָט מיט איינעם פֿון דעם פּאָרל גערעדט וועגן דעם צווייטן, האָט דער אַנדערער געטראָגן אויף זיך אַלע קרוינען, גערעדט האָט זי מיט אַזאַ איידעלן לשון, מיט אַזעלכע געקליבענע ווערטער, וואָס האָבן אין זיך אַנטהאַלטן אַזוי פֿיל ליבשאַפֿט, אַז ביידע האָבן אין גט פֿאַרגעסן. אין שטעטל פֿלעגט אַרומגיין אַ ווערטל, אַז דאָרט ווי ראָכע־לאה מאַכט שלום, קומט חשק אין שטוב אַריין, אַן תהילים־זאָגן...

ראָכע־לאה אַליין האָט קיין קינדער נישט געהאַט. דער רבונו־של־עולם האָט געהאַלטן איר טראַכט פֿאַרשלאָסן. אין די ערשטע יאָרן, נאָך איר חתונה מיט לייזער־יאָסלען, האָט זי טאַקע געקלאָגט און געוויינט אויף איר ביטערן גורל. ס'טייטש? נישט וויסן דעם טעם פֿון אַ ווייַ, נישט האָבן די זכיה צו ליגן אין קימפּעט, נישט פֿילן דעם אומרו פֿון אַ קינד אין אינגעווייד, נישט ליידן דעם ווייטיק פֿון געבורט און נישט שפּירן דעם געשמאַקן טעם פֿון זויגן אַ קינד, אייגן בלוט און פֿלייש? אָבער, אַז זי האָט איינגעזען, אַז אירע געוויינען העלפֿן נישט, אַז דער רבונו־של־עולם לייגט נישט קיין אַכט אויף אירע טרערן און איז נישט מקבל אירע תחינות און תפֿילות, האָט ראָכע־לאה משלים געווען מיטן געדאַנק, אַז איר איז מסתמא אַזוי באַשערט און וואָס גאָט טוט דאַרף זיין גוט און אויף אים קען מען קיין שאלות נישט פֿרעגן.

אויך לייזער־יאָסל האָט איר געזאָגט, אַז אַזוי ווי גאָט מאַכט דאַרף זיין גוט און מען דאַרף אָננעמען פֿאַר ליב.

אמת איז, אַז צווישן ביידן, צווישן ראָכע־לאהן און לייזער־יאָסלען, האָט קיינמאָל נישט געקענט קומען צו קיין אויסגלייך וועך עס איז דער עצם־שולדיקער אין דער קינדערלאָזיקייט. ביידע פֿלעגן באַשטיין אויף זייערס, אַז יעדער פֿון זיי איז אַ גרויסער בריה און ווען נישט דער צווייטער צד וואָלטן די חדרים געווען אָנגעפֿילט מיט זייערע תינוקות. אָבער זיי האָבן אָנגענומען גאָטס משפּט, אַז ביידע צוזאַמען זאָלן קיין קינדער אויף דער וועלט נישט ברענגען.

עס זענען געווען צייטן, ווען ביים פּאָרפֿאָלק האָט זיך דורכגעטראָגן אַ בליץ פֿון אַ מחשבהלע, אַז יעדער באַזונדער וואָלט באַדאַרפֿט פּרובירן פֿאַר זיך זיין מזל אויף קינדער האָבן, אָבער, צו קיין גט איז חלילה נישט

געקומען. ביידע האָבן עפּעס נישט געהאַט קיין האַרץ דערצו. אַ גט איז טאַקע געמאַכט געוואָרן פאַר מענטשן, אָבער נישט פאַר לייזער־יאָסלען מיט ראָכע־לאהן. ווי שיידט מען זיך עפּעס? ווי קענען זיי גאָר טראַכטן וועגן שיידן זיך? אַזוי זיך צוזאַמענגעלעבט ווי טויבן אין זייער נעסט, אַזוי פּילט איינער דעם צווייטנס טריט און שלינגט אַריין דעם זעלבן אָטעם פון גאָט, היינט ווי צע־גייט מען זיך? גאָט אַליין קאָן דאָך נאָך חלילה שטראָפן דערפאַר. וואָלט דער רבונו־של־עולם געוואָלט, אַז זיי זאָלן האָבן קינדער, וואָלט ער זיי דאָך געגעבן קינדער. איז דאָך מסתמא אַזוי דער ווילן פון זיין ליבן נאָמען, היינט ווי דערצערנט מען עס אים? נישט אַזוי לייזער־יאָסל — פלעגט ראָכע־לאה פרעגן ביי איר מאַן, דאַן ווען זי האָט געהאַט ספיקות וועגן זיך און ער האָט געענטפערט אין אַזעלכע פאַלן מיט אַ ברום: — נו, אַוודאי — און האָט שנעל געבעטן — אפשר אַביסל וואַרעמס, ראָכע־לאה? אַ גלעזל טיי אָפּצו־בריען דעם גומען און צו דערוואַרעמען די קישקעס? און ראָכע־לאה האָט דערפילט דעם פאַרלאַנג, האָט געבראַכט איר לייזער־יאָסלען ווי אַ איקראָפּ־הייסע גלאָז טיי, איינגעוויקלט אין אַ זילבערנעם האַלטער און אויף אַ באַ־זונדער טעצעלע אַביסעלע איינגעמאַכטס פון אַ קאָמאָדע־שענקל.

לייזער־יאָסל איז געווען אַ פאַרמעגלעכער מענטש, אַ ייד אַ סוחר, וואָס האָט געהאַנדלט מיט תבואה און געפירט אַ שיין הויז. צו לייזער־יאָסלען אין שטוב אַריין האָט מען געדאַרפט אַרויפגיין אויף טרעפּלעך, אַ שטרויענער טרעטער איז געלעגן צופוסנס ביי דער טיר. ראָכע־לאה האָט געהאַלטן אַ שטוב ווי אַ פּאַלאַץ, ריין און ציכטיק. אמת, עס זענען טאַקע נישט געווען קיין קינדער, וואָס זאָלן פון גאַס אין שטוב אַריין אַריינברענגען שמוץ און בלאָטע, דערפאַר אָבער איז די שטוב תמיד געווען פול מיט מענטשן. ביי טאָג — שכנות, ביינאַכט — יידן סוחרים, וואָס האָבן געטרונקען טיי פון סאַ־מאָוואַר צוזאַמען און גערעדט וועגן מסחר. לייזער־יאָסל אַליין האָט אין בית־מדרש געהאַט דעם אויבנאָן. זיין שטאָט האָט זיך געפונען ביי דער מזרח־וואַנט, גלייך נאָכן גבאי; ער האָט נישט געזשאַלעוועט קיין צושטייער צום בית־מדרש, האָט געהערט צו די ערשטע מנדבים אין שטעטל, מיט אים האָט מען זיך נישט באַדאַרפט דינגען וועגן פרייז פון חתן־תורה, עס איז שוין געווען זיין חזקה, און נאָכן דאַווענען שמחת־תורה האָט ראָכע־לאה געגעבן צום טיש פון די בעסטע און געשמאַקסטע מאכלים, פיש מאַרינירט אינעם זיסן

און אין זויערן, טייגלעך מיט האָניק, קרעפּלעך מיט פלייש, אייער־קיכלעך מיט שמאַלץ־הערינג, פון די בעסטע וויינען און משקה — יין שרף ממש, פול איז געווען די שטוב שמחת־תורה. נישט נאָר ייִדן פון בית־מדרש זענען געקומען אויף קידוש נאָר אויך פון די שטיבלעך איז מען געגאַנגען צו לייזער־יאָסלען, פון גער און אַלעקסאַנדער, פון אַמשינאָווער און סקערנעוויצער, פון ראַדזינער און ראַדזימינער, פון קאָצקער און פילעווער און פון ווו נישט? פון דער גרויסער שול און פון תפארת בחורים, — קינד און קייט איז געגאַנגען. מען איז געגאַנגען מיט די טליתים אונטערן אָרעם צו לייזער־יאָסלען און ראָכע־לאהן אויף קידוש און אויף גוטע מאכלים און בייביידן איז דאָס האַרץ זיך צעגאַנגען פון פרייד. פון זייער הויז האָט געהילכט אַ פריילעך געזאַנג און איז זיך מיט מתיקות צעגאַנגען איבערן גאַנצן שטעטל.

נישקשה, ביי לייזער־יאָסלען האָט מען אויך אַ גאַנץ יאָר געקענט אי־בערטרעטן די שוועל: ווער נאָך אַ גמילת־חסד, ווער נאָך אַ מתנת בסתר און ווער נאָך אַן עצה, און ווער נאָך אַביסעלע איינגעמאַכטס פאַר אַ שווער קראַנקן און ווער טאָקע אַפצועסן אַ גוטן מאָלצייט. לייזער־יאָסלס טיר איז געווען אָפן סיי ווינטער און סיי זומער, אין רעגן און אין שניי, אין דער פרי און ביינאַכט.

ראָכע־לאה האָט מיטגעהאַלטן מיט לייזער־יאָסלען. ביידע האָבן גע־האַלטן אַן אָפענע שטוב פאַר יעדן, ביידע האָבן צוגלייך דערפילט יעדנס נויט.

דאָס מענטשלעכע לעבן איז נישט אייביק. לייזער־יאָסל איז פאַרשלאָפט געוואָרן און האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן אין אייביקן וועג אַריין. לאַנג־לאַנג אין יסורים איז געלעגן לייזער־יאָסל צוגעשמידט צום בעט און האָט פאַר־קרענקט זיין גאַנצן פאַרמעגן. מער ווי אויף די „אייביקע" בגדים איז נישט פאַרבליבן.

ראָכע־לאה איז געוואָרן אַן אלמנה און דערצו אַן אָרעם מענטש, ממש אָן מיטלען און ברויט. זי האָט זיך אָבער נישט פאַרלוירן, האָט חלילה נישט געהאַט קיין תרעומות אויף איר לייזער־יאָסלען וואָס ער האָט זי געלאָזן אין אַזאַ צושטאַנד. איז דאָס דען געווען זיין שולד? — האָט זי געהאַט פאַר אים אַ פאַרענטפער — אַזוי איז דאָך געווען גאָטס ווילן; היינט וואָס איז דאָ צו רעדן דעריבער. גאָט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט.

ראָכע־לאה האָט אָנגעהויבן אַליין צו פאַרדינען אויף ברויט און האָט

אויסגעקליבן פֿאַר זיך אַ חיונה פֿון זיך מפרנס זיין פֿון פֿונאַנדערטראָגן מילך איבער די הייזער. עס האָט זיך אַזוי געמאַכט אין שטעטל, אַז ביִנקע די מילכיקערין איז פֿאַרשלאָפֿט געוואָרן, איז קראַנק געוואָרן אויף אירע געלענקן און האָט נישט געקענט שטעלן קיין פֿוס. ראָכע־לאה פֿלעגט איר נאָך פֿריִער העלפֿן בעת לייזער־יאָסל האָט געלעבט, אָבער איצט, נאָך לייזער־יאָסלס טויט האָט זי געמאַכט מיט איר שותפֿות און האָט זיך מיט איר געטיילט מיט יעדן גראָשן פֿאַרדינסט. ראָכע־לאה האָט זיך נישט גערעכנט, ווען מען האָט באַדאַרפֿט צאָלן אַ דאָקטער, אָדער קויפֿן אַ רעצעפּט — האָט זי געצאָלט פֿון ביידנס, פֿון איר חלק, וואָס איז דען די נפֿקא־מינה, זי האָט געצאָלט פֿון גאָטס גאָב.

ראָכע־לאה איז חלילה פֿון איר מערכה נישט געוואָרן געפֿאַלן ביי זיך און אַז זי האָט זיך געדאַרפֿט שיידן פֿון איר הויז, וואָס בעלי־חובות האָבן איבערגענומען, האָט זי אַפֿילו קיין טרער נישט פֿאַרגאָסן. די אבידה איז געווען לייזער־יאָסל און נישט דאָס הויז מיטן רייכטום.

אַוודאי האָט איר אויסגעפֿעלט דאָס נישט קענען געבן מיט אַ ברייטער האַנט קיין צדקה, נישט צו קענען אַנטקעגנקומען מענטשן מיט ממשותדיקער הילף, ווי עס פֿלעגט זיך פֿירן לייזער־יאָסל. דערפֿאַר אָבער האָט זי געטאָן אַלץ, בכדי צו זיין מענטשן בייהילפֿיק. נישקשה, פֿלעגט זי טענהן — נישט נאָר אין געלט נייטיקן זיך מענטשן, נאָר אויך אין אַ מענטשלעך האַרץ, אין אַ גוטער פֿאַרשטענדעניש, אין אַ גוט וואָרט, אין אַנטיילנעמען אין יענעמס צער און אין יענעמס פֿרייד, אין טראָגן ליבשאַפֿט יעדן מענטשן אַנטקעגן, צו אָרעם און צו רייך, צו יונג און אַלט. אַ קינד דערפֿילט אַמשטאַרקסטן עמעצנס אינטערעס צו זיך, דעם וואַרעמען אָטעם פֿון ליבשאַפֿט. אַ פֿרוי — האָט ראָכע־לאה געזאָגט — דאַרף קאָנען זיין נישט נאָר אַ מאַמע צוליב געבורט, נאָר אויך אַ מאַמע פֿון ליבשאַפֿט, אַ מאַמע צוליב צערטלעכקייט, אַ מאַמע פֿון זאָרג, פֿון ליידן און פֿריידן צוגלייך, פֿאַר יונג און אַלט, פֿאַרן גאַנצן לעבנס־שאַפֿן פֿון מענטש, פֿון זיין וויגעלע ביז צום גריבעלע.

און אַזאַ איז געווען ראָכע־לאה די מילכיקערין!

פרומע, די ניטערקע

בײַ ברכה אַבישעס אויפֿן גאָרן, אויף דער אויבערשטער סאַלקע, אי־בערן תבֿואה־שפּײַכלער האָט געוווינט פֿרומע די נײַטערקע מיט איר זוויג־קינד פֿרײַדעלע. ווען פֿרײַדעלע איז געבוירן געוואָרן, און איז פֿון דער מאַמעס טראַכט אַרויסגעקומען מיטן קעפּעלע צום שעניק צו, האָט זי געטראָגן אַ שטיק ליכט אין שטוב, שמחה און פֿרייד. געלעגן געוואָרן איז פֿרומע אין שטוב פֿון איר מאַמען, בײַ דינה ישׂראל־משהס. עס איז טאַקע געווען אַ ביסל ענגלעך, איין צימער, דאָס געלעגער צוזאַמען מיט דער קיך, און אַ געזינדל זאַלבע אַכט, אָבער וואָס טוט עס נישט אַ מאַמע פֿאַר איר קינד. אַז פֿרומע האָט געקראָגן ווייען און איז געווען אַליין בײַ זיך אויף דער סאַלקע, האָט דער מאַמען, דינהן אַ קלעם־געטון בײַם האַרצן: ווי לאָזט מען עס עפּעס אַ קינד אין אַזאַ צײַט אַליין בײַ זיך אין שטוב? בײַ איר אין דער היים איז עפּעס פֿרײלעכער, די ווענט זענען שוין צוגעוווינט צו הערן געשרייען און געבורט־ווייען פֿון אירע קינדער. נישט לאַנג צוריק האָט איטקע מיט מזל געהאַט דאָס פֿערטע קינד שוין בײַ איר אין שטוב; איר יענטל האַלט זיך נאָך אָן אין דער מאַמעס פֿאַרטעך ווען זי באַקומט ווייען, און דאָס זעלבע איר כּאָמע, אַפֿילו די שנורן האָבן געוואָלט קומען צו איר אַהיים און בײַ איר אין שטוב געלעגן ווערן, — וועט זי לאָזן איר פֿרומען אַליין? דערבײַ איז נאָך פֿרומע, די מיזינקע, דאָס ייִנגסטע קינד, דערצו גייט זי האָבן אַן ערשט־לינג האָט זי איר גענומען צו זיך אַהיים, האָט צוגעשטעלט הייסע וואַסער צום קאָכן, האָט איבערגעשפּרייט דעם שעניק מיט אַ קלאָרער פּלאַכטע, אָנגעגאָסן אַ פֿולן לאָמפּ מיט נאַפֿט, האָט אײַנגעהייצט דעם אויוון, אויף שנעל געלאָפֿן נאָך חנה די פֿעלדשערקע, האָט אויפֿגעזוכט בײַ זיך אַלטע וויקל־שנורן און ווינדעלעך, שיר־המעלותן, פֿון בײדע מינים, פֿאַר ייִנגלעך און מיידלעך, ממה־נפֿשך וואָס גאָט וועט געבן, אָבער ס׳זאָל זײַן גרייט.

ביי דינהן זענען געשטאַנען צוויי בעטן לענגאויס דער וואַנט, אַנטקעגן פענצטער. איין בעט איז אויסגעקומען צו שטיין אַביסל אַריינגערוקט אונטער דער פּליטע. פרומען האָט דינה געלייגט אין איר בעט אַריין, וואָס איז געשטאַנען ריכטיק אַנטקעגן פענצטער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צו די גערטנער פון חנה דעם רבס. לעבן בעט איז געשטאַנען די שוואַרצע פּאַליטורטע שאַפע, וואָס דינה האָט נאָך געקראָגן דרשה־געשאַנק צו איר חתונה, די צוויי שוואַרצע וואַליקעס ביי די טיר־ברעגן האָבן תמיד געגלאַנצט, דינה האָט זיי געהאַלטן געשמירט מיט אַ ספּעציעלער פּאַליטור. פון דער לאַקירטער שוואַרצקייט האָבן אַרויסגעקוקט ווייסע קליינינקע לעכעלעך, וואָס די מילבן האָבן אויפגעפרעסן, לעכעלעך ווי אַ שפּילקע־קעפּל די גרויס, די שוואַרצע פּאַליטור האָט נאָך בולטער געמאַכט די לעכעלעך. אויף ביידע טירן זענען געווען אויסגעשניצט צוויי פיגורן, ווי קעפּ פון עפּעס חיות און אין מויל האָבן זיי געהאַלטן מעשענע רינגען; די רינגען האָבן בשעת הדחק אויך געדינט אַלס הענטלעך אויף צו עפענען די טיר. נאָרמאַל האָט מען געדאַרפט עפענען אַ טיר פון דער שאַפע אַנגעמענדיק אַ קיילעכדיק הענטל פון האָלץ, אָבער נישט אַלע מאָל האָט דאָס הענטל געלאָזט זיך אָנגעמען, עס זענען געווען צייטן, ווען דאָס הענטל האָט געדראָט צו בלייבן אין האַנט און זיך שיידן מיט דער טיר, אין אַזעלכע פאַלן האָט מען נישט ריזיקירט און בעסער אָנגענומען איינעם פון די מעשענע רינגען און געעפנט די טיר. לעבן בעט און לעבן דער שאַפע איז געשטאַנען דער טיש מיט אַ סעראַטע איבערגעשפרייט און 4 בענקלעך אַרום, לעבן פענצטער איז געשטאַנען אַ שלאָפבאַנק, וואָס בייטאָג האָט מען געטאָן אויף איר די גאַנצע אַרבעט פון צוגרייטן צום קאָכן, געוועלגערט גרעט נאָכן וואַשן, און ביינאַכט זענען עטלעכע קינדער באַנאַנד געשלאָפן. לעבן דער שלאָפבאַנק איז געשטאַנען אויף אַ טאַבורעטקע אַן עמער וואַסער און דערנעבן אַ שיסל און אויף דער וואַנט איז געווען אָנגעקלאַפּט אַ הילצערנער האַלטער, וווּ עס איז געשטאַנען אַ קופערנע קוואָרט מיט צוויי אויערן אָנצוהאַלטן. צווישן דעם עמער וואַסער און די קיך איז געווען די איינגאַנג־טיר אין שטוב אַריין. איז אַמאָל אַרויסגעפאַלן אַ גלאָוניע פון דער קיך, אַז דאָס טירל איז געווען אָפן, איז זי געפאַלן אָדער אין דער שיסל וואַסער אַריין און זיך אויסגעלאָשן

מים אַ קאַלטן טרונק וואַסער, אָדער איז אַרויסגעפאַלן אין פיר־הויז אַריין און זיך אָפּגעקילט אויף דער קאַלטער ערד.

דינהס שטוב האָט געברענגט דורות אייגענע קינדער, געבראַכט און אויסגעהאָדעוועט, און כמעט אַלע אירע אייניקלעך זענען ביי איר געבוירן געוואָרן, פון די טעכטער איז דאָך גאָר אָפּגערעדט, אַלע זענען ביי איר אין שטוב און אויף איר גלעגער געלעגן געוואָרן. די עלטסטע שנור, ווען זי איז געגאַנגען געלעגן ווערן מיט איר בערעלען, און איר הערש־יודל איז געווען אויף אַ יאַריד, האָט זי זיך נישט געפּוילט און געקומען צו איר און טאַקע געבראַכט בערעלען אויף דער וועלט, איז אויסגעוואקסן אַ יונג ווי אַ דעמב, קיין עין־הרע זאָל אים און קיינעם נישט שאַטן.

פרומע האָט געהאַט אַ שווער האָבן, ווי עס געשעט געוויינלעך ביי אַן ערשטלינג, שווערע טעמפּע ווייען האָבן איר געהאַלטן ווי אין צוואַנגען אַ גאַנצן מעת־לעת, דערצו נאָך האָט די ווייען באַגלייט אַ שלוקערץ, וואָס איז אַרויפגעקומען פון אונטערן לעפעלע און האָט אויסגעצופּט לעבער אין אינגעווייד; נישט זיצן, נישט ליגן און נישט גיין, כאָטש גיי און טו זיך אָן אַ מעשה. דינה האָט פרומען באַרויקט, איר געגלעט איבערן שטערן און מיט דער צונג איבערגעווישט אירע שלייפן און אויסגעטרוקנט די נאַסע אויגן, האָט געהאַלטן אין איין אַריינרעדן אין איר, אַז זי האָט זיך נישט וואָס צו שרעקן, און, אַז גאָט איז מיט איר, זי איז נישט די איינציקע, אויך אירע שוועסטערן האָבן געהאַט שווערע האָבנס און גאָט האָט זיי געהאָלפן, און, אַז זי אַליין, אַז זי פלעגט דאַרפן געלעגן־ווערן, איז געווען הימל עפן זיך. אָט טאַקע געדענקט זי, ווען זי איז געלעגן־געוואָרן מיט פרומען, נו, האָט זי זיך דריי מעת־לעת אָפּגעמאַטערט ביז זי האָט איר געבראַכט אויף דער וועלט. דינה האָט געזאָגט אויפן קול תהילים, האָט שוין געהאַט אירע תחי־בות, וואָס זי האָט געדענקט אויף אויסנווייניק. אַז פריידעלע איז מיט מזל אויפן דריטן טאָג געקומען אויף דער וועלט האָט זי טאַקע מיט זיך געברענגט ליכט און פרייד. פרומע האָט געעפנט די אויגן, וואָס זי האָט פון גרויס ווייטיק געהאַלטן פאַרמאַכט, אויך דינה האָט געעפנט די אויגן, זי האָט נישט געקענט צוזען די מאַטערנישן פון איר קינד.

ביי ברכה אַבישעס אויף דער סאַלקע; מיט איין פוס געוויגט דאָס ווי־געלע און מיטן צווייטן געטריבן די ניי־מאַשין, איז פרומע די נייטערקע גע־

זעסן שפּעט אין אָוונט מיט פּאַרוויינטע אויגן און מיט אַ שטילער, הייזעריקער שטימע געזונגען אַ לידעלע צו אַנטשלעפן איר קינד:

— איי־לו־לו־לו, איי־לו־לו־לו, איי־לו־לו־לו, שלאָף מיין פייגעלע, שלאָף מיין פריידעלע, שלאָף מיין שוועלבעלע ,מאַך צו דיין אייגעלע, שלאָף־זשע איין, לו־לו־לו!

פריידעלע איז אויך געווען הייזעריק פון וויינען, פון שרייען, פון מאַנגען עסן. אָבער דער מאַמעס ברוסטן זענען געווען ליידיק, אַן אַ טראָפּן מילך. הייזעריקלעך געזאַנג און הייזעריקער געשריי האָבן זיך געטראָגן אין די הויכן אַרויף פון פרומעס שטוב און ממש דערגרייכט ביז אין די הימלען אַריין, האָבן אָנגעשפּאַרט, ווער ווייסט, אויב נישט טאַקע אַזש ביז צו די הויכן פון כסא הכבוד.

פרומע האָט אַ גאַנצן טאָג נישט געהאַט געגעסן. זי האָט זיך שטאַרק אויפגערעגט. אַלע אירע גלידער האָבן פון כעס געצאַרנט און זיך געטרייסלט. האָט זי דעריבער נישט געוואָלט עסן, האָט נישט געוואָלט אַנפילן אירע ברוסטן מיט מילך, בכדי דאָס קינד זאָל נישט זויגן פון איר, בעת זי איז אַן אויפגערעגטע. פריידעלע, דאָס קינד, האָט נישט געוואָלט וויסן פון קיין סיבה, דער הונגער האָט געמאָנט און געפאָדערט מיט געשריי, מיט ליאַרעם, מיט אַ געוויין, אַזש ביז צו הייזעריקייט. אויך די ניי־מאַשין האָט זיך מצרף געווען צו דער הייזעריקייט פון דער מאַמע פרומע מיטן קינד, שוין לאַנג ווי די ניי־מאַשין האָט אַ טראָפּן אייל אין די געדערים נישט געהאַט, האָט זי אָנגעהויבן סקריפּען מיט אַ הייזעריקן געפּילדער.

פרומען האָט קיינמאָל נישט געפעלט קיין ערגעריש, עגמת־נפש האָט זי געקענט מעסטן אויפן אַרשין. דער מאַן ביי די זעלנער, ערגעץ ווו ווייט, ווייט אויפן פראָנט, אין קריג, האָט אַפילו נישט באַוויזן גוט זיך איינצוקוקן אין פריידעלען, ווי מען האָט אים צוגענומען פון שטוב און געשיקט ערגעץ ווו אונטער די הרי־חושך אויפן פראָנט זיך צו שלאָגן מיטן שונא פון זיין לאַנד. דאַכט זיך נעכטן איז דאָס געשען, נאָך רעכט זיך נישט געפרייט מיט גאָטס מתנה, מיט פריידעלען, און ווי לאַנג איז דאָס שוין, ווי לאַנג איז דאָס, אַך, גאָטעניו, עס זעט דאָך שוין אויס אַן אייביקייט. דער מאַן באַדאַרף מיט דער ביקס אין דער האַנט איינגעמען יעדן טאָג אַן אַנדער שטאָט, און זי באַדאַרף זיך ראַנגלען אויף איינצונעמען מיט דער נאָדל אין דער האַנט —

דעם טאָג, צו פאַרדינען פאַר זיך און פאַרן קינד אויף פּרנסה, אויף אַ שטיקל ברויט און אַ ביסל מילך. ווער ווייסט, ווער ווייסט ווען מעס מלחמה איז שווערער — פלעגט פרומע צו זיך אַליין רעדן — מיינע, אָדער נחמנס. ער שטעלט איין זיין אייגן לעבן, און איך ריזיקיר מיט צוויי לעבנס, און אפשר טאָקע גאָר מיט דריי לעבנס!

אין יענעם טאָג איז פרומע דערצאָרנט געוואָרן פון ישראל יאַנטשעס טאַכטער, וואָס האָט זיך געגרייט צו איר חופּה און איז גאַנצע טעג און נעכט געווען פאַרנומען מיט איר אויסשטייער. פרומע האָט פאַר איר גענייט די וועש: איינשיטן אויף די פערענעס, די ציכלעך אויף די קישנס, די נאַכט־העמדער, די נאַרעוועקעס, די האַלקעס און די מייטקעלעך, זומערדיקע און ווינטערדיקע, מאַרגן־ און נאַכט־שלאָפראָקן, האָט באַדאַרפט אַרומזוימען די ברעגן פון די האַנטוכער און טישטעכער און ליילעכער. דערביי האָט די כלה גראַד געוואָלט, אַז אירע העמדער זאָלן זיין אויסגענייט מיט שפּיצעלעך אַרום דער זוים און געהאַפטן מיט דער האַנט אַרום האַלדז, איין גאַרניטור העמדער זאָל זיין מיט טיפע דעקאָלטעס און אַ צווייטער גאַרניטור זאָל זיין געמאַכט מיט קראַגעלעך אַרום האַלדז, וואָס זאָלן זיך צושפּיליען מיט ווייסע קנעפּלעך. אַנדערע העמדער זאָלן זיין מיט קורצינקע אַרבעלעך, זאָלן בלויז אַנרירן די אַקסלען און אַנדערע זאָלן זיין געמאַכט מיט לאַנגע אַרבל ביז צום דופק און ביים סוף פאַרענדיקט מיט טיולענע שלאַקן.

יעדן טאָג האָט די כלה געביטן איר מיינונג: איין טאָג האָט זי געוואָלט אַזוי און דעם צווייטן טאָג גאָר אַנדערש. פרומע די נייטערקע איז שיִער פון זינען אַרונטער. זי האָט עס ממש נישט געקענט אַריבערטראָגן. די וועלט ברענט. דער הימל איז פול מיט רויטע פלעקן, כאָטש גיי און צייל איבער די פלעקן פון מענטשלעך פאַרגאָסן בלוט, פון יונגע קרבנות וואָס האָבן נאָך פון קיין לעבן נישט געוווסט און די קויל פון טויט פאַרענדיקט אויף די שלאַכטפעלדער זייערע לעבנס, און דאָ דרייט זיך אַרום אַ כלה־מיידל וואָס גרייט זיך צו איר חופּה מיט איר באַשערטן און האָט קיין אַנדער זאַך נישט אין זינען ווי יעדן טאָג צו קומען און צו בייטן דעם פאַסאָן פון איר אונטער־וועש. אמת, איר חתן איז אין דער היים, אים האָט מען אין מלחמה נישט גענומען, בכלל האָט מען אים אויסבראַקירט פון מיליטער. נישקשה, ישראל יאַנטשע ווייסט ווי איינצואָרדענען זאַכן, צו אים גרייכט נישט די מלחמה.

ער וועט מיט מזל פּראַווען אַ חתונה, אַפילו ווען די פּייערצוונגען פון די פּולימיאַטן וועלן שטיין אונטער זיין פּענצטער... אַ מענטש דאַרף דאָך אָבער קענען אַמאָל קוקן ווייטער אַביסל פון זיין נאָז. די וועלט געהערט דאָך נישט צו איין מענטשן בלויז. אַ מענטש דאַרף דאָך קענען זען דעם אָרום און דער אָרום איז איינגעטונקען אין בלוט.

פרומע ווינטשט חלילה קיינעם נישט קיין שלעכטס, אדרבה איר האַרץ קלאַפּט תמיד צום טאַקט פון עמיצנס פרייד און גליק, זי איז שטענדיק שטאַרק צופרידן ווען גאָט ברוך הוא באַגליקט עמיצן. אָבער, אַז מען איז אַליין אין צרות, ווי קען מען עס אויסשטיין יענעמס קאַפּריזן. מעגן די קאַפּריזן אַפילו געשיקט ווערן פון גליק אַליין! פרומע האָט טאַקע נישט געקענט איבערטראָגן די אַלע קאַפּריזן. זי האָט זיך איינגעהאַלטן, איינגע־האַלטן, געדריקט אין זיך, וואָרעם צו וואָס זיך איינרייסן מיט עמיצן? קריגן זיך איז קיינמאָל נישט געווען אין פרומעס טבע. זי האָט געוווּסט, אַז מיט בייזן דערגרייכט מען גאָרנישט, מער נישט ווי מען יאָדעט זיך אָן, מען עסט זיך אויף אַ לעבעדיקע און מען שפּייט דערביי אויס די גאַל. די מאַמע אירע האָט איר נאָך געהאַט געלערנט קינדווייז, אַז מיט מענטשן פּירט מען מיט גוטן מער אויס ווי מיט בייזן. אַ משל האָט זי איר תמיד געבראַכט פון איר אייגענעם טאַטן, וועלכער איז אַליין געווען אַ פרענדקער, אַט פון די מענטשן, וועלכע רעגן זיך לייכט אויף, וואָס צינדן זיך אָן ווי א שוועבעלע אין שאַרקע. די מאַמע דינה האָט זיך געפּירט, אַז גראָד דאַן ווען דער טאַטע האָט זיך אויפגערעגט און אַנגעצונדן, האָט זי זיך פאַרהאַלטן רויק און שטיל, האָט זיך נישט אויפגערעגט און נישט אָנגעצונדן. האָט פאַרשוויגן און געוואַרט ביז דער כעס איז אַריבער, ביז דאָס שוועבעלע האָט זיך אויסגעברענט, וואָ־רום ווי לאַנג ברענט דען אַ שוועבעלע? ווי לאַנג בכלל דויערט, מ׳שטיינס־געזאָגט, אַ מענטשנס לעבן? האָט דינה דעריבער געקענט אויסקומען מיט איר מאַן, מיט פרומעס טאַטן. שיין וואָלט די מאַמע אויסגעזעצן, ווען זי שווייגט נישט, ווען זי ווערט אויך אַ שוועבעלע און צינדט זיך אויך אָן. נו, פרעגט שוין בעסער נישט. די גאַנצע שטוב וואָלט אַראָפּ אין פלאַמען. און אפשר אויך די גאַנצע גאַס. נישקשה, די שטרויענע דעכער אין שטעטעלע האָבן גאָר שטאַרק ליב געהאַט צו שלונגען... פונקען און דערנאָך אויסצושפּייען

מיט... אַש. איין קלייניקייט אַריינצופאַלן אין מענטשלעכע מיילער, וואָס די צונג דערעדט נישט, צעקייען שוין די ציינער.

אזוי ווי די מאַמע דינה האָט געלערנט, האָט זיך פרומע געפירט. זעלטן ווען זי איז אין כעס געוואָרן אויף עמעצן. האָט זיך עמעצער געבייזערט איז זי געבליבן שטיל, בעסער שלונגען טרערן, איידער קייען כעס. האָט ווער געשריִען אויפן קול, האָט זי אַרונטערגעשלונגען יענעמס געשריי און געהאַלטן אירע ליפּן שטייף. האָט זיך פון מינוט צו מינוט אָנגערופן מיט אַ גוט וואָרט, בכדי יענעם נישט צו דערצערענען חלילה מיט איר שוויַגן. און אויב דאָס גוטע וואָרט האָט ווייניק וואָס געהאָלפן אַרויסצונעמען יענעם פון כעס און צאָרן, האָט זי זיך בכלל אָפּגעטראָגן, און געלאָזן אַ מעגלעכקייט פאַר יענעם צו בלייבן אַליין און זיך אָפּקילן. אָבער ישראל יאַנטשעס טאָכטער, איטקעלע, ווי מען האָט זי אין שטעטל גערופן פאַרצויגן, האָט איר שוין אַזוי שטאַרק אויפגעבראַכט, האָט איר אַזוי שטאַרק אַרויסגעפירט פון די כלים, האָט איר אַזוי אויסגעמאַטערט און אויסגעפּייניקט, אַז זי האָט זיך שוין נישט געקענט איינהאַלטן, האָט פאַרלוירן יעדע קאָנטראָל פון אירע נערוון. איר פּנים האָט געפלאַמט, דער גאַנצער קערפּער האָט געציטערט אין זיך געוואָרפן ווי אין שווערער קאָנווולסיע. דאָס האַרץ האָט זיך ביי איר געהויבן אַרויף און אַראָפּ ווי אַ הוידע, איר אויפרעגונג האָט דערגרייכט דעם העכסטן פּונקט — זי האָט זיך שטאַרק פונאַנדערגעוויינט, האָט געהעשעט ווי אַ קליין קינד, די טרערן האָבן שטיינער געקענט לעכערן. ביי אַזאַ אויפרעגונג האָט פרומע נישט געוואָלט קאָרמענען דאָס קינד, עס זאָל חלילה נישט פאַרשלאַפּט ווערן, זאָל עס בעסער ליידן הונגער, איידער ליידן קראַמפּן פון אין עגמת־נפש געזויערטע מילך.

פרומע האָט אויף איטקעלען נישט געשריִען, האָט זיך אויף איר נישט געבייזערט. נאָכן גוט אויסוויינען זיך האָט פרומע זיך פאַרטראַכט וועגן איטקעלעס לעבן, וועגן אירע קינדישע יאָרן, זי האָט זיך אַרומגעזען, אַז איטקעלעס האַנדלונגען זענען נישט קיין סימן פון שלעכטע מידות, נאָר פון קאַפּריזן. אַזעלכע קאַפּריזן פאַרשווינדן מיט דער צייט, זיי גייען פאַרביי, ווי נאָר מען ווערט אַביסל עלטער, ווען מען טשאַדעט זיך אויס פון זאָרגלאָזיקייט, ווי נאָר מען טרעפט זיך פּנים אל פּנים מיטן לעבן. אין נאָרמאַלע צייטן וואָלט זיך פרומע נישט אויפגערעגט אַפילו, זי וואָלט גלייך

מיט איר אייגענעם שכל באַגריפן איטקעלעס קאַפּריזן, און אַז אירע פּאַר־לאַנגען, דאָס בייטן יעדן טאָג די מיינונג וועגן פּאַסאַן איז נישט מער ווי אַ קינדישער, זאָרגלאָזער קאַפּריז. נישקשה, זי וואָלט זיך מיט איר איס־פּראָוועט ווי עס באַדאַרף צו זיין. זי האָט שוין געהאַט אין איר יונג לעבן שווערערע קונדן ווי איטקעלע און איז מיט זיי אויסגעקומען. אַפילו ווען זי האָט נאָך געאַרבעט ביי גרוניע די שניידערקע איז וואָס עפּעס אַ סכסוך מיט אַ קונד האָט גרוניע איר געבעטן אויסצוגלייכן און זי האָט אויסגעגליכן. פרומע האָט געהאַט צו אַלעמען גדולה, האָט אַלעמען אויסגעהערט און געזען ווי ווייט מעגלעך צופרידנצושטעלן. זינט דער מלחמה אָבער, זינט מען האָט איר מאַן און טאַטן פון איר קינד פריידעלען אַוועקגענומען אויפן פראָנט, זענען ביי איר די נערוון שוואַכער געוואָרן און אויך זי פאַלט אַריין אין אויפרעגונג. פרומע האָט חלילה קיינעם נישט באַליידיקט, האָט אויף קיינעם קיין בייז וואָרט נישט געזאָגט. פרומע קאָנטראָלירט זיך גאָר שטאַרק און גיט אַכטונג זי זאָל נישט אַרויס פון דער גרענעץ, אָבער פון אויפרעגונג פאַלט זי אַריין אין געוויין, אין אַ ספּאַזם, וואָס איז נישט געזונט פאַרן קינד און נישט פאַר איר. זי זאָרגט שוין נישט אַזוי וועגן זיך, ווי וועגן קינד.

ליגנדיק אויפן געלעגער, אין אירע שלאָפלאָזע נעכט האָט זיך פרומען נישט איינמאָל אויסגעוויזן, אַז זי הערט דאָס געשיסעריי פון קאַנאָנען. פאַר אירע אויגן האָבן דורכגעשוועבט בילדער ווי מאַן קעגן מאַן פאַרמעסטן זיך מיט מעסער אין האַנט. יעדער פאַרטיידיקט זיין אייגן לעבן און איז דערביי גרייט אומצוברענגען דעם צווייטן און אַזוי טאָקע געשעט. אין אַזעלכע צייטן פילט פרומע ווי אירע נערוון פאַלן איין, ווי זיי ברעכן זיך פון שוואַכקייט, און דער קרבן פון דעם איז דאָס קינד, דאָס עופעלע. וועמען מען טאָר די ברוסט נישט געבן אין אַן אויפגערעגטן צושטאַנד.

ווען איטקעלע איז ווידער געקומען צו פרומען בייטן דעם פּאַסאַן, האָט פרומע זיך געשטאַרקט און איבערגעלאָזן די אַרבעט, האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט איטקעלען רייִדן, האָט איר אויפגעקלערט אין וועלכער צייט מען לעבט, האָט איר דערציילט וועגן איר אייגן לעבן, וועגן אירע זאָרגן פאַר פאַרדינען אויף ברויט, און די זאָרגן וועגן גורל פון איר מאַן און פאָטער פון איר קינד, וועלכער געפינט זיך צוזאַמען מיט טויזנטער און טויזנטער אויף די

שלאַכטפעלדער פון קאַמף. זי האָט איר אָנגעוויזן, אַז זי וועט נאָך דער חתונה אַליין זיך גרייטן צו ווערן אַ מאַמע, און וועט דאַרפן האָדעווען קינ־דער, וואָס פאַרלאַנגט רויִקייט, נישט קיין אויפגערייצטע נערוון, וואָס קענען חלילה שאָדן ברענגען דאָס געזונט פון די קינדער.

מיט איין פוס געוויגט דאָס וויגעלע און מיטן צווייטן פוס געטריבן די ניי־מאַשין, איז געזעסן פרומע די נייטערקע, האָט געזונגען אַ לידעלע און אָנטשלעפט איר קינד.

העניע, די קצבטע

הענקע האָט מען זי געראָפן אין שטאָט און דערקענט האָט מען זי לויט איר הילוך און לויט איר הלבשה, — לויט איר גאַנג און לויט אירע קליידער. ווינטער צייט האָט זי געטראָגן אויף זיך אַ קליין בורקעלע פון טוכענעם געוואַנט געמאַכט. דאָס בורקעלע האָט געהאַט עטלעכע קאָלירן — דעם אָריגינעלן ברוינעם קאָליר פון געוואַנט; דעם שוואַרצלעך־ברוינעם פאַרב פון פאַרטריקנט בלוט און דעם רויטן קאָליר פון פרישן בלוט, וואָס האָט זיך צוגעקלעפּט יעדן טאָג ביים האַקן, טרייבערן און פונאַנדערטראָגן דאָס פלייש צו די באַלעבאָסטעס. אונטער דער בורקע, וואָס האָט איר געגרייכט ביז צו די קני האָט זי געטראָגן אַ באַרכענעם געבלימטן שלאָפראָק, וואָס האָט אַרויסגעקוקט פון אונטער דער בורקע און האָט דערלאַנגט ביז צו די וויליקעס אַריבער די קני. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן עטלעכע טיכלעך, וואָס האָבן צוגעדעקט, סיי דאָס געזיכט און סיי די קופּקע.

געגאַנגען איז הענקע אין דער ברייט. זי האָט, מען זאָל באַהיט און באַשירעמט ווערן, געהאַט אויסגעדרייטע פיס, אַן איבערבלייבעניש פון דער ענגלישער קרענק, האָט עס אויסגעזען ווי זי שטעלט אירע טריט אין דער ברייט.

אין יאַטקע איז הענקע געשטאַנען אָן דער בורקע אויף זיך, אָן די טיכלעך אויפן קאָפּ, נאָר אין געבלימטן שלאָפראָק. זי האָט גאָר געהאַט אַן אַנדער פּנים; אין יאַטקע האָט זי גאָר אַנדערש אויסגעזען; איר געזיכט האָט געשפּראָצט מיט געזונטע בלוטן, איר הויט איז געווען געסקלאַרעוועט ווי מאַרמאָר־גלאַטיק.

אַזוי ווי ביים גיין האָט זי אויסגעזען אַלט, איינגעקאָרטשעט אין דרייען, אַזוי האָט זי אין יאַטקע, אונטערן טיש, אָדער שטייענדיק ביים האַק־קלאָץ,

אויסגעזען יונג, בלוט און מילך. קונים האָבן געזאָגט, אַז הענקע איז די בעסטע רעקלאַמע פאַר אַ גוט שטיקל פליש, פאַר אַ גוט בריסטל און פאַר אַנדערע סאָרטן פליישן, וואָס האָבן געהאַנגען ביי איר אין קראָם אויף די קאַכעלנע ווענט, אויף די מעשענע האָקעס.

אַ קאָפּ האָט הענקע געהאַט אויף שרויפן. זי האָט קיינמאָל נישט באַדאַרפט קיין שרייבפּענדל צו באַרעכענען. די שווערסטע חשבונות האָט זי כהרף עין געמאַכט אויפן קאָפּ; האָט צוגעגעבן, אַרונטערגענומען, געטיילט און געכפּלט אין אַ סעקונדע, מיט איין שטערן־קנייטש און אַ מאָל אויך אָן דעם. באַלעבאָסטעס האָבן זיך געוווּנדערט און געהויבן מיט די פּלייצעס ווי זי מאַכט דאָס. ס׳טייטש, אַז מען קויפט עטלעכע סאָרטן פליישן, ווי אַ זייטעלע רינדערנס, אויסגעביינערט שוין, אַ קעלבערן בריסטל, אַ לונג און לעבער, אַ צינגל, עטלעכע העלדזלעך, אַ מעניסע קישקעס, שעפּסענע ריפּן און אַ פּאָר פּיסלעך, דערצו אַ שטיקעלע אייטער אויף אַ צולאָג — יעדער מין האָט דאָך אַן אַנדער פּרייז און מען דאַרף דאָך דאָס צוזאַמענחשבונען; הענקע טוט עס אָבער אָן אַ שטיקל קרייד אַפילו, מיטן קאָפּ בלויז און עס שטימט. אַז די באַלעבאָסטעס זענען אַהיימגעקומען אין שטוב און געבעטן דעם מאַן, אַז ער זאָל איבערחשבונען דעם חשבון, וואָס הענקע האָט געמאַכט, האָט תמיד געשטימט ביז צום ביינדל. הענקע האָט אויך נישט געפירט קיין קאָנטע־ביכער אין יאַטקע. זי האָט געדענקט אירע קונים אויף אויסנווייניק און אויך זייערע חובות. די אָרעמערע האָבן אין מיטן דער וואָך קיין פליש נישט געקויפט, נאָר משבת לשבת, האָבן זיי נישט גענומען אויף באָרג; האָבן זיי געהאַט פאַר וואָס, האָבן זיי געקויפט און געצאָלט מזומן, געקויפט פאַר וויפל זיי האָבן געהאַט. געשפּאָרט אַ גאַנצע וואָך פון ברויט, בכדי קענען לכבוד שבת טועם טעם־זיין פון אַ פּעדימל פליש. די מער פאַרמעגלעכע ווידער, וואָס האָבן יאָ געקויפט פליש אין מיטן דער וואָך און טאָקע געקענט תיכף באַצאָלן אויך, האָבן עס אָבער נישט געטון. זיי האָבן ליב געהאַט צו נעמען אויף באָרג, צו קומען אין יאַטקע, אַ שמעק טון, אַ טאַפּ טון דאָס פליש, זיך אויסקלייבן וואָס זיי האָבן געוואָלט און איבערגעלאָזט פאַר הענקען זי זאָל עס צעהאַקן און צעטרייבערן און ברענגען אַהיים גרייט צו ווייקן און זאַלצן.

|אויף כשר מאַכן פליש איז הענקע געווען אַ בריה. אין וואָס מיינט

איר איז באַשטאַנען איר בריהשקייט? זי האָט די צייט געמוזט אָפּהיטן; האַלטן אַ האַלבע שעה אין ווייקן און אַ שעה אין זאַלץ און דערנאָך אָפּגיסן. איר בריהשקייט איז נישט באַשטאַנען אין צייט, נאָר אין בקיאות, זי האָט געקענט אַלע דינים פון פליש־זאַלצן אויף אויסנווייניק און נישט איינמאָל האָט פּאַסירט, אַז הענקע האָט זיך גענומען דעם כוח צו פּסקענען שאלות. עס פלעגט פּאַסירן ערב־שבת, ווינטער־צייט, פאַר עשרה בטבת נאָך, ווען דער טאָג איז קליין און די אָרעמערע ווייבער האָבן ערשט נאָך האַלבן טאָג גע־קענט צונויפשטיקעווען די פאָר גראָשן אויף קויפן דאָס שטיקל פליש לכבוד שבת. עס האָט געדראָט דאָס געפאַר, אַז ביז ליכט־צינדן זאָל מען שוין נישט באַוויזן אָפּצוקאָכן. אין אַזעלכע פאַלן, ווען הענקע פלעגט זען די פאַרצווייפלונג פון די ווייבער און וואָס האָבן נישט געוווּסט וואָס צו טון, ווי די וועלט וואָלט זיך פאַר זיי געענדיקט, ווי זיי וואָלטן דעם ליבן שבת־קודש פאַרשפּילט, — האָט הענקע געזאָגט, אַז מען מעג האַלטן דאָס פליש אין ווייקוואַסער ווייניקער ווי אַ האַלבע שעה און אין זאַלץ נישט האַלטן מער ווי אַ האַלבע שעה. לכבוד שבת מעג מען.

יתומות פלעגן קומען צו הענקען זיך לערנען די דינים פון זאַלצן פליש. מיט אַ ניגון פון אַ ישיבה־בחור האָט זי איינגעחזרט די דינים מיט די מיידלעך, אָרעמע יתומות נעבעך, וועמענס מוטערס עס זיינען פּריצייטיק אַוועקגעריסן געוואָרן פון דער וועלט. הענקע האָט געהאַלטן אָפן פאַר זיך אַ קרבן־מנחה סידור און פון אויסנווייניק געלערנט די דינים:

ביינער וואָס זענען איינגאַנצן אָן פליש, נאָר זיי זענען פעטע ביינער, זאָל מען זאַלצן באַזונדער און זיי נישט האַלטן צוזאַמען מיטן פליש. אַ הערצעלע זאָל מען פאַרן זאַלצן עפענען און צעשניידן און דערנאָך זאַלצן; אויב אָבער מען האָט דאָס הערצל געזאַלצן גאַנצערהייט און נישט געעפנט און נישט צעשניטן, דאַרף מען פרעגן אַ שאלה ביים רב.

אַ מילצל דאַרף מען פאַרן זאַלצן אויסטרייבערן; אויב אָבער מען האָט געזאַלצט און נישט געטרייבערט דאַרף מען פרעגן אַ שאלה ביים רב.

אייער וואָס מען געפינט אין עופות, סיי פאַרטיקע און סיי בלויז די געלכלעך, באַדאַרף מען זאַלצן ווי דער דין איז. אויך אייער טאָר מען נישט לייגן צוזאַמען מיטן פליש, נאָר זאַלצן באַזונדער. אויב אָבער מען האָט יאָ געלייגט צוזאַמען, באַדאַרף מען פרעגן אַ שאלה ביים רב.

ווען מען זאַלצט אַ קעפּל, דאַרף מען פֿריִער דאָס קעפּל צעשניידן אויף צווייען און אויף אַלע זייטן זאַלצן ווי דער דין איז. אויב אָבער מען האָט דאָס קעפּל נישט צעהאַקט אויף צווייען, נאָר געזאַלצן גאַנצערהייט, דאַרף מען פֿרעגן אַ שאלה.

אַז מען גייט כּשר מאַכן פּיסלעך, איז איידער מען גייט זיי איינווייקן אין וואַסער, באַדאַרף מען פֿריִער אָפּהאַקן די קלאָען אַזוי ווייט ביז מען זעט אַרויס פֿלייש און בלוט און אַז די פּעסלעך ליגן שוין אין זאַלץ, דאַרף מען זיי שטעלן מיט די קלאָען אַראָפּ, בכדי דאָס בלוט זאָל אָפּרינען ווי עס באַדאַרף צו זיין. אויב אָבער עס האָט פּאַסירט און מען האָט פֿאַרגעסן אָפּצוהאַקן די קלאָען און גלייך געזאַלצן, דאַרף מען פֿרעגן אַ שאלה.

לעבער דאַרף מען בראָטן אויפֿן פֿייער. מען טאָר קיין לעבער ניט קאָכן.

אַז איר גייט קויפֿן אייער, זאָלט איר, קינדער, אַכטונג געבן — האָט העניע געזאָגט — אַז די אייער זאָלן זיין פֿון איין זייט רונד און פֿון דער צווייטער זייט שפּיציק. אויב אָבער די אייער זענען פֿוןביידע זייטן רונד, אָדער פֿון ביידע זייטן שפּיציק, זאָלט איר זיי נישט קויפֿן, ווייל זיי זענען פֿון טמא עופות.

אין שטעטל איז אַרומגעגאַנגען אַ ווערטל, אַז פֿון הענקעס יאַטקע און פֿון העקנעס דינים וועט קיינער חלילה נישט טריף מאַכן זיין האַלדז.

ר׳ קיווע, העקנעס מאַן, ווי מען האָט אים גערופֿן קיווע קצב, האָט זיך אין יאַטקע מיט די קונים נישט געמישט. זיין אויפֿגאַבע איז געווען יעדן טאָג, כּעלות הבוקר, נאָכן ערשטן מנין, אַרויסצופֿאָרן מיט זיין געשפּאַן איבער די נאָענטע דערפֿער און איינקויפֿן לעבעדיקע שטיקלעך; אַ קעלבל, אַ שעפּסל, אַ ביקל און אַ גסה אויך. ער האָט די לעבעדיקע שטיקלעך אַוועקגעפֿירט, אָדער אַוועקגעטריבן אין שעכט־הויז אַריין, נאָך דער שחיטה געשינדן און געטרייבערט, געברענגט אין יאַטקע אַריין גרייט אויף צו האַקן און שניידן; די קעפּלעך באַזונדער, די פּיסלעך באַזונדער, לונג און לעבער און קישקעס באַזונדער, גרייט צום פֿאַרקויפֿן. אַז מען האָט געדאַרפֿט צעהאַקן אַ זייטל פֿלייש אָדער אַרויסנעמען די מאַרכלעך פֿון אַ קעפּל, האָט זיך הענקע אַליין אַן עצה געגעבן און האָט צו קיווען נישט באַדאַרפֿט אָנקומען. קיווע האָט איינגעקויפֿט און הענקע האָט פֿאַרקויפֿט.

דער רבונו של עולם האָט קיווען מיט העקנען מזכּה געווען מיט אַ

בן־יחיד. יודל האָט מען אים גערופן. צו דריי יאָר האָט אים קיווע געטראָגן אין חדר, דערנאָך האָט ער אים געשיקט אין תלמוד־תורה און שפּעטער אין ישיבה אַריין. כאָטש ער האָט באַגערט צום לערנען און האָט אויך געהאַט אַ גוט קעפּל, איז יודל אָבער קיין גרויסער למדן נישט אויסגעוואַקסן און דאָס פּשוט דערפאַר, ווייל איידער צום לערנען האָט יודלען גיכער געצויגן צום שופלעדל פון דער מאַמעס יאַטקע פונוואַנען מען האָט געקענט אַרויסנעמען עטלעכע קאָפּיקעס און זיך איינקויפן פאַרשידענע נאַשוואַרג ווי: מאַנדלעך צום שלינגען, איריסלעך צום סמאַטשקען, באַניע־קערן צום שיילן, געפילטע קאַרמעלקעס און זומער־צייט טאַקע אויך אַ גלאָז לאָדע פון אייז אַראָפּ.

דער טאַטע האָט געוואָלט, אַז יודל זאָל זיין שוחט, די מאַמע — נישט אַנדערש ווי אַ מורה־הוראה. אָבער יודל אַליין האָט נישט געוואָלט. צו 16 יאָר איז ער שוין געווען אַ פאָלנער קצב.

שוה בשוה מיט טאַטע־מאַמע איז יודל נישט געווען. ער פלעגט זיך חברן מיט חברה אין שטעטל, וואָס זענען טאַטע־מאַמע נישט געווען צום האַרצן. מען האָט אויף זיי געטייטלט מיט די פינגער און אָנגעוויזן, אַז זיי זענען ווילדע יונגען, און לייכטע ייִדן. יודל האָט זיך אויף זיי פאַרקוקט, האָט קירצער געמאַכט די קאַפּאָטע, האָט דאָס טוכענע היטל מיטן קליינעם דאַשיקל אויסגעביטן אויף אַ וועלאָסיפּעדנע היטל מיט אַ גרויסן דאַשיק, וואָס האָט פאַרשטעלט דעם שטערן און די אויגן. האָט דעם קאָפּ געלאָזט פאַרוואַקסן מיט לאַנגע האָר, מיט אַ טשופּרינע, האָט אָנגעטאָן אַ פּאָר גאַליפּיי הויזן, וואָס זענען ביז צו די קני געווען שמאָל, און העכער פון דער קני געווירן אין דער ברייט. האָט זיך פאַרפּוצט אין אַ פּאָר גלאַנציקע שטיוועלעך מיט הויכע כאַליעוועס און זיך אָנגעטאָן אַ שוואַרצע רובאַשקע מיט אַ דין גאַרטעלע איבער דער טאַליע איבערגעבונדן, פוןביידע זייטן פאַרענדיקט מיט פּראַנדזעלעך. ווער עס האָט יודלען נישט געקענט האָט געמיינט אַז ער איז אַ שגץ, איינער פון די שקצים וואָס דרייען זיך אַרום אויפן מאַרק מיט די הענט אין די קעשענעס, פייפן צו טויבן, גייען אין שענק אַריין און זויפן קופלעס ביר. די ערשטע צייט האָט הענקע אַליין איר בן־יחיד נישט דערקענט, ווען יודל פלעגט אַריינקומען אין יאַטקע האָט זי געפרעגט — קיווע, וואָס וויל עס דאָרט דער שגץ, און קיווע האָט געענטפערט: עס איז

דאָך דיין קדיש, דיין גן־עדן שטויסער, דערקענסט אים נישט, וועסט אים נאָך פירן צו דער שמד.

קיווע מיט הענקען האָבן צווישן זיך געהאַט ערנסטע חלוקי דעות בנוגע זייער באַציִונג צום בן־יחיד. קיווע — דער טאַטע האָט אָנגענומען אַ האַרטן צוגאַנג. אויב ער קען מיט זיין זון אין בית־המדרש נישט גיין, און ער פירט זיך נישט אויף ווי אַ ייִד באַדאַרף זיך אויפפירן, און ביי אים איז רעכט צו זוכן אַ גרינג לעבן, נישט אַכטונג צו געבן אויף ייִדישקייט, נישט צו דאַווענען צו דער צייט, צו פאַרפעלן אַ מנחה און ווער ווייסט — ער האָט גאָר פאַרן מויל נישט געוואָלט ברענגען — חלילה נישט צו לייגן קיין תפילין, אַזאַ זון וויל ער נישט האָבן ביי זיך. ער איז גרייט מיט אים זיך צו שיידן, אים אַרויסטרייבן פון שטוב, רייסן נאָך אים קריעה, ווי עס פירט זיך ביי ייִדן. זיינע אויגן זאָלן אים נישט זען.

הענקע די מאַמע — איז חלילה נישט געווען ווייניקער פרום ווי קיווע דער טאַטע. איר האָט אויך אַ סך געזונט געקאָסט דער דרך פון איר בן־יחיד. נישט איין נאַכט האָט זי אויסגעוויקט דאָס קישן פון טרערן, פון די חרפּות און בושות וואָס איר זינדל פאַרשאַפט איר. נישט איין נאַכט איז זי געלעגן אויף איר געלעגער מיט אָפענע אויגן, עס האָט איר קיין שלאָף נישט גענומען, און אין איר מחשבה האָט זי זיך אויסגעטענהט מיטן רבונו של עולם, פאַר וואָס ער האָט זי אַזוי געשטראָפט און דערלאָזן אַז איר קינד זאָל נישט גיין אין די פוס־טריט פון אירע אָבות, וואָס זענען געווען פרומע און גאָטס־פאַרכטיקע ייִדן. אָבער אַרויסטרייבן איר קינד פון שטוב, שוין רייסן קריעה און זיך מיאש זיין האָט זי נישט געקענט. איר מאַמע־האַרץ האָט דאָס איר נישט געלאָזן. זי וויל נישט פאַרלירן די האָפענונג. זי גלייבט, אַז איר קינד וועט זיך דאָך נאָך אַרומזען, אַז דער דרך איז נישט קיין ייִדישער און אויך נישט קיין לייטישער. כל זמן אַ מענטש לעבט טאָר מען די האָפענונג נישט פאַרלירן, מאַלע וואָס עס פּאַסירט אַז אַ מענטש זינדיקט, אָבער ער האָט דאָך אַ געלעגנהייט חרטה צו האָבן אויף די זינד. איז דאָך עפּעס פאַראַן ביי ייִדן אַ יום־כּיפּור, אַ טאָג ווען גאָט אַליין איז באַרמהאַרציק און פאַרגיט די זינד, קען דאָך אויך פּאַסירן מיט איר קינד, ער זאָל זיך אַרומזען און בעטן ביי גאָט ברוך הוא ער זאָל אים פאַרגעבן זיינע זינד און עס זאָל מקוים ווערן דער פּסוק: ואעשה זדונות כזכיות, וואָס באַדייט, אַז אויב אַ מענטש

סוט תשובה אויף זייבע עבירות ווערן זיי פאַרוואַנדלט אין זכיות, און מיט גאָטס גערעכטיקייט ווערן אויסגעמעקט די פלעקן וואָס אַ מענטש מאַכט אין דעם קלייד פון זיין נשמה. עד יום מותו אחכה לו לתשובה. גאָט איז גע־דולדיק און וואַרט ביז צום לעצטן מאָמענט פון מענטשנס לעבן אויף זיין תשובה. היינט פאַר וואָס באַדאַרף זי זיך איילן און שוין זיך חלילה מיאש זיין פון איר קינד. האָט זי דען ווייניק זיך אָנגעליטן איידער זי האָט איר יודע־לען אויף דער וועלט געבראַכט. מען האָט דאָך איר געמוזט מאַכן אַ קייסער־שניט, זי איז שיעור פון דער וועלט אַוועקגעקומען. היינט אויך שפּעטער נאָכן קימפּעט, דאָס ליגן חדשים לאַנג אין בעט און נישט קענען קיין פיס שטעלן. די אויגן פון קאָפּ זענען דאָך איר שיר נישט אַרויס, איידער זי האָט געזען איר יודעלען שטעלן גלייך אַ פיסל, ער זאָל חלילה נישט ירשע־נען פון איר די ענגלישע קרענק, איידער זי האָט פון זיין מויל געהערט דאָס וואָרט מאַמע. זאָלן און פעפער האָט זי אים געשאָטן אין די קעשענעס אַריין, ווען קיווע האָט אים אין טלית איינגעוויקלט און אַוועקגעטראָגן צום ערשטן מאָל אין חדר אַריין. שפּעטער, אַז זי האָט דערלעבט צו הערן, ווי יודעלע איז מעביר די סדרה מיט דעם טייערן ניגון פון טראָפּ, און, אַז זי האָט אים געהערט לערנען אַ פּרשה חומש, שפּעטער אַ בלאַט גמרא, איז דאָך גע־וואָקסן איר שטאָלץ, האָבן דאָך איר אַלע יסורים געלוינט אויסצושטיין, איז דאָך דאָס האַרץ ביי דער מאַמען געיוירן, געוואָקסן פון פרייד. נו! וועט דאָס אַלץ איר חלילה פאַרשטערט ווערן? וועט עס טאַקע יודעלע גיין אין שלעכטן וועג חלילה? ניין! זי גלייבט נישט. גאָט אַליין וועט זיך אויף איר דערבאַרעמען און אין זכות פון אַלע זכותים וועט ער איר נישט פאַרשעמען.

— קיווע! מען דאַרף נישט זיין האַרט צום קינד. — האָט העניע גע־טענהט. — אַפילו צו אַ דערוואַקסענעם מענטש דאַרף מען נישט זיין האַרט. מיט בייזן פועלט מען גאָר נישט, נאָר מיט גוטן, מיט געדולד. אַ קינד טאָר מען נישט רייצן, קיין שום מענטש טאָר מען נישט צערייצן. אָנשטאָט קריעה רייסן, מיינע שונאים, פו, פו, מיינע שונאים אויך נישט, לאָמיר קיווע בעסער בעטן גאָט ער זאָל העלפן. אַ מאַמעס האַרץ פאַרפירט נישט. גאָט וועט העלפן און נישט חלילה פאַרשעמען!

העניע האָט נישט געוואָלט רייסן קיין קריעה נאָך איר זון, אָבער דאָס האַרץ איז איר צעריסן געוואָרן פון ווייטיק. האָט אַזוי פיל חלומות געוועבט.

האָט תמיד געטראַכט, אַז יודעלע וועט זיין אַ פרומער ייד, וועט זיין אַ מורה־הוראה און פסקענען שאלות. אין איר דמיון האָט זי געזען די פרומע יידישע טעכטער, וועלכע זי האָט געלערנט די דינים פון פלייש זאַלצן וועלן קומען צו איר זון, דעם רב, פרעגן אַ שאלה. קצבים מיט שוחטים וועלן קו־מען צו אים מיט אַ שאלה, ווייזן דעם חלף, און איר זון וועט פסקענען און יידן וועלן מקיים זיין זיין פסק־דין. פאַר הענקעס אויגן האָט זיך געוועבט דאָס בילד, ווי איר יודעלע זיצט אויפן בית־דין־שטול און יידן קומען צו אים מיט פאַרשיידענע שאלות און דין־תורהס, און ער זיצט אַ פאַרמוחטער און גלייכט אויס סכסוכים צווישן סוחרים. איי רבונו של עולם, ער וואָלט עס דען נישט געקענט, זיין קעפּל איז דאָך שאַרף, שפּיציק ווי ביי אַ כשר איי. אין ישיבה איז ער דאָך געווען פון די בעסטע יינגלעך. מיטוואָך האָט ער דאָך שוין געקענט ווי אַ וואַסער דעם שיעור. און אַז דער טאַטע האָט אים געפירט צו מענדל דעם רבס פאַרהערן, איז דאָך געווען אַ פאַרגעניגן צו הערן זיין זיס קול און צו זען ווי ער טייטלט מיט זיינע פינגערלעך איבער דער גמרא. נישט אַנדערש ווי עמיצער האָט אים אַ גוט אויג געגעבן, און עמיצער האָט דער אָרעמער מאַמען אויך אַ גוט אויג געגעבן.

קיווע האָט דער מאַמעס „גוטסקייט" נישט געקענט פאַרטראָגן. ער האָט געהאַלטן פון פסוק: ועברת את הרע מקרבך, מעג עס זיין אַן אייגן קינד. עס האָבן נישט געהאָלפן הענקעס טרערן. זי האָט אים, דעם טאַטן, מיט ווייבערישן געוויין נישט געקענט איבערצייגן. אַזוי זענען זיך יידן נוהג, אויב חלילה עס פּאַסירט אַן אומגליק אין אַ משפחה, ווען עמיצער גייט אַרויס לתרבות רעה, און געגנוי אַזוי וועט ער זיך פירן. ער וויל פון יודלען נישט וויסן, פאַר אים עקזיסטירט ער נישט מער.

הענקע די מאַמע האָט נישט אויפגעגעבן איר האָפענונג. רבונו של עולם, האָט זי געטענהט צו גאָט! האַר פון דער וועלט, אַזוי ווי דו האָסט אָנגענומען די טרערן פון די הייליקע מלאכים ווען אונדזער פאָטער אברהם האָט זיין ליבן זון יצחק געוואָלט ברענגען אויף דער עקידה, זענען די טרערן פון די מלאכים געפאַלן אויף דעם מעסער און אברהם האָט אים נישט גע־קענט שעכטן, אַזוי זאָלן מיינע טרערן אַרויפקומען צו דיר — טאַטע זיסער אין הימל און זאָלסט שיקן צו מיין קינד אַזעלכע מלאכים וואָס זאָלן אים אַרויספירן צוריק אויפן דרך־הישר.

צירל, די ברוגזע

תמיד איז זי ברוגז, ביים אויפשטיין פון שלאָף און ביים לייגן זיך שלאָפן, פאַר קריאת־שמע לייענען און נאָכן לייענען קריאת־שמע, ביים אָנטאָן זיך, ביים אויסטאָן זיך, ביים אָפגיסן נעגל־וואַסער, ביים שטיין, ביים זיצן, ביים עסן און ביים טרינקען. תמיד איז זי ברוגז, שטענדיק איז ביי איר דאָס פנים אָנגעכמורעט, ווי וואָלקנס בלייענע וואָלטן אַרונטערגענידערט פון אונטער די הימלען און זיך באַזעצט אויף צירלס געזיכט און ווילן פון איר באין אופן נישט אָפטרעטן. די ברעמען איבער צירלס אויגן זענען געווייניטלעך דריי פערטל פאַרמאַכט, ווי לאָדנס פון פענצטער אויפדערנאַכט, און זי וויל זיי גאָרנישט עפענען, ווי איר וואָלט געווען גוט אַזוי. היינט גיי און זיי אַ בריה און וויס פאַר וואָס איז צירל אָנגעברוגזט כסדר. וואָס האָט עס מיט איר אַזעלכעס פאַסירט וואָס האַלט זי אַלעמאָל אָנגעבלאָזן, ווי זי וואָלט זיך מיט עמיצן איבערגעווערטלט, און אויב נישט מיט עמעצן איז כאָטש מיט זיך אַליין. איי! ווען זי וואָלט כאָטש געוווסט ווי זי פטרט זיך, ווי זי לייגט אַ פרישע, בליִענדיקע בלום אין דער ערד אַריין מיט איר פאַרברוגזט פנים, וואָלט זי זיכער אַוועקגעטריבן פון איר געזיכט אַלע כמאַרעס, — האָט די מאַמע עטל מיט פאַרבראָכענע הענט צו זיך אַליין געטענהט — ווייסט זי דאָך אָבער נישט, און וויל גאָר נישט וויסן. אַזאַ יונגער צוציק, פון וואַנען זאָל זי וויסן, גייט איר דען חלילה שלעכט, פעלט איר דען עפעס, אָט אַזוי ווי מיר האָט געפעלט זייענדיק אַ מיידל אין אירע יאָרן. נישט קיין קלייד אויפן לייב, נישט קיין ביסל געקעכטס צו דער צייט, ווו געטאָגט נישט גענעכטיקט. אָבער צירלען פעלט דאָך גאָר נישט, אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט געוואָרן אָן איר שאָדן, זי האָט דאָך פון שענסטן און בעסטן, אַלץ וואָס זי וויל, וואָס איר מויל ברענגט נאָר אַרויס

דורך דער צונג אויפֿן קול, און אַפֿילו אין דער שטיל, ווי גיך זי גיט אַ פּיפּס שטייט שוין די מאַמע גרייט צו דערפֿילן אירע פֿאַרלאַנגען. פּאַרויס גאָט און דערנאָך דער טאַטע וואָלט איר דאָס טעלערל פֿון הימל געבראַכט. זי איז דאָך אַ מיזינקע, אַ יחסנטע, דאָס יינגסטע קינד, ווער האָט זיך דען געריכט אויף איר? אומגעריכט איז זי געקומען, און אַז גאָט גיט וואַרפֿט מען נישט אַרויס, גאָט צו דאַנקען דערפֿאַר און, אַז עס וואָלט געווען נאָך עטלעכע מיזינקעס אין שטוב, וואָלט זיי דען חלילה עפּעס געפֿעלט? אַזאַ טבע האָט ער שוין, דער רבונו של עולם, אַז ער גיט קינדער, גיט ער צו די קינדער, און טאָמער פּאַסירט, אַז עמיצער האָט נישט, איז נישט דער־פֿאַר ווייל גאָט האָט אים פֿאַרזען, ניין! עס וועט קומען. אַ מענטש דאַרף האָבן האָפֿענונג. אַז איך פֿיר זי פֿאַרן האַנט צו דער שניידערקע, גייט זי. גיי איך מיט איר צו זיסלען אין דער שניט־קראָם און הייס אָפּשניידן אַ פּאָר איילן טוך אויף אַ מאַנטל איז גוט. אַליין אָבער וועט זי קיינמאָל נישט בעטן, פֿון איר־עטוועגן וואָלט זי געקענט אויסקומען מיטן אַלטן שטיקל בגד, גאָטעניו, וואָס איז דאָס אַ מיידל אַזוי אָפּגעלאָזן? — פֿלעגט עטל פֿאַר־ברעכן אירע פֿינגער און פֿון איר ברוסט האָט זיך געטראָגן אַ טיפֿער קרעכץ, וואָס האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיטן קלאַנג פֿון ברעכן די פֿינגער. אַ מיידל זאָל עס זיין אַזוי אָפּגעלאָזן, זי איז דאָך שוין ראוי לחופּה.

— נחמן! מען דאַרף גיין מיט צירלען צום דאָקטער, עס איז גאָר נישט אַזוי פּשוט מיט אונדזער מיזינקע! צו קיין שידוך איז עס אויך נישט קיין מעלה, מענטשלעכע מיילער האָבן שוין וואָס צו ריידן, אויב נישט באַריידן, ווייל מען טאָר דאָך נישט, עס איז דאָך אַן עבירה, איז כאָטש ריידן, וואָס איז נחמן, מען קען דען פֿאַרמאַכן מענטשלעכע מיילער, די צונג זאָל זיך ביי זיי נישט דרייען? ריידן מעג מען דאָך. מען מעג דאָך אויס־דריקן מיטלייד און מיט דעם זיך אַרונטעררייידן פֿון האַרצן, און אַזוי אַראָפּ־רעדנדיק זיך פֿון האַרצן וועלן זיי שאַדן ברענגען צירלען, זי זאָל חלילה וחס קיין שידוך נישט קענען טון און בלייבן אַ פֿאַרזעסענע מויד, אַז טפֿוי זאָלן זיי ווערן, הערסט נחמן. אָט דאָס וויל זי דאָך מסתמא. וואָרום ווו איז דאָס געהערט געוואָרן אין דער וועלט, אַז אַ מיידל פֿון צוויי גאַנצע טויזנט וואָכן שוין, זאָל זיין אַזוי פֿאַראומערט ווי שיפֿן וואָלטן איר אונטערגעגאַנגען איבער אַלע ימים. אַז זי ליגט אין בעט און שלאָפֿט, זעט מען ערשט ווי שיין

זי איז, ווי אַ בלאָנדע רויז. די אמתע קאָלירן אין פּנים, די בעקעלעך פלאַ־מען פון אַ קאַפּיטשקע רויטקייט, דאָס נעזל איז ווי געשניצט, די ליפּעלעך רויט, פול־בלוטיק, נאָר זיי צום קושן, די האָר ווי סאַמעט שוואַרץ און ווייך, די אויערן ווי אויסגעטאָקט, דער שטערן מאַט און גלאַטיק ווי מאַרמאָר, די אויגן, כאָטש צוגעמאַכט רויק, און ווי גיך זי גיט זיי אַן עפן אויף פינק־לען זיי ווי בליץ־לאַמפּן, לויפן שנעל הין און צוריק ,ווי געטריבן עפּעס פון אַן אומרו, פון אַן אומצופרידנקייט, און די אומצופרידנקייט שפּרייט זיך אויס איבערן גאַנצן פּנים און פרעסט איר געמיט. נחמן! מען באַדאַרף גיין מיטן קינד צום רופא, ס׳זאָל חלילה נישט זיין צו שפּעט. הערסט נחמן! מען זאָל נישט געשטראָפט ווערן מיט וואָס אַלץ אַ מענטש קען געפּרווט ווערן. ביי גאָט ברוך הוא קען מען קיין קשיאס נישט פרעגן.

— עטל! אפשר וועסטו מיר לאָזן אָפּבענטשן? — האָט נחמן מיט אַ שטילער און רויקער שטימע זיך געווענדט צו עטלען, וואָס האָט די גאַנצע צייט, זינט ער האָט געמאַכט אַ מוציא און זיך געזעצט צום טיש עסן, נישט אויפגעהערט אין אים אַריינצורידן און צו דערציילן פון זייער מיזינקע צירל, פון אַלע אירע מיחושים; ווי זי זעט אויס בייטאָג און ווי זי זעט אויס ביינאַכט, ווען זי איז וואַך און ווען זי שלאָפט. נאָכן בענטשן וועלן מיר ריידן, עטל! איצטער לאָז מיר, לאָז מיר דאַנקען דעם אייבערשטן מיט קלאָרע רעיונות. איך בעט דיר עטל! צעמיש מיר נישט. לאָמיר וויסן ווי איך האַלט אין דער וועלט, עטל! איך רייד שוין נישט פון פאַרדייען דאָס ביסל עסן.

נחמן, אַז ער פלעגט אַ היים קומען אין אָוונט פון דער גאַרבאַרניע, איז ער געווען מיד און הונגעריק. דעם טאָג איז ער נישט געזעסן מיט פאַר־לייגטע הענט, האָט זייער שווער געהאָרעוועט, האָט געשלעפּט קאַדישקעס מיט איינגעווייקטע אין דאמב רינד פעל, האָט אַכטונג געגעבן אויף די בעלי־מלאכות, זיי זאָלן אַרבעטן, האָט אומעטום אונטערגעשטעלט אַ פּלייצע און צוגעלייגט אַ האַנט. אויפן וועג פון דער גאַרבעריי אַ היים, איז ער נאָך געלאָפן דאַווענען מנחה־מעריב אין בית־מדרש אַריין, און נישט איינמאָל איז אים אויסגעקומען צו זאָגן צו מעריב צוויי שמונה עשרהס, ווייל ער האָט נישט באַוויזן צו דאַוונען מנחה, און, אַז ער איז געקומען אַהיים, האָט

ער ליב געהאַט, גלייך צו גיין זיך וואַשן צו שאו ידיכם און זיך זעצן צום טיש עסן.

אין די פריערדיקע יאָרן, ווען די קינדער זענען נאָך געווען יינגער, איז ער געזעסן ביים טיש מיט אַ האַלב טוץ קיין עין הרע, דריי פון רעכטס און דריי פון לינקס. ער האָט אַלעמען געקוקט אין די מיילעכלעך אַריין און געהאַט גרויס הנאה צוקוקנדיק זיך ווי עס קנאַקן ביי זיי די ציינדלעך, אַז ער איז פון פאַרגעניגן אַליין זאָט געוואָרן. די קינדערלעך האָבן אים אָנגעזעטיקט מיט זייערע שטיפערייען, מיט זייער פריילעכקייט. עטל — די מאַמע, איז צום וואָרט נישט געקומען, די קינדערלעך האָבן שוין גערעדט פאַר איר אויך, זי האָט פון דער קיך דערלאַנגט די געשמאַקע מאכלים צום טיש. זעלטן ווען זי האָט אַליין זיך צוגערירט מיט אַ פינגער צו עפּעס, האָט נאָר געמאַכט אַ מוציא און איבערגעקייט די שלייפן. ווי האָט זי דען געהאַט צייט צו עסן. אָבער אַז די קינדער זענען אויפגעוואַקסן, זענען געוואָרן עלטער און יעדעס קינד איז זיך געגאַנגען אויף זיין וועג, האָבן חתונה געהאַט: משה־יודל איז געגאַנגען צו דער חופה פונקט צו אַכצן יאָר, יהודה־הערש איז נאָך קיין פולע אַכצן יאָר נישט אַלט געווען ,זלמן־ברוך האָט וואָס אָן אמת געוואָרט אַ ביסל לענגער, אָבער ערשט אַ שטיק נאָך דער חתונה האָט מען באַדאַרפט זאָרגן פאַר זיין פּריזיוו. מאַטל איז שוין לאַנג אַ מאַמע, איר שרהלע האָט שוין אַ שורה ציינדעלעך ווי פּערל. און לאהקע איז שוין גאָט צו דאַנקען אין פינפטן חודש מיטן צווייטן קינד, איר בכור לויפט שוין אַרום מיטן טלית־קטנדל איבער די אַקסלען. זאָל איר נאָר גאָט געבן אַ לייכטן האָבן. געבליבן אין שטוב איז נאָר צירל, די יינגסטע, די מיזינקע. צו זיבעצן יאָר האָט זי אויך געקענט חתונה האָבן, אָבער זי האָט נישט געוואָלט, כאָטש טו איר אָן אַ מעשה. צירל איז נישט ווי אַלע קינדער, עפּעס איז מיט איר דער מער, און קיינער ווייסט נישט וואָס. ווען די קינדער זענען געווען אין שטוב, איז אויך צירל געווען אַ פריילעכע, עס האָט זיך אויסגעמישט צוזאַמען, זי איז מיטגעגאַנגען מיט אַלעמען, מען האָט גאָר קיינמאָל אויף איר פּנימל נישט באַמערקט קיין אומעט, זינט אָבער זי איז פאַרבליבן אַליין אין שטוב, איז אָן ענדערונג אַריינגעטרעטן, אויף איר איז אַרויף אָן אומעט, מען זאָל גאָר באַהיט און באַשירעמט ווערן, ווי אַ שאָטן וואָלט זיך געשאַרט אין הויז אַרום די ווענט, נישט קיין מענטש.

פאַר קיין פרעמדע מענטשן האָט עטל נישט גערעדט, האָט זיך געהיט מיט אַ וואָרט, ס׳זאָל חלילה צו קיינעם נישט דערגיין קיין שאָדן. זי האָט אַפילו פאַר אירע עלטערע קינדער נישט געוואָלט ריידן, טאָמער הערט אַ שנור, אָדער אַן איידעם, און טראָגט עס איבער צו זיינע, אָדער אירע טאַטע־מאַמע, און אַזוי ווערט עס צעשפּרייט איבערן שטאָט. מען דאַרף דען אַ סך? ווענט האָבן דאָך אויערן, און מענטשן האָבן צונגען צו צעלייגן אויף טעלערלעך. גערעדט האָט עטל נאָר פאַר נחמנען, און בעת זי האָט גערעדט האָט זי אַכטונג געגעבן צי די לאָדנס זענען פאַרמאַכט, צי קיינער הערט זיך נישט אונטער.

נאָכן בענטשן, ווען עטל איז געווען פאַרנומען מיטן אויסשאָקלען די קרישקעס פון טישטעך און אַכטונג געגעבן גאָר שטאַרק אַז אַ קרישקעלע זאָל חלילה נישט פאַלן אויף דער פּאָדלאָגע, ווייל גאָטס ברויט טאָר זיך נישט וואַלגערן אויף הפקר, איז נחמן, מיט פּאַמעלעכע טריט, גלעטנדיק די באָרד אין דער לענג און אין דער ברייט, ציילנדיק מיט די אויגן די גרויע האָר, מיט אַ שמייכל איבער די וואָנצעס, אַריינגעגאַנגען צו צירלען אין חדר אַריין און מיט איר פאַרפירט אַ שמועס, האָט פּרובירט צו דערגיין וואָס דאָס קינד טראָגט אונטער דעם לב, וואָס איר דערגייט נישט אין לעבן, און פאַרוואָס זי איז דאָס אַזוי פאַראומערט. ראשית האָט דער טאַטע נחמן געוואָלט אויסגעפינען צי דאָס אַלץ, וואָס עטל דערציילט אים איז טאַקע אמת, מאַלע וואָס אַ יידענע קען דערציילן, כאָטש ער אַליין האָט שוין נישט איינמאָל באַמערקט ווי צירל איז עפּעס נישט מיט אַלעמען, ווי זי זונדערט זיך אָפּ פון מענטשן, אָבער ער האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף דעם. מאַלע וואָס עס טרעפט זיך מיט אַ מענטשן. אָבער, אַז עטל האָט אין אים געהאַלטן אין איין אַריינריידן, איז עס אים אַריין אין קאָפּ און האָט זיך אויך אָנגעהויבן צו שרעקן.

— צירעלע, וואָס עפּעס האָסטו היינט אַזוי פרי אָפּגעגעסן און נישט געוואַרט אויפן טאַטן, ביסטו חלילה נישט געזונט, דערגייט דיר עפּעס, פיל־סטו חלילה עפּעס אַ חולאת, זאָג דעם טאַטן, מיר מעגסטו אַלץ דערציילן וואָס דיך דריקט, ווייטער פון אונדז וועט עס נישט גיין, פאַר דיין טאַטן זאָלסטו זיך נישט קרעמפּירן, דערצייל אַלץ. רעדנדיק אַזוי מיט צערטלעכע ווערטער צו צירלען, האָט נחמן דורכגעדרונגען מיט זיינע אויגן אַלע צירלס

באַוועגונגען, ווי ער וואָלט וועלן אַריינגיין צו איר אין האַרץ אַריין און דאָרט זיך דערגרונטעוועז צו די מקורות פון צירלס אומעט.

— צירעלע, איך וויל מיט דיר, מיין קינד, אַריינגיין צום רופא, איך וועל מאָרגן, מען זאָל דערלעבן, נישט גיין אין דער גאַרבאַרניע, אַ כפרה די גאַנצע סחורה פאַר דיין איין נאָגל. און אויב מיין קינד דו שעמסט זיך אפשר צו גיין דאָ צו אַ דאָקטער, מענטשן זאָלן נישט ווייסן, טאָ זאָג מיר, וועל איך הייסן שפּאַנען פערד און וואָגן און מיר וועלן פאָרן אין אַ צוויי־טער שטאָט אַריין, איך וועל נישט קאַרגן קיין געלט פאַר דאָקטוירים, דער רבונו של עולם אַליין הייסט נישט קאַרגן אויף קיין רופא און אויף קיין רפואות, פאַרויס גאָט דערנאָך די רופאים העלפן אַ מענטשן איבערקומען די חולאתן. זיכער קומט אַ צייט פאַר יעדן מענטשן, ווען קיין שום דאָקטער און קיין שום רפואה העלפט נישט, דאָס איז דאַן, ווען דער אייבערשטער האָלט, אַז עס איז פאַרן מענטשן געקומען שוין די צייט נסתלק צו ווערן פון דער זינדיקער וועלט. אָבער דו, מיין קינד, צירעלע קרוין! ביסט דאָך נאָך יונג, דאָס גאַנצע לעבן שטייט דיר נאָך פאָר. דו האָסט זיך נישט וואָס צו שרעקן. גאָט וועט דיר העלפן.

— צירעלע! די מאַמע דערציילט מיר, זי פאַרקלאָגט זיך חלילה נישט אויף דיר, ניין! זי דערציילט מיר נאָר, אַז דו ווילסט נישט קיין קליידער, נישט קיין בייע שיך, וואָס איז מיט דיר געשען? עפּעס ביסטו אַ רעטעניש אין שטוב, אַן אויסנאַם פון אַלע דיינע שוועסטער און ברידער. זיי האָבן נישט געלאָזט לעבן, כאָטש גיי זיי אַלע מאַנטיק און דאָנערשטיק און קויף זיי נייע בגדים און נייע שיך, און דו ביסט גאָר אַן אויסנאַם, דו דאַרפסט עס טאַקע גאָר נישט, ווילסט גאָר נישט, ווי געשיקט זיך עס אַזאַ זאַך, זשאַ־לעוועסט עס טאַקע מיין געלט? ניין, מיין קינד, דיין פאַרהאַלטן זיך פאַר־שאַפט דער מאַמען און דעם טאַטן עגמת נפש, און דו ווילסט דאָך זיכער נישט אָנטאָן טאַטע־מאַמען קיין צער. דערצייל, דערצייל מיר צירעלע, לאָ־מיר ווייסן וואָס דיר איז, דאַן וועל איך זען מיט וואָס נאָר איך קען דיר העלפן. קיין געלט וועט דיין טאַטע נישט קאַרגן אויף דיר צו העלפן, וואָרום צו וואָס דאַרף איך געלט? דיינע שוועסטער און ברידער זענען שוין ברוך השם פאַרזאָרגט, זיי זענען שוין אַראָפּ פון קעסט, זיי פירן שוין אייגענע געשעפטן, און עס פעלט זיי דאַנקען גאָט גאָר נישט, זאָל זיי גאָט געבן

ווייטער זיינע ברכות פון שפע. דו, צירעלע, ביסט איצט מיין איינציק קינד אין שטוב, מען דאַרף שוין טראַכטן אויך פאַר דיר, מיין קינד, אַ שידוך הגון, עפּעס אַ תכלית. די יאָרן שטייען נישט אויף איין אָרט. איך האָף צו גאָט, אַז ער וועט דיר צושיקן בקרוב דיין באַשערטן, וועסט אויך גיין אויפן ריכטיקן וועג. וועסט בעזרת השם חתונה האָבן און אַליין זיין אַ באַ-לעבאָסטע פאַר זיך, מיט אַן אייגענע שטוב, מיט אייגענע קינדערלעך, וואָס וועלן ביים זיידן רייסן די האָר פון באָרד, ווי עס טוען די אַנדערע אייניק-לעך, אַז געזונט זאָלן זיי זיין; חנוכה וועלן זיי בעטן חנוכה-געלט און פורים שלח-מנות, און ביי די סדרים אויסלייז-געלט פאַרן אויסבאַהאַלטן דעם אַפּי-קומן. אַזוי צירעלע גייט די וועלט, דאָס איז דער גלגל העולם, מען קען און מען באַדאַרף גאָר נישט דרייען אויף צוריק די ראָד פון דער וועלט. וואָס איז דיר, צירעלע מיין קינד, וואָס איז דער מער מיט דיר?

— טאַטע, עס איז מיר גאָר נישט. איך פיל נישט קיין שום ווייטיקן חלילה. אַלץ איז ביי מיר אין בעסטן אָרדענונג. איך האָב זיך נישט אויף וואָס צו פאַרקלאָגן; די מאַמע איז גוט צו מיר, זי זשאַלעוועט מיר קיין זאַך נישט, זי וואָלט מיר די קרוין אַנגעטאָן אויף מיין קאָפּ. איך האָב חלילה צו איר גאָרנישט. עס איז מיר סתם עפּעס אומעטיק אויפן האַרצן, טאַטע! ווי איך וואָלט געפילט דעם עולם השקר. אין לעבן איז עפּעס נישט אַזוי ווי אין דער תורה ווערט געשריבן. מענטשן פירן זיך אויף לגמרי אַנדערש ווי דו, טאַטע, און ווי די מאַמע האָט מיר געלערנט. דוכט זיך אַלע האָבן געלערנט דעם זעלבן אלף-בית, אָבער אין לעבן זע איך ווי אַ סך מענטשן פאַרטוישן דעם אַלף פון אמת, אויף דעם שין פון שקר. מיטן מויל זאָגט מען איין זאַך און מיטן האַרצן מיינט מען גאָר אַ צווייטע זאַך. דאָס, טאַטע, מאַכט מיר אומצופרידן, פרעסט מיין געמיט, און האַלט מיר פאַראומערט. עס ווילט זיך מיר זיין אָפּגעזונדערט פון מענטשן, לעבן אַליין, אַ לעבן פון אַ פּרוש. ערשט איצט פאַרשטיי איך די פּרושים; אַז מען לעבט אַליין טאַטע, איז די נשמה טאַקע ריין, דאַן דאַרף מען נישט קיין נייע קליידער, קיין נייע שיך, קיין נייע מאַנטלען. עס ווילט זיך נישט אויפרייסן די אויגן פון מענטשן, וואָס פרעסן אויף פון קנאה, עס ווילט זיך נישט ליגן אין מענטשלעכע מיילער, איך וויל נישט, טאַטע, אַז עמיצער זאָל מיר קייען

און דערנאָך אויסשפּייען. עס ווילט זיך זיין אָפּגעזונדערט, זיין אַליין און מיט קיינעם נישט האָבן צו טון.

צירעלעס ווערטער האָבן נחמנען שטאַרק איבערגעשראָקן, כאָטש אַלץ וואָס זי האָט געזאָגט איז געווען אין אַ גרויסער מאָס ריכטיק. ווערטער ווי פּערל. אָבער נחמן, דער טאַטע, האָט זיך פאַר זיי געשראָקן. נישט די ווערטער האָבן אים אַריינגעוואָרפן אין אַ פּחד, נאָר דאָס וואָס צירל, זיין קינד, וואָס דאַרף זיך גרייטן צו אַ לעבן, טראָגט זיך גאָר אַרום מיט אַזעלכע רעיונות. נחמן איז בלייך געוואָרן פון צירלס רייד, ער האָט געפילט ווי אַ קאַלטער שוויס באַדעקט זיין גאַנצן קערפּער, ווי אַ שווינדל גייט פאַרביי זיינע אויגן, אַלע גלידער זענען ביי אים ווי פאַרשטיינערט געוואָרן, עס האָט אים אָנגעהויבן צו וואַרפן פון היץ אין קעלט און פון קעלט אין היץ. נישט אַנדערש ווי עמיצער האָט אָפּגענאַרט זיין קינד, און פון דעם שטאַמט די אַנטוישונג און דער פּחד ביי צירעלען. זי האָט דעם ערשטן קלאַפּ געקראָגן פון עמיצן און דאָס האָט אויף איר אַרויפגעוואָרפן אַזאַ שטימונג, אַזאַ אָפּהענטיקייט, אַ רעזיגנאַציע. נחמן האָט געזען, אַז צירל דאַרף נישט קיין רופא גוף, נאָר אַ רופא נפש.

נחמן האָט געהייסן שפּאַנען פערד און וואָגן און כעלות הבוקר אַוועקגעפאָרן מיט צירלען צו אַ נשמה היילער. איז אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן, האָט אַפילו עטלען נישט דערציילט, האָט נישט געוואָלט מצער זיין דער מאַמען. נחמן האָט געוווּסט, אַז אַ נשמה קראַנקייט איז אַ סך געפערלעכער פון אַ גוף קראַנקייט, הײַנט צו וואָס דערציילן דער מאַמען, אַז מען קען קאַרגן עגמת נפש באַדאַרף מען זען ווי ווייט מעגלעך צו שפּאָרן.

ווען נחמן איז געשטאַנען מיט זיין טאָכטער פאַרן רופא נשמה און ער האָט געהערט די ווערטער, וואָס ער האָט גערעדט צו צירלען, האָט ער געפילט ווי די ווערטער זענען מבטל אַ גזרה, ווי זיי דרינגען אַריין אין האַרצן פון זיין קינד ווי פלאַקערדיק פייער דרינגט דורך אַלע קעמערלעך פון צירלס צעגליטער נשמה. דער רופא נשמה האָט איינגעטענהט מיט צירלען, אַז אַ מענטש דאַרף טראָגן גאָטספאָרכטיקייט אין האַרצן און פאַר קיין אַנדער זאַך זיך נישט שרעקן. יעדער מענטש פאַרמאָגט אין זיך אַ ניצוץ פון געטלעכקייט, מען דאַרף נאָר קענען דעם ניצוץ פונאַנדערבלאָזן אַזוי שטאַרק, אַז עס זאָל אַרומנעמען דעם גאַנצן מענטש. מען טאָר נישט דער־

לאָזן, אַז די געטלעכע פונקען אין מענטשן זאָלן אָפּגעקילט און אויסגעלאָשן ווערן, מען דאַרף זיי פונאַנדערפלאַקערן און פונאַנדערגליִען. דערפאַר האָט יעדער מענטש אַ מיסיע אין לעבן, אַ דאָפּלטע מיסיע מיטן געטלעכן צו דערגרייכן דעם מענטש, און מיטן מענטשלעכן צו דערגרייכן גאָט. קיין מענטש טאָר זיך נישט אָפּזונדערן פון צווייטן, נאָר פאַרקערט זיך האַלטן צוזאַמען און געמיינזאַם דערפילן די שליחות.

צירל איז געוואָרן אַן אַנדער מענטש, די מרה שחורה איז פון איר פאַרשוווּנדן. דאָס פּנים האָט זיך ביי איר אויסגעלייטערט, אַנשטאָט בלייענע וואָלקנס האָבן זיך באַוויזן זונען־שטראַלן וואָס האָבן באַלויכטן איר שיינקייט און געוואָרעמט איר געמיט.

דעם וועג צוריק איז נחמן געזעסן אין וואָגן און נאָכגעטראַכט איבער די ווערטער פון רופא נפש, אים האָט אויך פאַרפאָלגט זיין ווייב עטל, ווי זי האָט מיט איר מוטערלעך האַרץ אַרויסגעפילט די סכנה ביי צירלען. אָך! — האָט פון אים אַרויסגעשריִען אַ קרעכץ — ווען נישט עטל, ווען נישט איר אַלאַרם, ווער ווייסט, איין גאָט אין הימל ווייסט, צי מען וואָלט חלילה נישט פאַרשפּעטיקט.

נחמן האָט דרך־ארץ באַקומען פאַר עטלען. אַ מאַמען איז נישט אָוועק־צומאַכן מיט דער האַנט — האָט ער ביי זיך געטראַכט. — אַ מאַמע האָט די שוועריקייטן פון טראָגן, די יסורים פון האָבן, און דעם צער פון האָדע־וועז, אַ וווּנדער, וואָס אַ מאַמע איז אַזוי צאַפּלדיק איבער איר קינד?

אין אַ ווינטער־נאַכט, ווען די לבנה האָט מיט איין אויג אַרויסגעקוקט פון צווישן צוויי שעפּסענע וואָלקנדלעך און די שטערן האָבן זיך פינקלדיק געשפּיגלט אין ווייסן שניי, האָבן עטל און נחמן צוזאַמען מיט זייער גאַנצן הויזגעזינד געפירט צירלען צו דער חופה און מיט טרערן פון פרייד איר אַרויסבאַגלייט צו אַ ניי לעבן.

צביה, די חענדלעריז

צוויי־ערליי פרנסות האָט געהאַט צביה: איינע אין די וואָכן־טעג און איינע אום שבת. אין־דער־וואָכנס, אין די מאַרק־טעג: מאָנטיק, מיטוואָך און פרייטיק, האָט זי געהאַנדלט מיט טיכלעך. אום שבת האָט זי געגעבן אויף באָרג. זי האָט געגעבן סאָדע־וואַסער, געזאָטענע צוקער־באָבעס און אַרבעס, פלעשלעך קוואַס און נאַשוואַרג פאַר קינדער, ווי: קאַרמעלקעס, איריסלעך, געטרוקנטע מאָנדלעך, לאַנדערינקעס, מאַרמעלאַדקעס, זיסע און זויערע צו־קערלעך און כאַלווע.

אין די מאַרק־טעג איז צביה געשטאַנען מיט אַ טישל לעבן חיים בנימינס סטראַגאַן פון פאַרב. אויפן טישל זענען געווען אויסגעלייגט פאַר־שידענע טיכלעך, דערעס און פאַטשיילעס. די טיכלעך זענען געווען גע־מאַכט פון לייוונט, אָדער פון ציץ. די דערעס און פאַטשיילעס זענען געווען פון באַיע אָדער וואָל. די באַיענע האָבן געהערט צום ביליקערן סאָרט און די וואָלענע צום טייערן.

די טיכלעך זענען געווען ווייסע, פון אַ גלאַטן שטאָף געמאַכט און קאָלירטע, מיט אַרויפגעשפריצטע פאַרבן און מיט פאַרשידענע פיגורן: בלו־מען, בלימעלעך און צייכענונגען.

מיט אַ הייזעריק קול האָט צביה אויסגערופן איר סחורה און גערופן די קונים. אָט האָט זי אויסגערופן רויטע טיכלעך מיט שוואַרצע מאָן־פינטעלעך אינמיטן און אַ שוואַרצן שלאַק ביי די ברעגעס, גלאַט פאַרזוימט. אַז קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן האָט זי אויסגערופן אַ גרויען קאָליר טיכל, מיט שוואַרץ־גרויע קעסטעלעך אינמיטן. אַ הימל־קאָליר מיט געשטרייפטע פאַסן ביי די זייטן. אַ האָניק־קאָליר, מיט ווייסע שטערנדלעך און האַלבע לבנות ביים שלאַק. שוואַרצע טיכלעך מיט ווייַן־רויטע פאַסן, טיכלעך פון אַ גראָז־

גרינעם קאָליר, מיט ברוינע זומער־פייגעלעך געשפּריצט ביי די זייטן, ברוינע טיכלעך מיט פאַרב־שפּריצן פון גרינע בלעטער ביי די ברעגעס, פון שטשאַור־קאָליר מיט שוואַרץ־גרויע שלאַקן ביי די זייטן, העל־בלויע טיכלעך מיט ווייסע און רויטע פיגורן אינמיטן, באָרדאָ־טיכלעך מיט העל־גראַנאַטענע שלאַקן, טיכלעך פון מאַראַנצן־קאָליר מיט גרינעם גראָשיק געשפּריצט, ווייסע טיכלעך מיט רויטע ווינשל ביי די שפּיצן, געלע טיכלעך מיט גרינע בלעטלעך ביי די שלאַקן, פון ציטרין־קאָליר טיכלעך מיט ברוינע קאָכלעכלעך געפאַרבט, ליליען־קאָליר טיכלעך מיט שלאַקן פון גרויע פינטעלעך און טיכלעך פון נאָך פאַרשידענע אַנדערע פאַרבן.

די דערעס און פאַטשיילעס זענען על פּי רוב געווען געמאַכט פון דריי קאָלירן: גרוי ברוין און שוואַרץ, מיט קראַטן ביי די זייטן און אַראָפּגעהאַנגענע פראַנדזן.

שעפּסעלע כינטשיק, דער שפּיליטער, פלעגט עס ברענגען די טיכלעך, דערעס און פאַטשיילעס פון דער גרויסער פאַבריק־שטאָט און זיי פאַרקויפן צו די קראָמען און צו טישל־שטייערס. די געשעפטן האָבן באַקומען אַ גרעסערן אויסוואַל פון קאָלירן. זיי האָבן זיך געקענט אויסקלייבן די סחורה, וואָס זיי איז געפעלן. די טישל־שטייערס, דאַקעגן, האָבן גענומען, וואָס שעפּסעלע כינטשיק האָט זיי אַריינגעוואָרפן. דאָס וואָס די קרעמער האָבן אויסגעבראַקירט און באַטראַכט פאַר אַ געמיינערן און ביליקערן סאָרט, וואָס איז נישט געווען אַזוי לייכט צו פאַרקויפן, — האָבן געמוזט נעמען די טישל־שטייערס.

די פּויערטעס פון די דערפער האָבן פון קינדווייז אויף געטראָגן טיכלעך אויף די קעפּ. טיכלעך אין שטוב, טיכלעך אין פעלד ביי דער אַרבעט און טיכלעך צו גיין אין קלויסטער און אין טיכלעך זענען זיי געגאַנגען צו חתונות און פאַרווייליונגען.

צביה און איר מאַן מאָניש זענען געווען די צושטעלער פון די טיכלעך. מאָניש האָט זיי געטראָגן אין אַ זאַק אויף די פּלייצעס איבער די דערפער, דירעקט צו די פּויערים אין די הייזער אַריין און צביה האָט זיי פאַרקויפט אין שטאָט אויף איר טישל אין די מאַרק־טעג. ביידע, מאָניש און צביה, זענען אַ גאַנצן טאָג געווען אונטערן פרייען הימל, אין רעגן און

אין שניי, אין זון און אין פראָסט. מאָניש איז געגאַנגען פון שטוב צו שטוב און צביה איז געשטאַנען ביי איר טישל.

צביה האָט אַ גאַנצע וואָך נישט גערוט, איז געווען פאַרהאָרעוועט. אין דער פרי אַרויסגעשלעפּט די טיכלעך און פאַרנאַכט אַריינגעטראָגן די טיכלעך. ביינאַכט געגאַנגען צו שעפּסעלע כינטשיק און שעהן־לאַנג געוואַרט ביז ער האָט איר צוגעוואָרפן אַ ביסל בראַקאָוונע סחורה צו פאַרקויפן. צביה האָט אויך נישט געוווסט פון קיין רו אום שבת. פרייטיק צו נאַכטס, ווי גיך נאָר זי איז געקומען פון שול פון קבלת־שבת, איידער מאָניש האָט באַוויזן צו זאָגן שלום עליכם און צו מאַכן קידוש, איז מען שוין געקומען צו איר נאָך סאָדע־וואַסער און זיסוואַרג.

מאָנישן האָט עס נישט געשמעקט. אַ גאַנצע וואָך האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט איבער די דערפער, איז געשלאָפן אויף דער ערד אין שייער, אָדער אויף אַ בינטל שטרוי ביי אַ פּויער אויף דער פּאָדלאָגע, מיטן זאַק טיכער צוקאָפּנס און מיטן צעריסענעם כאַלאַטל צוגעדעקט. איז אָפּגעקומען מיט פאַרטריקנט ברויט און וואַסער, האָט אַמאָל אויסגעטרונקען אַ רויע איי, ווייל צוליב כשרות האָט ער עס נישט געוואָלט אָפּקאָכן אין אַ גויאישן טאָפּ, — האָט ער שבת געוואָלט אָפּעסן אַ לעפל געקעכץ פאַר אַ גאַנצע וואָך, דערפילן דעם שבתדיקן טעם און אַ ביסל אויסרוען די צעבראָכענע ביינער, דעם מידן קערפּער און אָפּגעשוואַכטע פיס פון אַרומשפּרייזן איבער די דערפער, פון איין דאָרף צום צווייטן און אין יעדן דאָרף, פון איין כאַלופּע צו דער אַנדערער, און דאָ האָט ער ביי זיך אין שטיבל אויך נישט געפונען קיין רו. אַ הוהאַ פון ווייבער מיט קינדער; דער קומט נאָך סאָדע־וואַסער — פייפט דער באַלאָן ביים שפּריצן; דאָ קאָרקעוועט מען אויף מיט אַ גרייצער אַ פלעשל קוואַס, פליט דער קאָרק צום באַלקן אַרויף און די שוים פון קוואַס לויפט איבער דער פּאָדלאָגע. דאָ וויינט אַ קינד, וואָס די מאַמע וויל עס נישט געבן נאָך אַ מאַרמעלאַדקעלע אָדער קאַראַמעלקע, צי גאָר אַ פּיצל כאַלווע. אין שטוב איז אַ יאַריד: צביה גיט און די קונים נעמען אויף באָרג. דערצו דאַרף מען געדענקען, וואָס יעדער האָט גענומען און דערנאָך פאַרבייגן אין ביכעלע די ציפערן אויף יעדנס נאָמען מען זאָל חלילה נישט פאַרגעסן. קיינער פון די נעמער וועט טאַקע נישט פאַרלאַנגען פון צביהן זי זאָל שענקען אַ גראָשן, אָדער חלילה זי קריוודען מיט אַ גראָשן, אָבער

אַ זכרון ביי אַ מענטשן איז דאָך אויך נישט אַלעמאָל אויף דער וואָך. עס פּאַסירט, אַז מען פאַרגעסט. איז דעריבער גלייכער, אַז אין ביכעלע פאַר־בייגט מען אַ ציפער אויף דעם בלעטל וווּ עס איז אָנגעצייכנט דער נאָמען פון נעמער.

אַז עס ווערט שטילער, ווען דער עולם גייט אַוועק מיט די גענומענע נאַשוואַרגן און געטראַנקען, זאָגט עס צביה אונטער מאָנישן ווער וואָס עס האָט גענומען. ער האַלט דאָס ביכל אין האַנט און פאַרבייגט די ציפערן לזכרון. אָפּטמאָל פּאַסירט, אַז אין מיטן נאַכט, ווען מאָניש איז אין האַרטן שלאָף, דערמאָנט אים צביה ווען זי האָט פאַרגעסן אָנצוקגעבן, ער זאָל זיך מאַכן אַ סימן אין ביכעלע. ליגנדיק אין בעט, האָט צביה געמאַכט אַ שפּאַציר איבער אַלע הייזער פון שטעטל און זיך באַמיט צו דערמאַנען ווער עס איז ביי איר אַלץ געווען אין שטוב און ווער וואָס עס האָט גענומען.

צביה האָט נישט געהאַט קיין האַרץ אויפצוּוועקן מאָנישן פון שלאָף. זי האָט אים תמיד שטאַרק באַדויערט, וואָס ער האַרעוועט אַזוי שווער אַ גאַנצע וואָך, פון זונטיק אין דער פרי ביז פרייטיק פאַרנאַכט. אָבער וואָס זאָל זי טון, אַז די פּרנסה פאַרלאַנגט. ווען צביה האָט זיך אין עמיצן דער־מאָנט פון אַ פּדיון, האָט זי גלייך מאָנישן נישט געוועקט, זי האָט אים נאָך געלאָזן שלאָפן. אַליין איז זי געלעגן מיט אָפענע אויגן און געהאַלטן אין זכרון דעם פּדיון און דעם מענטש. אָבער ווען איר איז אויך באַפאַלן אַ שלאָף פון גרויס מידקייט און זי האָט דערזען, אַז לענגער קען זי שוין נישט האַלטן די אויגן אָפן האָט זי שטילערהייט גערופן איר מאָנישן: מאָ־ניש! מאָניש! האָב נישט פאַראיבל וואָס איך רייס דיר איבער דעם שלאָף. נעם נישט פאַר אומגוט, מאָניש, וואָס איך וועק דיר. וואָס זאָל איך טון, אַז די פּרנסה... איי, האָט זי אַ קרעכץ געטון, די פּרנסה פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל דיר דערמאַנען אין פּדיון ביי זלמן דעם גאַרבערס קינדער. אָרנטלעכע קינדער, זיי וועלן חלילה נישט פאַרלייקענען, אָבער ס'איז בעסער, אַז עס איז דאָ אין ביכעלע. מאָניש! דו הערסט, מאָניש?! איך וועל דיר ברענגען דאָס ביכעלע צום בעט, דו זאָלסט נישט דאַרפן אַרונטערגיין, כל־זמן עס רויכערט נאָך דער לאָמפּ, דערנאָך וועט מען נישט זען און מאָרגן קען איך נאָך פאַרגעסן. מאָניש! מאָניש! — האָט צביה גערופן שטיל. מאָניש האָט נישט געהערט און זיך ווייטער געשלאָפן אין זיין זיסן שלאָף. קיין האַרץ

צו רעדן העכער האָט צביה נישט געהאַט. זי האָט אים נישט געוואָלט אי־בערוועקן. האָט זי אַזוי לאַנג שטילערהייט גערופן „מאָניש", ביז זי איז אַליין אַנדרימלט געוואָרן און פון גרויס מידקייט געכראָפּעט הויך מיט די נאָז־לעכער און מיטן אָפענעם מויל. מאָניש, אַז ער האָט דערהערט אין שלאָף ווי צביה כראָפּעט, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און גערופן צביהן זי זאָל נישט רעדן פון שלאָף, זי זאָל נישט כראָפּען, וואָרים דאָס שוואַכט אָפּ דאָס האַרץ. דער סוף איז געווען, אַז ביידע האָבן זיך אויפגעכאַפּט. דער ערשטער שלאָף איז אַריבער און מען איז שוין מער נישט איינגעשלאָפן. דאָס לעמפּל האָט שוין געהאַט אויסגערייכערט דאָס ביסל קעראָסין, צו פאַרבייגן אַ ציפּער האָט מען שוין נישט געזען, זענען מאָניש און צביה געלעגן אין זייערע בעטן און צווישן זיך גערעדט. מען האָט אַריבערגערעדט איבער די בעטן־ווענטלעך. מאָניש האָט דערציילט צביהן פון זיינע נישט אום־שבת־רעדנ־דיקע „גליקן" און צביה האָט דערציילט פון אירע „גליקן" פון אַ גאַנ־צער וואָך.

ווען האָט דען צביה מיט איר מאָנישן זיך געקענט אַ ביסל דורכרעדן, אַז זונטיק באַגינען, כעלות הבוקר האָט מאָניש אין שטוב געדאַוונט ביחידות, האָט דערוואָרעמט דאָס האַרץ מיט אַ ביסל שוואַרצע ציקאָריע, גענומען דעם זאַק אויף די פּלייצעס, האָט אַ קוש געטון די מזוזה און מיטן שטעקן אין האַנט אַרויסגעגאַנגען פון שטוב אין די דערפער אַריין. געקומען איז ער פרייטיק פאַרנאַכט אַהיים, קוים באַוויזן אין מקווה צו גיין, אויסצוטאָן פון זיך די וואָכעדיקייט און איבערצוטאָן אַ העמד לכבוד שבת. שבת ווי־דער זענען געקומען די שכנים און פון גאַנצן שטעטל נעמען ביי צביהן אויף באָרג זיסוואַרג און נאַשוואַרג. היינט, ווען האָט מאַן און ווייב געהאַט צייט צו רעדן? וועגן וואָס צו רעדן האָט נישט געפעלט. ראשית, וועגן דער אייגענער לאַגע, וועגן חובות וואָס מען האָט געדאַרפט צאָלן און עס איז נישטאָ פון וואָס און ועל כולם, וועגן די קינדער, צוויי מיידלעך, וואָס האָבן שוין פון לאַנג געמעגט הערן שפּילן און דער זיווג האָט זיך פאַרשפּעטיקט, ווי ער וואָלט ערגעץ געבלאָנדזשעט, געגאַנגען און נאָך נישט דערגאַנגען. ביידע מיידלעך דינען טאַקע ביי רייכע באַלעבאָסטעס, עס פעלט זיי דאָרט חלילה גאָרנישט, אָבער וואָס איז דער תכלית. דאָס ביסל חיות גייט דאָך אויס. ווו נעמט מען פאַר זיי חתנים און צו די חתנים ווו נעמט מען אויף

אויסשטייער. אַז צביה האָט גערעדט וועגן דעם גורל פון אירע בײדע מיידלעך, האָט זי דאָס קישן נאָס געמאַכט פון טרערן. דערנאָך האָט צביה דערציילט מאַנישן פון זייער איצעלען, וואָס האָט געלערנט אין אַ שכנותדיק שטעטל אין אַ ישיבה. מאיר־יונהס דער בעל־עגלה האָט געבראַנגט אַ בריוול פון איצעלען, אין וועלכן ער שרייבט, אַז עס פעלן אים אויס צוויי טעג אין דער וואָך צום עסן. די שטיוול נעצן אונטער און ער האָט נישט פאַר וואָס צו מאַכן אַ פּאָר נייע האַלבע זוילן. און די נייעס, אַז שעפּסעלע כינטשיק האָט איר געזאָגט, אַז אויב זי וועט נישט דעקן דעם חוב, וואָס שטייט שוין זינט שבת נחמו, וועט ער איר מער נישט געבן קיין טיכלעך צום האַנדל. איי, האָט צביה אַ קרעכץ געגעבן, זיך פאַרכליניעט מיט אַ טרער, מאַניש האָט געענטפערט מיט אַ קרעכץ און אַזוי איז די נאַכט אַריבער, דער שבת־דיקער פרימאָרגן האָט אָנגעהויבן זיך דורכצורייסן דורך די לאָדנס, מאַניש איז אַרונטער פון געלעגער האָט אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער און זיך געגרייט גיין אין בית־מדרש אַריין. אויך צביה האָט זיך געגרייט צום ערשטן מנין אין שול אַריין. די שול און דער בית־מדרש און דער הייליקער שבת האָבן ביי צביהן און ביי מאַנישן אַוועקגענומען דעם קרעכץ און זייערע געמיטער אָנגעפילט מיט בטחון.

חנה־אסתר, די טיקערין

קולות, מענטשלעכע האַרץ־געשרייען האָבן אין בלויען פרימאָרגן אָנגעזאָגט דעם שטעטל, אַז חנה־אסתר די טיקערין איז פאַרביי. דער טאָג האָט זיך נאָך נישט געהאַט געשטעלט, האָט ערשט אָנגעהויבן אַרויסצוקריכן פון דער פינצטערניש פון דער נאַכט. דאָ און דאָרט האָט זיך נאָך דורך די לאָדנס דורכגעלויכטן דאָס פייער פון אַ נאַפט־לעמפל אָדער חלבן ליכטל, וואָס עמעצער האָט אָנגעצונדן ביים בעט, בכדי צו זען ווי אָפצוגיסן נעגל־וואַסער, די האָרעפאַשניקעס האָבן זיך געאיילט אין בית־המדרש אַריין צום ערשטן מנין, זענען שנעל פאַרבייגעלאָפן די ענגע, שמאָלע, זאַמדיקע געסלעך און אויף קיינעם זיך נישט אומגעקוקט. ביי בראָכע זישעס האָט שוין גערויכערט דער אויוון און דורכן דימניק אַרויסגעשיקט די ערשטע קנוילן רויך, צוזאַמען מיט פונקען פייער פון צעברענטן בעריאָזעווען האָלץ פון איר באַק־אויוון. הערש־לייזער פון דער גאַר־קיך איז מיט מאַטעס־לייבן געגאַנגען אין מרחץ אַריין, הערש־יאָסל האָט געשפאַנט זיין גניאַדען פערד אין דער בריטשקע אַריין און זיך געאיילט אַרויסצופאָרן דער ערשטער אויפן מאַרק און זיין גרייט אויפצוכאַפן די ערשטע פאַסאַזשירן וואָס פאָרן צו דער קאָליע. העניע־שלומקעס האָט פון ברוך מוליערס קעלער אָנגעהויבן אַרויסצוטראָגן די ערשטע קאָשיקעס מיט פאַרשידענע גרינוואַרג און אויבסט אין מאַרק אַריין. ביי הינדען אין דער טשאַיניע זענען געזעסן דאָרפסלייט, וואָס האָבן זייערע פראָדוקטן געברענגט אין מאַרק אַריין צום פאַרקויפן און צוגעביסן פיידעס ברויט מיט סלאָנינע, באַשמירט און פאַרטרונקען מיט הייסע וואַסער צו דערוואַרעמען די קישקעס. ביסלעכווייז צוזאַמען מיטן אויפמאַרש פון פרימאָרגן האָט זיך דאָס שטעטל ראַזטשוכעט און אַרויס פון שלאָף.

די ידיעה, אַז חנה־אסתר, די טיקערין איז פאַרביי האָט זיך בליץ־שנעל

פאַרשפּרייט איבערן שטאָט, פון איין עק ביזן אַנדערן און האָט אַרויסגערופן אומעט און טרויער אין אַלעמענס הערצער. מענטשן האָבן זייערע אויגן געהאַלטן אַרונטערגעלאָזן, אנשטאט צו קוקן צום ליכטיקן הימל וואָס עס האָט מיט זיך געבראַכט דער בלויער פרימאָרגן האָבן זיי געקוקט צו דער טונקעלער ערד אַראָפּ. אויף אַזאַ אומעטיקער בשורה האָט זיך קיינער נישט געריכט. פאַרן שלאָפן־גיין, אין דער זעלבער נאַכט, האָט נאָך חנה־אסתר גערעדט מיט די שכנטעס, האָט דערציילט פון אירע מעשות, אמת, זי האָט געהאַלטן אַ וואַרעם שטערצל אונטערן פאַרטעך, עפּעס האָט זי זיך געקרימט, אַז זי האָט קרעמפן אין מאָגן, נו, האָט עמעצער דען געלייגט אַכט אויף דעם, מאַלע וואָס מען האָט קרעמפן, איז דאָס דען דאָס ערשטע מאָל ביי חנה־אסתרן? אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק און אַפילו נאָך אַפּטער איז חנה־אסתר געשטאַנען, זיך געקאָרטשעט אין דרייען און געהאַלטן אַ הייס שטערצל אונטערן פאַרטעך.

אויף דער קאָזע־גאַס, ביי הערש־יאָקלען אין הויז, וואָס איז געווען אַרומגעצוימט מיט אַ פּאַרקאַן, וואָס האָט לענגאויס דעם באַרג אַראָפּ געפירט צו משה מאַלקעס שטוב, און צו הערשל אַבישעס תבואה־שפּייכלער, — איז פול געווען מיט מענטשן. זיי זענען אַריין און אַרויס פון שטוב, פון חנה־אסתרס דירה, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ חדר מיט אַן אַלקער. אין פירהויז איז געשטאַנען אַ הילצערנער עמער מיט וואַסער און אַ קוואַרטל דערנעבן אויף אָפּצוגיסן די שפּיצן פינגער. אויף דער ליימענער קיך, וואָס איז געשטאַנען מיטן רוקן צום פענצטער זענען אויף די פייערקעס געשטאַנען צווי קעסלען וואַסער און זיך געקאָכט, גרייט פאַר דער טהרה. אין אַ ווינקל זענען געזעסן: חנה מאכלעס און די גרויסע מלכה און האָבן צורעכט־געמאַכט און אויסגעגליכן די אייביקע מלבושים וואָס חנה־אסתר האָט זיך שוין פון לאַנג געהאַט צוגעגרייט און זיי געהאַלטן צוקאָפּנס פון איר געלעגער.

ראובן און בונם, יעקב־משה און ישראל־לייזער, הענעך־דוד און בערל־וועלוול, יצחק־אייזיק און הערש־נחום, שרגא־פייוול און געצל; אַ מנין זין פון חנה־אסתרן זענען געשטאַנען נעבן דער מאַמען און ביים פלאָם פון די ברענענדיקע ליכט אויפן קול געזאָגט תהילים, נאָכגעזאָגט מיט גרויס געוויין די פסוקים פון תהילים האָבן די טעכטער: בריינע־רחל און מאַטעל־לאה.

פאַר האַלבן טאָג, איידער די זון האָט זיך געשטעלט צוקאָפּנס, האָבן די

זין פון חנה־אסתרן אַרויסגעטראָגן דער מאַמען אויף דער מיטה און זי אָוועקגעטראָגן אויפן גוטן אָרט, ווו זי איז געבראַכט געוואָרן צו איר אייבי־קער רו. ביים אָפּענעם קבר האָט חנה־אסתרס אייגענער מנין געזאָגט קדיש און נאָכן צודעקן דעם קבר זענען די קינדער פון חנה־אסתרן און אויך די מלווים, מיט גרויס יראת־הכבוד, הינטערווײלעכץ, ווי מען גייט אָוועק פון ארון־קודש, מיט שטילע טריט אַרויסגעגאַנגען פון הייליקן אָרט.

דאָס גאַנצע שטעטל, קינד און קייט האָט באַגלייט חנה־אסתרן צו איר אייביקער רו. ווער האָט עס דען נישט געקענט חנה־אסתרן? אַ שם־דבר געווען נישט נאָר אין איר שטעטל, נאָר אויך אין דער גאַנצער געגנט, אין אַלע אַרומיקע שטעטלעך. וואָס האָבן געהאַט אייגענע חנה־אסתרס, האָט מען אָבער געהאַלטן אין איין רעדן און דערמאָנען חנה־אסתר די טיקערין, וואָס האָט געהאָלפן אַלע יידישע מאַמעס אָפּהיטן די דינים פון טבילה, פון מעיין טהור. טאָמער האָט אַ יידענע געדאַרפט אָנקומען צו שאלת חכם, ווי עס טרעפט זיך, האָט זי קודם־כל געפרעגט ביי חנה־אסתרן. ראשית האָט זי זיך שואל־עצה געווען מיט איר טיקערין און נאָכהער ערשט געגאַנגען צום רב. פריער האָט חנה־אסתר באַדאַרפט פּסקענען. די דינים פון מעיין־טהור האָט חנה־אסתר געקענט אויף אויסנווייניק. זי האָט אויך געקענט דאָס אינטימע לעבן פון יידישן שטעטל. אויף חנה־אסתרן פלעגן „לייכטע יידן" זאָגן, אַז אַלע שלאָף־אַלקערס אין שטעטל שטייען מיטן פּנים צו איר און דאַנקען איר פאַר העלפן אָפּהיטן די דינים פון טהרת־המשפחה. נישט אומזיסט האָט זי זוכה געווען צו אַן אייגענעם מנין קדישים, — פלעגן ווייבער רעדן אויף די פּריזבעס, האַלטנדיק די הענט אונטער די פאַרטעכער, נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט, בעת די מענער זענען נאָך געווען אין בית־המדרש צו מנחה־מעריב, און אויף זיי האָבן שוין געוואַרט געגרייטע טישן מיטן ביסל וואַרעמס אויף דער פּליטע. דער זכות פון טבילה און די אָפּגעהיטענע דינים פון מעיין־טהור זענען איר בייגעשטאַנען, און דערפאַר האָט זי מיט גאָטס רצון אויסגעהאָ־דעוועט זין און טעכטער ווי דעמבעס קיין עין־הרע. דער מדובר צווישן די ווייבער פלעגט אָנגיין ווייטער און זיי האָבן דערציילט, אַז יונגערהייט, זענען די קינדער טאַקע געווען נישט קיין גרויסע גיבורים, זיי זענען געווען גאָר שוואַכינקע נפשלעך, קוים וואָס די נשמה האָט זיך אין זיי געהאַלטן. דער טאַטע איטשע־מאיר איז אַליין געווען אַ שטאַרקער חלוש, איז אַרומגעגאַנגען

און האָט געפּאַכעט מיט דער נשמה. מענטשן האָבן אויף אים געזאָגט, אַז ער איז געווען אַ סוכאָטניק און דערפאַר האָט חנה־אסתר פון אים קיין עין־הרע אַזוי פיל געקינדלט. ווען חנה־אסתר האָט חתונה געהאַט מיט איטשע־מאירן איז ער שוין דאַן געווען אַ קראַנקער, מען האָט דערציילט, אַז אַשיעך־צייט, ווען ער איז נאָך געווען אַ יינגל, איז ער געגאַנגען זיך באָדן אין דער סאַדזעווקע פון שכנא דעם ציגעלניק, דאָרט זאָל ער זיך האָבן פאַרקילט און איינגעהאַנדלט בחינם די אמתע קרענק. חנה־אסתר האָט פון אים געבוירן 14 קינדער, מיט צוויי האָט זי געמפּילט. די ערשטע צוויי קינדער האָבן זיך, מען זאָל באַהיט און באַשירעמט ווערן, נישט געהאַלטן. צוויי מיידלעך זענען זיי געווען, און קיין עין־הרע, קיין בייז אויג, אויף אַלע פּוסטע וועלדער און אויף אַלע פּוסטע פעלדער; אַ טוץ קינדער האָבן זיך גאָט צו דאַנקען אויס־געהאָדעוועט. צען זין און צוויי טעכטער.

ווען איטשע־מאיר האָט אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם זענען די קינ־דער געווען קליין און שוואַך. וואָס פאַראַ קרענק האָבן זיי דען נישט דורכ־געמאַכט? קיין שום קראַנקייט האָט זיי נישט אויסגעמיטן: שקאַרלאַטין און מאָזלען, פּאָקן און טיפוס, ענגלישע קרענק און קייך־הוסט און וואָס נישט? און גאָט זיי דאַנק, זיי האָבן זיך אַלע אויסגעהאָדעוועט אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט געוואָרן, געזונט ווי וועלשערנע ניס, אַז קיין בייז אויג זאָל זיי נישט גרייכן.

קיין גרויס ווילטאָג האָבן די קינדער ביי חנה־אסתרן נישט געהאַט. מ׳שטיינס־געזאָגט, געבליבן אַן אלמנה מיט צוועלף פּיצלעך קינדער, איינס קלענער פאַרן צווייטן און דערצו אַן אַ פּרוטה ביי דער נשמה. אויך אין דער צייט, ווען איטשע־מאיר האָט געלעבט, האָט חנה־אסתר און די קינדער פון קיין גרויס רייכטום נישט געוווסט. דאָס שטיקל פּרנסה האָט ער געצויגן פון מאַכן לאָפּאַטעס צו די באַק־אויוונס, אריינצושאַרן און אויף אַרויסצו־נעמען דאָס ברויט און אַנדערע געבעקסן. היינט וויפל לאָפּאַטעס באַדאַרף עס האָבן אַ בעקער, און ווי אָפט בייט עס אַ בעקער די לאָפּאַטעס? דאַכט זיך שוין פאַרברענט, עס זענען שוין שטיקער קוילן און נישט קיין האָלץ, אָבער פּנדעסטוועגן, וועט אַ בעקער די לאָפּאַטעס נישט בייטן. עס דאַכט אים אויס אַז מיט די אויסגעברענטע לאָפּאַטעס איז מזלדיקער פאַרן ברויט, צו וואָס זאָל דאָס ברויט ווערן ווי גלאָוונעס, בעסער די לאָפּאַטעס. צווישן די ווייבער־

אויף דער פריזבע פלעגט שפרינצע די גענדזלערקע אויפכאַפּן און זאָגן: אדרבה, מאַכטס ווייבער אַ חשבון, וויפל לאַפּאַטעס ליבע די בעקערין קויפט עס איין דורכן יאָר? מיר דאַכט זיך, אַז זינט איך קויף ביי איר ברויט און דאָס איז שוין אַ קיימא־לן פון יאָרן, שטייט נאָך אַלץ אין ווינקל פון אויוון די זעלבע לאַפּאַטע. שפרינצע האָט גערעדט מיט אַזאַ אַטעם, אַז שוים האָט זיך ביי איר באַוויזן אַזש אין די ווינקלען פון די ליפּן, און זי האָט אַלע פּאָר מינוט באַדאַרפט אָנקומען צו אַ עק פאַרטעך אויף אַרומצווישן דעם שוים פון אירע ליפּן־ווינקלען. מילא, — האָט זי געזאָגט — האָט טאָקע חנה־אסתר מיט די קינדערלעך פאַר איטשע־מאירן געהאַלטן די ציינער אויף די פּאַליי־צעס, זיי האָבן אַ שטיקל ברויט אָנגעזען אַ מאָל אין אַ מיטוואָך, אַ סקאָרינקע ברויט איז געווען אַ חלום.

נאָך איטשע־מאירס טויט איז חנה־אסתר געוואָרן אַ טיקערין; איז גע־זעסן אין דעם ווייבערישן מרחץ און טובל געווען די ווייבער כדין. האָט גע־שוירן די נעגל, געשוירן די האָר, האָט אַכטונג געגעבן, עס זאָל חלילה נישט זיין קיין חציצה, בקיצור, זי האָט פון טמא געהאָלפן מאַכן טהור און מיט אַלע ברכות האָט זי אַרויסבאַגלייט די ווייבער פון מרחץ אַ היים, אין אַלקער אַריין. די ווייבער האָבן איר געגעבן עטלעכע גראָשן פאַר איר טירחה, קיין סך האָבן זיי איר נישט געגעבן, נישט געוואָלט איר באַצאָלן אין גאַנצן פאַר דער מצווה. האָט זיך געמאַכט אַ חתונה אין שטעטל, ווען די כלה האָט באַ־דאַרפט ערב דער חופה קומען אין מקווה אַריין, האָט זיך שוין חנה־אסתר מיט איר מתעסק געווען, האָט איר ראשית־כל אַרונטערגעשוירן די האָר און כשר געמאַכט לויט אַלע דינים. פון אַ כלה האָט חנה־אסתר באַקומען אַ פיינע באַלוינונג. זי האָט אויך מיט דער כלה איינגעחזרט אַלע דינים פון מעיין־טהור און אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל נישט זיך איילן מיט דער טבילה, נאָר אַלץ טאָן מיט ישוב־הדעת, שטאַרק אַכטונג געבן, אַז עס זאָל פון וואַסער קיין האָר נישט אַרויסשטאַרטשען. ווען זי מאַכט די ברכה, זאָל זי נישט אַריינקוקן אין וואַסער אַריין, נאָר קוקן אַרויס פון וואַסער און דערביי האַלטן די הענט אויפן האַרץ.

חנה־אסתר האָט אויך אויפגעצויגן ווינדעלעך און ווינקל־שנורן פאַר ניי־געבוירענע קינדער, איז געווען סאַרווערין אויף חתונות און בריתן, האָט געכשרט כלים אויף פסח, האָט אַרויסגעהאָלפן בעל־הביתטעס אויסצולופּ־

טערן די מלבושים און בעטגעוואַנט אין דער וואָך פון פסח, האָט געוועלגערט און געשטופּלט מצות, האָט איינגעלייגט בוראַקעס און ראַזשינקעס פאַר וויין אויף פסח, חנוכה־צייט האָט זי געפּרעגלט אין יידישע הייזער גענדזן־שמאַלץ אויף פסח און איינגעשטעלט די בוראַקעס אויף פסחדיקן ראָסל. פון די אַלע מלאכות האָט זי קוים, קוים צונויפגעשטיקעוועט אַן עק מיט אַ עק אויף צו קאָנען פאַרשטאָפּן די מײַלער ביי די קינדער מיט אַ פּאַסטנעם קאַרטאָפל אָדער מיט אַ רעפּטעלע אַלט־געבאַקן ברויט.

פון אַ שמחה, אַ חתונה אָדער אַ ברית, צי גאָר אַ תנאים פלעגט חנה־אסתר אַהיימברענגען פאַר די קינדער אַ שטיקל לעקאַך, איינגעוויקלט אין אַ פאַטשיילעכל, אַמאָל אויך אַן איבערגעבליבן דרויבעלע, אַ שטיקל חלה און אַ ביסל נאַשוואַרג. פאַר די קינדער איז דאָס געווען אַ גאַנצער יום־טוב. די ייִנגלעך פלעגן גיין צו געווינעריִנס לייענען קריאת־שמע און דערפאַר באַקומען צוקערלעך מיט קאַראַמעלקעס, געזאָטענעם אַרבעס און געקאָכטן באָב. דאָס האָט אויך חנה־אסתרן געהאָלפן אָנצופילן די מעגעלעך ביי אירע קינדער. גאָט צו דאַנקען — פלעגט זי זאָגן, — וואָס גאָט פאַרלאָזט נישט און אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר איז פאַראַן אין שטעטל געווינעריִנס. חנה־אסתר האָט געהאַט וואָס צו טאָן און די קינדער האָבן געדלובעט די ציינער. יאָ הונגעריק, נישט הונגעריק, זאָט איז מען קיינמאָל נישט געווען. נאָר אַ דאַנק דעם ליבן נאָמען דערפאַר, עס קאָן דאָך חלילה נאָך ערגער זיין. אַ מענטש טאָר נישט זינדיקן, אַבי געזונט, דאַרף ער שוין דאַנקען דעם אויבערשטן.

דער קליינער יאַנקעלע דער פעלדשער האָט ביי חנה־אסתרן קיין געלט נישט גענומען פאַר היילן די קינדער; פון וועמען זאָל ער נעמען געלט, פון אַן אָרעמער אלמנה נעבעך, וואָס האָט נישט גענוג אויף דעם טאָג איבער־צולעבן? מער ווי מצוות האָט זי דאָך נישט. האָט ער טאַקע נישט איינמאָל אויך באַצאָלט דעם אַפּטייקער פאַר מאַכן אַ מאַשטש פאַר די קינדערס קעפּ־לעך, אָדער קעגן עפּעס אַן אויסשיט אויף דער הויט. ווינטער־צייט האָט ער אויך אין שטוב אַריין אַריינגעטראָגן אַביסל פיש־טראַן, קעגן דער ענגלישער קרענק, צו קרעפּטיקן די פיסלעך ביי די שוואַלבן און שטאַרקער מאַכן די קעפּלעך.

ווי גיך נאָר די מיידלעך זענען ביי חנה־אסתרן אונטערגעוואַקסן, האָבן זיי שוין אָנגעהויבן ביסלעכווייז צוצופּאַרדינען. די עלטערע האָט געהאָלפן

וואָשן די כלים און טרוקענען, וואָשןווינדעלעך, זיך שפּילן מיט קינדער. פאַרוויגן קינדער אין זייערע וויגעלעך, איינהייצן אַן אויוון, אונטערהייצן די פּליטע, צעבלאָזן אַ פּרעסאייזן און טאָן אַנדערע שטוב־זאַכן, וואָס נאָר אַ בעל־הביתטע האָט געהייסן. די ייִנגערע איז אַוועק אַרבעטן ביי חיה־לאה די שייטל־מאַכערקע, זי האָט איר גלייך געגעבן עסן און שלאָפן און צוגע־זאָגט אויף יום־טוב אויך צו קויפן אַ קליידעלע.

די זין, ווי גיך זיי זענען געוואָרן בר־מצוה, האָט זיי חנה־אסתר אָפּגע־געבן צו בעל־מלאכות אויף דער לער. איינער איז געגאַנגען זיך לערנען פאַר אַ פעלצן־מאַכער, דער צווייטער פאַר אַ קאַמאַשן־שטעפּער, דער דריטער פאַר אַ היטל־מאַכער, דער פערטער פאַר אַ שניידער, דער פינפטער פאַר אַ בלעכער, דער זעקסטער פאַר אַ רימער און דער זיבעטער פאַר אַן איינבינדער, דער אַכטער פאַר אַ שלאָסער, דער נײַנטער פאַר אַ בעקער און דעם צענטן פאַר אַ סטאָליער.

די ערשטע יאָרן זענען פאַר די זין געווען שווערע יאָרן, קיין מלאכה האָט מען זיי נאָך נישט געלערנט, זיי האָבן בלויז באַדאַרפט טאָן שטוב־זאַכן: ניאַנטשען קינדער און גיין אויף פאַרשידענע שליחותן, אונטערטראָגן די בעל־הביתטע די קאָשיקעס פון פיש־מאַרק און נאָך אַנדערע שטוב־אַרבעט, וואָס איז די ייִנגלעך נישט געווען שטאַרק צום האַרצן. ביי זייער אָרעמער מאַמען חנה־אסתר האָבן זיי אַזעלכע אַרבעטן נישט באַדאַרפט טאָן, די מאַמע האָט זיי גאָר קיין מאָל נישט פאַרגעלייגט. דערפאַר אָבער האָבן זיי געהאַט צו עסן צו דער זעט. פאַר פאַרשטאָפּן די מיילער האָט שוין חנה־אסתר נישט באַדאַרפט זאָרגן. איר זאָרג האָט זיך באַגרענעצט צו קאָנען צודעקן דאָס נאַקעטע לייב פון די קינדער, די זין אָנטאָן אַ פאָר הויזן אויפן גוף און די מיידלעך — אַ שטיקל קליידל. אַז חנה־אסתר האָט פון עמעצן באַקו־מען אַן אַלטן מלבוש, וואָס די מילבן האָבן נאָך איבערגעלאָזט געגוג פלייש אין געוואַנט אויף צו קאָנען אויסשערן אויף אַ קליידעלע אָדער אויף אַ פאָר הייזלעך, האָט זי זיך אַליין אַנידערגעזעצט מיט אירע דראָטענע ברילן אויף דער נאָז. ברילן וואָס האָבן קיין גלעזער נישט געהאַט, נאָר בלויז די רעמלעך, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אויף די אויערן אויף באַוועלנע, אָדער פון פאָדעם־האַלטערס און געניײט. צעריסן, חלילה, האָט חנה־אסתר אירע

קינדער נישט געלאָזט גייִן, עס האָט געמעגט זיין אַ לאַטע אויף אַ לאַטע, אַבי גאַנץ און דערצו ריין, אויסגעוואַשן און אויסגעוועלגערט.

שפּעטער, ווען די קינדער האָבן אויך אָנגעהויבן צו פאַרדינען, און האָבן יעדע וואָך, אַלע פרייטיק אַהיימגעבראַכט זייערע שכירות, איז די מאַמע חנה־אסתר ווי אויפגעריכט געוואָרן. די קינדער האָבן איר אָפּגעגעבן זייערע פאַרדינסטן ביז אַ גראָשן און די מאַמע האָט באַלעבאַטעוועט. ביי חנה־אסתרן איז געוואָרן אַ שטוב מיט אַלע ייִדישע הייזער צוגלייך. די קיך האָט גע־קאָכט, עס איז נישט סתם אַזוי געשטאַנען אַ טעפּל מיט וואַסער אויף אַ פּייערקע, לפנים וועגן, מענטשן זאָלן נישט זען און באַמערקן דעם הונגער אין שטוב. נייַן, אין טעפּל האָבן זיך אויף רעכט צו אמת געקאָכט מאכלים, דער באַק־אויוון האָט געבאַקן אויף שבת. חנה־אסתר איז געוואָרן אַ גוטער קונה אין אַלע קראָמען, דער שניט־קרעמער האָט ביי איר געלייזט, דער קצב, די שפּייז־קרעמערקע און די פישערקע. חנה־אסתר האָט אויך באַקומען אַן אַנדער אויסזען. איר פּנים האָט אָנגעהויבן ווייזן גאָר אַן אַנדער קאָליר, דאָס געלקייט אויפן פּנים איז ווי פאַרשוואונדן, אַ רויטער בלוט־טראָפּן האָט זיך באַוויזן אויף אירע דאַרע שטשאָקעס. די אויגן האָבן ביי איר אָנגעהויבן פינקלען. עס האָבן זיך אין זיי אָנגעהויבן שפּיגלען סמנים פון לעבן, אַוועק דאָס אויסגעלאָשענע, דאָס טויטע, פאַרשוווּנדן דער אומעט פון זיי; די תמיד פאַרשטייפטע ליפּן זענען ווייכער געוואָרן און אויפן פּלאַץ פון זייער בלויען קאָליר האָט זיך צוריק אומגעקערט דער רויטער, געזונטער קאָליר. אַ ליבער שמייכל האָט זיך געטראָגן אויף זיי, ליפּן וואָס האָבן צו אַלעמען מיט אַזאַ סאַמעט־ווייכקייט געלאַכט און אָנגעזאָגט פרייד. דער שטערן האָט אויסגע־גלייכט די קנייטשן, די אַקסלען און די פּלייצעס זענען גלייכער, ווי שטאָל־צער געוואָרן, אַוועק ווי מיטן ווינט איז דער הויקער, אַוועק איז די איינגע־פאַלנקייט פון גוף און די געפאַלנקייט פון געמיט. חנה־אסתר איז געוואָרן די שטאָלצע מאַמע פון אירע קינדער, וועמען זי האָט דורכגעטראָגן דורך אַלע שטורעמס. פאַרויס גאָט און נאָכהער די קינדער זענען געוואָרן איר שטיץ־פּונקט פאַר שוץ און זיכערקייט.

נישט פאַרשטערט חלילה זאָל עס איר ווערן, פּו, פּו, — פּלעגן ווייבער, דריי מאָל אויסשפּייען, ווען זיי האָבן גערעדט צווישן זיך, שבת אין דער בעקעריי ביים אָפּנעמען דעם טשאָלנט אָדער אין די וואָכן־טעג ביי דער

סטרוגע, ווו מען האָט געגומען ווייכע וואַסער אויף טיי און אויף צוואָגן די קעפּלעך ביי די קינדער, אָדער גאָר אין מאַרק ווו מען איז געגאַנגען איינ־קויפן. זי האָט זיך געגוג אָנגעליטן אין איר לעבן, חנה־אסתר! די קינדער באַשיינען איר איצט דאָס לעבן. זיי שטאָלצירן מיט דער מאַמען ווי מיטן גרעסטן אבן־טוב. נישקשה, זיי מעגן טאַקע שטאָלצירן. איין קליינינקייט, נאָך אַזאַ מאַמע איז צו זוכן, און ווער ווייסט צו מען קאָן געפינען. וואָס האָט זי דען נישט געטאָן פאַר אירע קינדער, קיין זאַך איז איר נישט געווען שווער. זי האָט זיך קיינמאָל נישט באַקלאָגט, אַז איר זאָל זיין שווער. וואָס איז זי דען פון אַ שטיין געבוירן? איי, האָט זי געשטאַמט פון אַ משפּחה, לויטער גוטע יידן, סופרים און דיינים; דער טאַטע אירער איז געווען אַ סופר, אַן ערלעכער ייד, וואָס איז אַ צירונג אין יעדער יידיש הויז. אין די טעג ווען ער האָט געשריבן מיט זיין געכתיבעטן כתב די הייליקע אותיות פון דער תורה, האָט ער געפאַסט. פון אינדערפרי ביז אין דער טיפער נאַכט אַריין איז ער געזעסן, האָט נאָר מפסיק געווען פאַר מנחה מעריב, האָט קיין וואָרט צו קיינעם נישט אַרויסגערעדט, ער זאָל חלילה נישט פאַרלירן דעם שנור פון דער הייליקער תורה. שפּעט ביינאַכט, ווען די הינער זענען שוין געווען אויסגעשלאָפן, האָט ער ערשט גענומען אַ לעפל וואַסער אין מויל אַריין. איז יונגערהייט אַוועק פון דער וועלט, — זאָל ער האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן.

ווען עס איז איר געקומען צום לעבן, ווען זי האָט זוכה געווען אויסצו־געבן די קינדער, צו טאָן גוטע שידוכים מיט אירע זין און טעכטער, האָט געקראָגן שנורן און איידעמס, וואָס גייען אין גאָטס וועג, וואָס האַלטן ערלעך דער מאַמען, איז דאָס לעבן פון איר אַוועק, האָט דער ריבונו־של־עולם צו־גענומען פון דער זינדיקער וועלט. אָבער, נישקשה, זי האָט זיך פאַרזאָרגט אויף מיט יענער וועלט. און עס קומט איר; זי האָט זיך עס כשר פאַרדינט. אַ יידענע מיט שכל איז געווען חנה־אסתר — האָבן די ווייבער צווישן זיך גערעדט — ווי איז דען צו געפינען נאָך אַזאַ צדיקות ווי חנה־אסתר איז געווען. אין די ערגסטע צייטן האָט זי זיך קיינמאָל נישט באַקלאָגט אויף איר ביטער און שווער לעבן. ווער עס האָט נישט אַראָפּגעלייענט פון איר פּנים, האָט פון איר מויל נישט געהערט. זי האָט, חלילה, קיין פּרעטענזיעס נישט געהאַט צו קיינעם. אַז מען האָט אַ קוק־געטון אויף חנה־אסתרן אויסערלעך, האָט זי אויסגעזען, ווי זי נעמט אַלץ אָן פאַר ליב. אַזוי פלעגט זי תמיד

ענטפערן, ווען מען האָט זי געפרעגט, ווי איר גייט, האָט זי געענטפערט: געלויבט זאָל זיין דער בורא־עולם. די ווערטער האָט זי פאַר זיך אַליין אי־בערגעזאָגט דריי מאָל אַ טאָג, ביי אַלע דריי תפילות: שחרית, מנחה און מעריב, וואָס חנה־אסתר האָט נישט פאַרפעלט יעדן טאָג צו דאַווענען. אפשר אַמאָל, אין גאַר שווערע צייטן, ווען עס איז שוין פשוט געווען באו מים עד נפש, ממש נישט איבערצוטראָגן, האָט זי אין האַרצן געטראָגן אַ ניצוץ פון פאַרביטערונג. אפשר האָט זי שטילערהייט, פאַר זיך אַליין דערלאָזן אַ מחשבה פון נישט צופרידנקייט און זי האָט זיך געוואָלט אויסטענהן מיטן רבונו־של־עולם, אָבער זי האָט גלייך אָזעלכע מחשבות און געפילן דערשטיקט און נישט געלאָזט זיי קומען צום פסוק. חנה־אסתר האָט קיינמאָל אין איר לעבן נישט פאַרלוירן דעם בטחון, און בטחון האָט זי איינגעפלאַנצט אין די הער־צער און מוחות פון אירע קינדער. זי האָט נישט דערלאָזט אין אירע קינדער קיין קנאה־געפיל צו אַנדערע קינדער פון רייכע הייזער, וועלכע האָבן גע־לעבט אין ווילטאָג און אין גרויס צופרידנקייט. חנה־אסתר האָט געלערנט אירע קינדער זיין געדולדיק און וואַרטן אויף זייער גליק. ווער עס האָט נישט אין דער יוגנט — פלעגט זי זאָגן — באַקומט באַצאָלט אויף דער עלטער. נאָר דער קאָן פילן די זאַטקייט, ווער עס האָט דעם טעם פון הונגער פאַר־זוכט — איז געווען חנה־אסתרס ווערטער, נאָר דער איז מסוגל אָפּצושאַצן גאָטס גאָב, ווער עס באַקומט עס נישט אַזוי לייכט, — האָט חנה־אסתר איינגעטענהט מיט אירע קינדער, און אַזוי מיט אַלעמענס קינדער.

אין די וואָכן, נאָך אַן אויסגעמאַטערטן טאָג אַרבעט, אָדער אין די שבתים און ימים־טובים, איז חנה־אסתר געזעסן מיט אירע קינדער און מיט זיי גערעדט, האָט אין זיי אַריינגעטענהט, זי האָט זיי פאַרטייטשט די פרשה פון לעבן, לויט ווי זי האָט דאָס לעבן פאַרשטאַנען, לויט ווי זי האָט אויף איר אייגענער הויט און ביינער געטראָגן די משא פון לעבן, לויט ווי זי האָט געלייענט אין צאינה־וראינה און אין די תחינות. האָט תמיד געלערנט אירע קינדער זיך צו באַנוגענען מיט ווינציק ווי האָבן. קוקט, קינדערלעך — האָט זי צו זיי גערעדט — מיט גרויסע אויגן אויף אַלץ וואָס געהער צו אייך, צו וואָס גאָט האָט אייך צוגענומען אין שותפות אַריין, און אַלץ, וואָס יענער האָט זאָלט איר זען מיט קליינע אויגן, זאָל ביי אייך אויסזען קליין און

נישטיק. מיט דעם גלויבן האָט חנה־אסתר אַריינגעפירט אירע קינדער אין שפּאַן פון לעבן.

צוריקגייענדיק פון בית־עלמין, האָבן מענטשן צווישן זיך גערעדט, אַז אַ גוטע שותפות האָט חנה־אסתר געשלאָסן מיט אירע קינדער: זיי וועלן טראָגן מיט כבוד איר נאָמען און באַשיינען איר הייליקן אָנדענק. און זי וועט זיך מיען פאַרן כסא־הכבוד פאַרן גוטן מזל פון אירע קינדער. מלאכים פון הימל האָבן זי דאָך אָפּגעוואַרט ביי די טויערן פון גן־עדן, און זי געשטעלט פאַר כביכול אַליין, אים צו באַווייזן דאָס לויטערע געשטאַלט פון דער מאַמע חנה־אסתר!

העניע, די מאַרקיזיצערין

אַ קײשל מיט גרינעם־אַרױסגעװאַקסענעם שטשיפּיאָר װאָס איז אַרױס־געקראָכן פֿון די אינגעװײדן פֿון די רױטלעכע ציבעלעס, אַ מולטער מיט פּעטרעשקע, אַ קעסטל מיט אָנגערירטע עפּעלעך, אַ זעקל בוראַקעס, אַ קאָשיק מיט פּאַסטערנאַק, מיט װײַסע סילעזיעס ,אַ זאַק מערן, בריקעװ און אַנדערע שאַר־ירקות זענען געשטאַנען אױסגעשטעלט אױף אַ באַנק־טיש, געמאַכט פֿון דער אַלטער טיר פֿון שטעלעכל װאָס איז געלעגן אױסגעצױגן אין דער לענג און אין דער ברײט אױף צװײ טאַבאַרעטקעס. אױף אַן אױסגעהױלט בענקל, אַ ירושה פֿון ישראל־משה דעם שוסטער, איז געזעסן העניע די מאַרקזיצערין און האָט אױסגעקוקט מיט אירע אױגן װי מיט ליכט נאָך אַ קונה.

העניע איז קײנמאָל נישט געזעסן לײדיק, זי האָט תמיד געהאַט עפּעס צו טון. דאָ האָט זי איבערגעלײגט די הײפּטלעך קרױט װאָס פֿון דרוק װאָס אין הײפּטל איז געלעגן אױפֿן אַנדערן האָבן די בלעטער זיך אָנגעהױבן צו שײלן. דאָ האָט העניע אָפּגעטײלט די שװאַרצע פֿון די גרױ־װײַסע רע־טעכער, האָט אַװעקגעלײגט אין אַ זײט אַ בינטל װײַסע ריבן. זי האָט אַ שפּריץ־געטאָן די פּעטרעשקע מיט אַ פּאָר טראָפּנס װאַסער, עס זאָל אױסקוקן פֿרישער אַביסל, עס זאָל אױסזען װי פֿרישער טױ האָט די פּעטרעשקע באַ־הױכט. העניע האָט אױך אױסגעקליבן פֿון די קאָשיקעס די אָנגערירטע עפּעלעך װאָס זענען נאָס געװען פֿון פֿאַרפֿױלטקײט און האָט זײ אַרומגעװאָרפֿן.

געװײנטלעך האָבן די מאַרקזיצערינס אױפֿן נײַעם מאַרק געלײזט ערב שבת און ערב יום־טוב. דער ערב שבת האָט זיך אין שטעטל אָנגעהױבן מיטװאָך נאָך האַלבן טאָג װען קלמן דער פֿישער האָט אַרױסגעשטעלט זײַנע באַליעס מיט פֿיש, מיט יונגע קאַרפּלעך, מיט צאַפּלדיקע שלײענס װאָס האָבן

זיך געשליידערט אין וואַסער און געמאַכט שטיפערישע קונצן, און מיט זייער ריח אָנגעזאָגט דאָס אָנקומען פון ליבן שבת־קודש.

ביים קויפן פיש האָבן שוין די ווייבער פאַר איין וועגס אויך איינגע־קויפט דאָס ביסל גרינס וואָס איז נייטיק צום קאָכן, ווי: אַ בינטל ציבעלעס, אַ קרענצל קנאָבל, אַ ביסל פעטרעשקע און אַנדערע גרינסן. אַנדערע בעל־הביתטעס האָבן שוין אויך געקויפט אַן אָנגערירטן בראַקאַוונעם עפּל אויף קאָמפּאָט מיט אַ צוואָרף פון אַ געטרוקנטע באַרנע און געטרוקנטע פלוימען מיט ראָזשינקעס.

ווען די יידישע מאַמעס אין שטעטל האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין מאַרק אַריין אויף איינצוקויפן בשר ודגים האָבן זיי פאַר איין וועגס אויך איינגע־האַנדלט די פאַרשידענע ירקות פאַר כל מטעמים.

אין די אַנדערע טעג פון דער וואָך זענען די קאָשיקעס און די זעק ביי די מאַרקזיצערס געשטאַנען פאַראומערט, קיין שום קונהס האָט זיך צו זיי נישט צוגערירט. אַזוי ווי מען האָט זיי באַגינען אַרויסגעטראָגן פון קעלער, אַזוי האָט מען זיי אין אָוונט צוריק אריינגעטראָגן אין קעלער אַריין. די זעלבע משא געשלעפּט אויף די פּליצעס פאַרטאָגס פון קעלער אין מאַרק אַריין און אויף דער נאַכט — פון מאַרק אין קעלער אַריין. עס איז אַ האָר נישט ווייניקער געוואָרן, סיידן אַ יינגל אַ שטיפער האָט זיך פאַרגלוסט מיט אַ שטעקן אַראָפּצושאַרן אַן עפּעלע פון קיישל אָדער אַ רעטעך און אַנט־לויפן. נישט צוליב גנבה האָט עס חלילה דער שטיפער געטון. ביין! נאָר סתם אַזוי, צוליב אַ קאָמאַנדעווע־טאָן, נישט־וויסנדיק דערביי, אַז ער טוט דער־מיט אַן שאָדן אַן אָרעמע מאַרקזיצערין און דאָס איז אויך אַ גנבה.

זומער־צייט, ווען עס זענען צייטיק געוואָרן די קאַרשן, די יאַגדעס אין וואַלד, די שטעכיקע אַגרעס, די ווײַנפּערלעך, עפּל און באַרנעס מיט שליוו־קעס האָבן די מאַרקזיצער אויך געלייזט אַלע טעג פון דער וואָך. מיט אַ שטיקל ברויט און אַן עפּעלע אָדער אַ באַרנע צי גאָר מיט אַ פּאָר פלוימען, אָדער מיט אַ גרינע אוגערקע האָט אַ מאַמע אַוועקגעשיקט אירע קינדער אין חדר אַריין און האָט נישט באַדאַרפט גיין זוכן ביי זילפען אין שפּייז־געוועלבל אַ ווײַדל־הערינג. נישט תמיד האָט גאָר זילפע געוואָלט צעשניידן אַ הערינג און פאַרקויפן דעם ווײַדל, און וואָס וועט זי טאָן מיטן קאָפּ — פלעגט זי אַ פרעג־טון, און זי איז געווען גערעכט מיט איר פראַגע, וואָרעם דער קאָפּ

האָט נישט געהאַט אויף זיך קיין סך בעלנים צו קויפן, ווייל אין קאָפּ איז ניט פאַראַן גענוג פליש צו עסן, בלויז ביינער מיט אויגן, דאָס מאַרכל איז קיי און שפיי, אַפילו אַ צאָן נישט אָנצוזעטיקן. אויפן מיטל־שטיקל מיטן שטיק מילך אין אינגעווייד וואָלטן שוין גראָד יאָ געווען בעלנים, פלעגן אָבער אַלע קומען מיט דער זעלבער טענה, אַז זי האָט צופיל אָפּגעשניטן מיטן ווידל אָדער מיטן קאָפּ. דער סוף איז געווען, אַז זילפּע האָט אַליין באַדאַרפט אײפּעסן דאָס מיטלסטע שטיקל הערינג מיט אַן איבערגענכטיקטן בייגל. זילפּע האָט געוווסט איר חשבון, אַז אַ צעשניטענער הערינג האָט איר קיינ־מאָל נישט אַריינגעבראַכט קיין ריווח. זי פלעגט גאָר צום עסק צולייגן, האָט זי גענומען פאַרן ווידל אַ צווייער, האָט זי שוין פאַרן קאָפּ געקענט נעמען נישט מער ווי אַ קופּערנעם גראָשן, און דאָס מיטל־שטיקל אויך אַ צווייער, בעת אַ גאַנצער הערינג האָט געקאָסט אַ דיטקע — אַ קופּערנער זעקסער. זילפּע האָט זיך תמיד געקרימט ווען אַ בעל־הביתטע איז אַריינגעקומען צו איר אין געוועלבל, האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין פעסל און פון לאַק אַרויסגעצויגן אַ הערינג און געהייסן אָפּשניידן דעם ווידל, און דערביי זיך פריִער אויסגענומען, אַז מער ווי אַ קאָפּיקע זאָל עס נישט קאָסטן.

אַ צייטיקער עפּל, אָדער באַרנע האָט אי געזעטיקט און אי געגעבן קרעפטן. אַ ייִנגל האָט געקענט אָפּזיצן אין חדר אַ גאַנצן טאָג נאָכן אויפעסן אַ שטיקל ברויט מיט אַן עפּל, האָט געקענט דאָס קעפּל האַלטן אין חומש אָדער אין דער גמרא און פאַרשפּאָרט אַרויסצוקוקן נאָך עפּעס וואָס זאָל שטעלן דעם הונגער.

ווינטער־צייט האָט מען די קינדער מיטגעגעבן אין חדר אַריין אַ שטיקל ברויט מיט פּאָווידלע, אָדער גאָר מיט היינערשע שמאַלץ און צעשניטענע ציבעלעס פאַר גריוון. אַזאַ פאַיאָק האָבן מיטגעקריגן די רייכערע קינדער; די אָרעמערע דאַקעגן האָבן געקראָגן אַ טרוקן שטיקל ברויט מיט אַ עק פון אַ הערינג און נישט מער.

אין די זומער־טעג האָט מען אויפן נייעם מאַרק געזען יידישע מאַמעס מיט זייערע קינדער, זיי האָבן זיי געהאַלטן פאַר די הענטלעך, געזען גאַנץ פרי צוצוקומען צו די טעלן פון די מאַרקזיצערינס און אַרויסקלייבן פון די קאָ־שיקלעך וואָס זייער האַרץ האָט נאָר געגלוסט: ווייניקע עפּעלעך, שמאַלץ־באַרנעס, מאָרעלן, פלוימען און שליוועס. עס איז געווען ממש אַ מחיה אַ

קוק צו טאָן אויף די קינדער; יינגלעך איינס און איינס, מיט קיילעכדיקע היטעלעך אויפֿן קאָפּ, מיט לאַנגע, געקרייזלטע פּיאהלעך, מיט רויטלעכע בעקעלעך, ווי די געשמאַקע עפּעלעך, מיט צוגעשפּיליעטע צייגענע כאַלאַטלעך, אונטער דעם כאַלאַטל, אויפֿן הערצל, אַ לייבצודעקל, אַן ארבע כנפות מיט נאָכגעהאנגענע ציצית, איינע און איינע, אכט פּעדים ביי יעדער ציצה מיט קניפּלעך, כדי די עקן זאָלן זיך נישט צעפּלאָשן; האַלבע מעשטעס אויף די פּיסלעך, ביי טייל מיט זאָקן און ביי אַנדערע אָן זאָקן. עס איז געווען אַ נחת אויף די קינדערלעך צו קוקן.

העניע, די מאַרקיזיצערין, האָט אויף די קינדערלעך אַ קאַפּיטשקע אַ שפּיי־געטון מיט די ליפּן, זי האָט עס געטון צוליב אַן עין־הרע: טפוי, — האָט זי געזאָגט — קיין עין־הרע, קיין בייז אויג זאָל נישט גרייכן, אויף אַלע פּוסטע פעלדער און פּוסטע וועלדער.

אין די פּרימאָרגן־שטראַלן וואָס האָבן אַראָפּגעלויכטן פון די קינדער האָבן זיך די מאַמעס געשפּיגלט, כאָטש נאָך נישט אַלע אָנגעטאָן ווי עס באַדאַרף צו זיין; די אין אַ שלאָפראָק, און די אַנדערע אין אַ האַלבע האַלקע מיט אַ טיכל איבערן קאָפּ. דער זומערדיקער פּרימאָרגן־טוי האָט זיי אַלעמען נאָכן נעגל־וואַסער געוואַשן און באַהויכט מיט מונטערקייט.

העניע, האָט זיך מיט אירע קונדן נישט געדונגען: אַ גראָשן אַרויף, אַ גראָשן אַרונטער, זי איז מיט אַלעמען אויסגעקומען. זי האָט געוווסט, אַז מיט קיין גרויסע גבירישע בעל־הביתטעס האָט זי נישט געהאַט צו טאָן, זי האָט געקענט אויף אויסנווייניק יעדנס פאַרמעגן, נישט איינמאָל האָט זי געגעבן אויף באָרג, ווייל שוין אויפֿן פּרימאָרגן האָט אויסגעפּעלט דער גראָשן מיט וואָס צו באַצאָלן.

דעם העכסטן פּרייז וואָס העניע האָט געקענט פאַרלאַנגען פאַר אירע פּרוכטן איז געווען, אַז די קינדער זאָלן ביי אירע קאַשיקעס מאַכן אַ ברכה, און זי זאָל קענען נאָכזאָגן אמן. פאַר אַ ברכה האָט העניע צוגעגעבן אַ קינד פאַר אַ צולאָג נאָך אַ באַרנעלע, נאָך אַן עפּעלע און דערביי נאָך צוגעווונטשן וויפל עס האָט נאָר געקענט אַריין.

העניעס אייגענע קינדער האָבן קיין ברכה צום עסן נישט געוואָלט מאַכן. אירע קינדער האָבן איר נישט געוואָלט פאָלגן. זיי זענען אַרויסגעגאַנגען „לתרבות רעה". איר ברוך־יאָקל האָט פאַרלאָזט אַ גזשיבע מיט האָר און

איז געוואָרן אַ קאַמאַשן־שטעפּער, דערצו אַ שטרייקער. ער האָט כסדר גע־שטרייקט, האָט קיינמאָל נישט געקענט אַדורכקומען מיט זיין בעל־הבית. ער האָט פאַר זיין אַרבעט געוואָלט מער און יהודה מענדעלעס, דער מייסטער, דער בעל־הבית האָט אים געוואָלט געבן ווייניקער.ביידע האָבן נישט גע־קענט אַדורכקומען מיטן מקח. ברוך־יאָקל האָט נישט געאַרבעט און יהודה מענדעלעס האָט נישט באַדאַרפט צו צאָלן. ער איז אַליין געזעסן ביז שפּעט אויף דער נאַכט ביים פאַרקאַפּטשעטן לעמפּל און געאַרבעט, און דער שטריי־קער איז אַרומגעגאַנגען שלינג און שלאַנג, ליידיק און נישט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן פאַר אַ לעפל גריץ.

העניע האָט נישט געקענט צוזען דעם צער פון איר גן־עדן־שטויסער — ווי זי פלעגט אים רופן — און האָט אים צוגעוואָרפן אַלע מאָל אַ פּאָר גראָשן. איי — האָט זי צו זיך אַליין גערעדט — ווען ער וואָלט זיך אויפ־געפירט יידיש, מיט לייטישע קינדער צוגלייך, וואָלט געגאַנגען אין בית־המדרש אַריין, דאָרט געזעסן און געלערנט און זיך געוואַשן צו „שאו ידיכם" און געמאַכט אַ ברכה צום עסן, ווי עס פירט זיך ביי יידן, וואָלט זי דאָך אים אויסגעהאַלטן אין עושר און אין כבוד. עס וואָלט דאָך אים קיין זאַך נישט געפעלט, דאָס טעלערל פון הימל וואָלט זי פאַר אים אַרונטערגענומען, ער וואָלט חלילה נישט באַדאַרפט גיין אַרבעטן און זיך אַרומקריגן מיט יהודה מענדעלעס, פירן ביי אים שטרייקן; געטראָפן דעם גרויסן גביר ביי וועמען צו פירן אַ שטרייק, אַליין אַ קבצן אין זיבן פּאַלעס, וואָס זיינע צען פינגער פאַרהאָרעווען נישט איז נישטאָ. דאָס ווייב, מען זאָל באַהיט און באַשירעמט ווערן, ליגט צוגעשמידט צום בעט, די רופאים ווייסן גאָר נישט וואָס איר איז, אָדער זיי ווייסן און ווילן נישט זאָגן, וואָרום וואָס מ'שטיינס־געזאָגט וועט שוין אַרויסקומען ווען זיי וועלן זאָגן, אַז אַ רפואה דאַרף און קאָן קומען נאָר פון הימל. אַנומלט האָט ער געדאַרפט פאַרזעצן די שבתדיקע לייכטער אויף צו באַצאָלן פאַר אַ רעצעפּט. דאָס קליינוואַרג אין שטוב גייט אַרום באָרוועס און נאַקעט, דאָס אַריינבראָנגען אַ שטיקל ברויט אין הויז אַריין פאַר די שוואַלבן קומט אָן כקריעת ים־סוף, ער ווייסט נישט וואָס פריִער צו טון, צו פאַרמאַכן די מיילכלעך פון די שוואַלבן, פינף פיצלעך קינדער, צי שטילן גאַלדעס יסורים מיט אַ לעפל מעדיצין. נו, האָט זיך מיין זינדל פאַרגלוסט צו פירן ביי אים אַ שטרייק, צו מאַכן מיט אים טרעוואָגעס: יאָ אַרבעטן, נישט

אַרבעטן. ווי נעמט מען עס כּוחות אויף איבערצוטראָגן די אַלע צרות און עגמת־נפשן. נישקשה ביי מיר איז טאַקע אויך נישט קיין גרויס רייכטום, אָבער פּאַר קיין הונגער שטאַרבט מען נישט חלילה, איך וועל שוין ווי עס איז אויסלעבן די יאָרן, זאָל נאָר גאָט ברוך־הוא געבן געזונט; טאַקע נישט ווי אַ רייכע בעל־הביתטע, אָבער דערפאַר אויך נישט ווי אַן אָרעם מענטש. נישקשה, צום עסן איז גאָט זיי דאַנק פאַראַן. איי, מען עסט נישט קיין קאָפּ־הענער, קיין געבראָטענע הינדעלעך, קיין קאַטשקעס און גענדז, איז אָסור נישט קיין אומגליק. פון נישט עסן שטאַרבט מען נישט, מען קרענקט ווײ־ניקער. אַז זיי פרעסן זיך אָן מיט די געבראָטענע גענדזלעך, מיט די גע־שמאַקע מילצן, באַקומען זיי שפּעטער בויך־קראַמפּן און מוזן לויפן צו פּשע־ווויסקען דעם פעלדשער, אַז פאַרויס גאָט און נאָכהער ער, זאָל זיי העלפן. זיי וויסן גאָר נישט ווי זיי גראָבן מיט זייערע ציינער קברים פאַר זיך. צום קליינעם יאַנקעלען שעמען זיי זיך גאָר צו גיין, וואָרעם וואָס וועלן זיי אים גיין דערציילן אַ מעשה, אַז מען האָט זיך איבערגעגעסן מיט געבראָטענע קאַטשקעס, עס פעלט דען אָרעמקייט אין שטעטל? ער איז דאָך אַ היימישער ייִד, נישט אַלץ קען מען אים אויסזאָגן, דעם גוי פּשעוווסקען קען מען שוין יאָ דערציילן. אָבער, אַז מען עסט אַ ביסל געקעכץ וואָס באַשטייט פון אַ געקאָכטן קאַרטאָפל פאַרווייקט אין אַ ביסל געזאָטענע מילך און מען פאַר־בייסט נאָכהער מיט אַ געקאָכטן עפּל און מיט אַ שטיקל איבערגענעכטיקט ברויט, ליידט מען נישט קיין קראַמפּן און מען איז געזונט. נו, וויל דאָך אָבער מיין זינדל נישט גיין אין בית־מדרש אַריין, וויל נישט זיצן און לערנען, ער וויל אַפילו קיין ברכה נישט מאַכן, כאָטש טו אים אָן אַ מעשה. פון אים, דעם בן־יחיד, האָט זיך אויך דאָס כלה־מיידל יוכבד אָפּגעלערנט נישט צו וועלן וויסן פון קיין ייִדישקייט. ביי איר וואָלט געוועזן רעכט צו פאַרצי־רעוועט אַ זאָק ביי די שבת־ליכט. אַ נס וואָס זי איז נישטאָ ביי דער מאַמען אין שטוב. זי איז אויף אַ שטעלע ביי פריידעלע דעם שוחטס. נישקשה, פריידעלע גיט שוין אויף איר אַכטונג זי זאָל חלילה נישט מחלל שבת זיין.

געוויס, ווען דער טאַטע וואָלט געלעבט וואָלט ער זיך זיכער אַן עצה געגעבן מיט די קינדער, פאַר אים האָבן זיי אַי מורא, אַי דרך־ארץ געהאַט, אים האָבן זיי חלילה נישט געוואַגט צו רעדן אַנטקעגן. איך קאָן זיך נישט באַקלאָגן, אַז זיי רעדן דער מאַמען אַנטקעגן, ניין, דאָס נישט, זיי פאָלגן מיך

נישט און דאָס איז דאָס וויכטיקסטע אין דעם מאָמענט. דעם טאַטן האָבן זיי יאָ געפאָלגט. דעם קדיש וואָלט דער טאַטע עטלעכע מאָל אַנגעדרייט פאַרן אויער און צוגעזען ער זאָל זיך פירן ווי אַ ייִד באַדאַרף זיך צו פירן. דאָס כלה־מיידל וואָלט דען געדאַרפט דינען ביי יענעם אויף אַ שטעלע? וואָס וואָלט איר דען געפעלט ביים טאַטן אין הויז? אָבער, אַז מען איז אַן אלמנה איז גאָר אַנדערש, אַז גאָט גיט, גיט ער מיט דער גאַנצער האַנט, און, אַז ער שטראָפט חלילה, שטראָפט ער אויך מיט דער גאַנצער האַנט. ער האָט צוגענומען דעם טאַטן פון די קינדער און עס אַרט אים גאָר נישט, וואָס די קינדער זענען אַוועק פון ייִדישקייט, וואָרעם ווען עס זאָל אים יאָ אַרן, וואָלט ער דאָך אַליין צוגעזען, אַז די קינדער זאָלן זיין ייִדיש, זיי זאָלן זיך אויפפירן ייִדישלעך און טאַקע אָפּהיטן ייִדישקייט, אָט אַזוי ווי זיין ליבער נאָמען האָט געבאָטן. אָבער, וואָס קען דען אַ וויסטע אלמנה טאָן? קינדער ווייסן פון פאָלגן אַ טאַטן, אָבער זיי ווייסן גאָר נישט, אַז מען דאַרף אויך פאָלגן אַ מאַמען. איי, ווען מען וואָלט געמעגט פרעגן דעם רבונו־של־עולם שאלות, וואָלט איך אים אַ פרעג־געטון, פאַר וואָס, אַז ער נעמט צו דעם טאַטן, דעם מדריך פון קינדער, פאַר וואָס ער נעמט נישט צו אויך דער מאַמען, זי זאָל נישט דאַרפן צוזען ווי אירע קינדער גייען חלילה אַרויס „לתרבות רעה".

דערביי האָט העניע אויסגעשריגן אירע מחשבות מיט אַ טיפן קרעכץ וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון איר האַרץ און האָט אָפּגעהילכט איבערן גאַנצן בייעם מאַרק. קיין גרויס אַכט אויף העניעס קרעכצן האָבן מענטשן נישט געלייגט. זיי האָבן שוין געוווסט, אַז זי טענהט זיך אויס מיטן רבונו־של־עולם. עס איז טאַקע אויף איר אַ רחמנות, האָט נישט קיין נחת פון אירע קינדער, זיי גייען ביי איר נישט אויפן ריכטיקן וועג, אָבער וואָס קען מען דען טון? גאָט איז גערעכט און זיין משפט איז גערעכט. אַזוי האָבן מענטשן גערעדט און אַזוי האָט לסוף אויך העניע צוגעגעבן, פרעגנדיק דערביי: וואָס דען, ער איז נישט גערעכט?

דער נייער מאַרק אין שטעטל האָט אויסגעזען ווי אַ יבשהדיקער האַלב־אינדזל. פון דריי זייטן איז ער געווען אַרומגערינגלט מיט מויערן און פון דער פערטער זייט איז געווען אַן אָפענער אַריינפאָר. פון רעכטס איז גע־שטאַנען די קאָמעניצע פון אהרן קאַרפעלס, אַ צוויי־גאָרנדיקער מויער וואָס איז געווען געבויט ווי אַ קאַסטן און האָט פאַרנומען די גאַנצע גאַס. ביי אהרן

קאַרפּעלס האָבן געוווּינט, אַ פּאַרמעגלעכע, אַ מיטלמעסיקע מענטשן. די וואָס האָבן נישט געהאַט צו באַצאָלן דירה־געלט האָבן ביי אהרן קאַרפּעלס נישט געקענט וווינען. אַנטקעגנאיבער איז געשטאַנען דאָס הויז פון יצחק זלאָטע בריינעס, דעם לעדער־קרעמער.ביים צווייטן ברעג מאַרק איז פון איין זייט געשטאַנען די געמויערטע יאַטקע פון ראובן דעם קצב, און טאַקע פּונקט קעגנאיבער אויף דער נישט־ברוקירטער זייט — די שטוב פון ישראל־הערש דעם גלעזער. אין מיטן איז געשטאַנען דער נייער בית־המדרש מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם פון אַ צוגעבויטע שטוב, וווּ עס האָט זיך געפונען דאָס אַמשינאָוער שטיבל.

העניע, די מאַרקזיצערין, האָט געוווינט אין אַ פינצטערן אַלקער ביי געצל דעם קאַראַבעלניק. ביים דינגען דעם אַלקער האָט זי זיך אויסגענומען, אַז שבת פאַרנאַכט צו שלוש־סעודות, ווען עס רוקט זיך אָן דער בית־השמשות און עס הייבט אָן צו ווערן טונקל, זאָל זי האָבן דאָס רעכט זיך צו באַנוצן מיטן פענצטער וואָס גייט אַרויס אויפן נייעם מאַרק, פון וואַנען מען זעט אויך דעם נייעם בית־מדרש, בכדי זי זאָל קאָנען לייענען דעם טייטש־חומש.

און אַזוי פלעגט העניע זיצן שבת פאַרנאַכט אין בין־השמשות ביי געצלס פענצטער, אָנגעטאָן אין אירע שבתדיקע מלבושים: אין איר פלושן זשאַקעטל און סאַמעטענעם קלייד וואָס זי האָט נאָך געהאַט פון איר חתונה. דעם קאָפּ אַרומגעוויקלט איבערן שייטל מיט אַ שוואַרצן שאַל וואָס האָט פאַרדעקט דעם שטערן און די קינבאַקן פון איר פנים און שטייפלעך געווען פאַרבונדן אונטער דער גאָמבע, אַזוי, אַז נאָר די ליפּן האָבן זיך געקענט ביי איר באַ־וועגן און שעפּטשען אין דער שטיל די פסוקים פון טייטש־חומש און גע־וואָרפן אַ בליק אויפן נייעם מאַרק, אויף איר שטעל ווי זי זיצט אַ גאַנצע וואָך זומער אין די היצן און ווינטער אין דער קעלט. באַלכסונדיק, אַזוי פון אַ זייטיקן בליק האָט זי אויך געקוקט צום נייעם בית־מדרש און געזען ווי ייִדן גייען אַריין און אַרויס, מען איילט זיך גיין צו מנחה, כּאַי וואָלט זי איר זונדל געזען אַריינגיין אין בית־מדרש — איז איר דורכגעלאָפן אַ מחשבה, און האָט שנעל צוריק אַריינגעשטעלט אירע אויגן אין טייטש־חומש אַריין.

נישט איינמאָל האָט פּאַסירט, אַז העניע איז ביים טייטש־חומש אַנטדרימלט געוואָרן. אַ זיסער שלאָף איז איר באַפאַלן, באַגלייט פון אַ חלום, אַז זי זיצט ביי איר שטעל אויפן נייעם מאַרק און אַרום איר שטייען אַ סך, אַ סך מאַמעס

פון שטעטל מיט זייערע קינדערלעך און אַלע מאַכן אויפן קול אַ ברכה אי־בער די פּרוכטן, איבער גאָטס פּירות, און די ברכות פירן איר אַריין אין גן־עדן אַריין, צום פּלאַץ ווו עס געפינט זיך איר מאַן, ר׳ ירחמיאל, ביי וועמען זי איז ווייטער אַ פוס־בענקעלע.

אין מיטן דער וואָך, אין שווערע הייסע זומער־טעג, אָדער אין ווינטער, אין פּראָסטיקע טעג, זיצנדיק אַזוי ביי איר שטעל אויפן נייעם מאַרק, נישט זעענדיק אַ קונה פאַר די אויגן, האָט העניע די מאַרקזיצערן וואַכעדיקערהייט נישט איינמאָל געחלומט וועגן איר שבתדיקן בין־השמשות חלום, דער חלום וואָס האָט איר פון דער שבתדיקער דעמערונג גלייך אַריינגעפירט אין דעם ליכטיקן גן־עדן אַריין!

שמועסן מיט די פֿאַרטעכער

זונטיק פאַרטאָג, ווען דאָס ערשטע פרימאָרגן־ליכט האָט זיך דורכגעריסן די לאָדנס פון הערש־מעכלס הויז, איז שוין פעשקע די וועשין געשטאַנען ביי שרה־העניען אין קיך, אַריבערגעבויגן איבער אַ באַליע און איינגעווייקט פאַרטעכער צום וואַשן.

אַ באַרג מיט פאַרטעכער איז געלעגן אויף דער ערד: קאָלירטע און ווייסע, אָלפּאַגענע און ציצענע, פון ריינעם לייוונט און פון באַרכאַן, דערצו האַלבע, וואָס האָבן זיך פאַרבינדן מיט אַ בענדל פון הינטן אויף דער טאַליע און גאַנצע פאַרטעכער, מיט שעלקעס, וואָס מען האָט אַריבערגעוואָרפן אי־בער די אַקסלען און מיט קנעפּ זיי פאַרשפּיליעט ביי די זייטן.

פעשקע האָט אויסגעסאָרטירט די פאַרטעכער און יעדן באַזונדער איינ־געווייקט, טייל פון זיי אין וואַסער, אַ טייל אין לויק און אַנדערע האָט זי גלייך אַוועקגעשטעלט אויף דער קיך צום קאָכן אין כלאָרעק. שווער איז געווען פאַר פעשקען צו וואַשן די פאַרטעכער, וואָס האָבן געהאַט קנעפּ ביי די זייטן, ווייל ביים רייבן זיי אין דער באַליע, האָט זי זיך די פינגער אָפּ־געריבן. פלעגט טאַקע פעשקע זיך פאַרשעלטן דאָס געביין, ווען זי האָט גענומען אַ פאַרטעך מיט קנעפּ אין האַנט אַריין. טאָמער נאָר האָט זי געזען אַ פאַרטעך מיט שעלקעס, האָט איר אָנגעהויבן שטיקן אין האַלדז פון נער־וועזיטעט, האָט מיט רחמנות־בליקן אַ קוק־געטון אויף אירע פינגער און מיט כעס געוואָרפן אַן אויג צו שרה־העניע, פאַרוואָס זי טראָגט פאַרטעכער מיט שעלקעס און מיט קנעפּ.

אַלע קינדער אין מאַנישעס הויף האָבן געוווּסט, אַז ווען נאָר חלילה אַ סכנה, טאָמער וויל זיי דער סטרוזש שלאָגן און אַוועקטרייבן פון זייערע שפּילערייען, פון דער פּלומפּ, פון וואַנען מען האָט געשעפּט וואַסער, אָדער

פון אַנדערע פּלעצער, קענען זיי אַריינלויפן צו שרה־העניע אין שטוב און זיך אויסבאַהאַלטן אונטער איר פֿאַרטעך. נישקשה, שרה־העניע וועט שוין נישט דערלאָזן, אַז עס זאָל חלילה די קינדער עפּעס געשען. שרה־העניעס פֿאַרטעך איז געווען פֿאַר אַלעמען אַ שוץ־מיטל, פֿאַר קינדער ווי פֿאַר על־טערע, צו אַלץ און צו אַלעמען האָט זי גענוצט איר פֿאַרטעך: אויף צו נעמען אַ שפּיץ און אויסווישן אַ טרער, אָפּצווווישן דאָס שווייס פון פּנים, צו האַלטן אין די ברייטע קעשענעס די שליסלען פון שפּייז־קאַמער און פון קוילן־שפּייכלער, פון שענקל מיטן מאַלינע־סאָק און פלוימען־פּאָווידלע, פון קעלער, ווו עס ליגן די קאַרטאָפּל, מערן, בוראַקעס און פון בוידעם, ווו מען הענגט וועש און ווו עס שטייען אַ גאַנץ יאָר די פּסחדיקע כלים.

גאַנץ פרי, ווי גיך נאָר שרה־העניע האָט אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער און געזאָגט „מודה אני“, האָט זי אָנגעטאָן אַ האַלקע, מיט אַ באַרכענע בלוזקע און אויף דעם אַ גרויסן האַלבן פֿאַרטעך, די בענדלעך פֿאַרשפּיליעט פון הינטן, איז אַריינגעגאַנגען אין האַלץ־שטאַל און אין פֿאַרטעך אָנגענומען עטלעכע ברעמיעס האָלץ אויף איינצוהייצן די שטוב־אויוונס און פייער צו מאַכן אין קיך. זי האָט צוגעשטעלט צום קאָכן דעם האָבער־גריץ אויף אָנבייסן, דער־נאָך האָט זי אָנגעשאָטן אַ פֿאַרטעך מיט קרישקעס, אויסגעמישט מיט אַ ביסל גערשטן, אַרויסגעטראָגן אויפן פּאָדווער און געגעבן די עופות צום עסן. צוריקקומענדיק איז זי אַרונטערגעגאַנגען אין קעלער, האָט אָנגעשאָטן אַ פֿאַרטעך קאַרטאָפּל און זיך אַוועקגעשטעלט שיילן.

אין הייסע זומער־טעג, ווען די קינדער זענען באַפאַלן געוואָרן אין שלאָף פון די פליגן און פון גרויס דושנעקייט האָבן זיי נישט געהאַט מיט וואָס צו אָטעמען, האָט שרה־העניע מיטן פֿאַרטעך אָפּגעטריבן די פליגן פון די קינדער און אויף זיי געפאָכעט אַ ביסל לופט. שבת אין דער פרי, ווען די מאַנסלייט האָבן נאָך איינגעלייגט די טליתים נאָכן דאַווענען און זיך געגרייט אַהיימגיין קידוש־מאַכן, האָט שרה־העניע אויף גיך זיך אַרויסגעכאַפּט פון בית־מדרש, אַהיימגעלאָפן, אָנגעטאָן איין פֿאַרטעך אויפן צווייטן, האָט אַרומ־געקרייזט דעם הויף און צונויפגענומען ביי די שכנים אין פֿאַרטעך חלה און ברויט פֿאַר אָרעמע. שפּעטער, האָט זי אונטערן פֿאַרטעך געבראַכט דעם טשאָלנט פון ליבע דער בעקערין. סוכות־טעג האָט שרה־העניע איבערגע־דעקט מיטן פֿאַרטעך דאָס עסן און עס אַריינגעטראָגן אין סוכה אַריין: די

געפילטע פיש, די יויך מיט לאָקשן און צוקער־באָבעס, דאָס פלייש, דעם צימעס און די געטרוקנטע באַרנעס איינגעקאָכט, צוזאַמען מיט געטרוקנטע פלוימען. נאָכן עסן, נאָכן בענטשן שוין און נאָכן אַרונטערנעמען די קרישקעס פון טישטעך, האָט זיך שרה־העניע אָװעקגעזעצט אויף אַ טאַבורעטקע אין קיך זיך אָפרוען, האָט אַרונטערגענומען די הענט אונטערן פאַרטעך און איז אַזוי אַנטדרימלט געוואָרן.

חס וחלילה איז עמעצער פון די קינדער, אָדער דער מאַן פאַרשלאָפט געוואָרן, איז דאָס ערשטע סגולה־מיטל ביי שרה־העניען — איידער מען האָט נאָך גערופן דעם קליינעם יאַנקעלע דעם פעלדשער — געווען, אַרויפצו־לייגן דעם פאַרטעך אויפן קאָפ און האַלטן אַ פּאָר סעקונדן. עס האָט באַ־דאַרפט העלפן.

אויף אַ שמחה האָט שרה־העניע אָנגענומען אַ פאַרטעך מיט קיכלעך און לעקאַך און געטיילט צום טיש. נאָכהער האָט זי געגעבן די קינדער אויך צו שטיקלעך לעקאַך מיט נאַשוואַרג.

דאָס פאַרטעך האָט שרה־העניע גענוצט אויף איבערצוקלייבן אַרבעס, אויף אָפצופליקן עופות נאָך דער שחיטה און אויף אַריינצושיטן די גע־טרוקנטע פאַרפל פון בלעך אין פאַרטעך אַריין.

דאָס פאַרטעך איז ביי שרה־העניען געווען דאָס הויפּט מלבוש. אין דער וואָכן האָט זי געטראָגן אַ ברייט גרוי פאַרטעך, געמאַכט פון לייוונט אָדער פון באַרכן, מיט צוויי אַרויפגענייטע קעשענעס אין די זייטן. שבת אין שול אַריין האָט זי געטראָגן אַן אַלפּאַגן פאַרטעך פון אַ גלאַנציקן קאָליר, אָן קע־שענעס, אום שבת טאָר מען דאָך נישט טראָגן, הײנט צו וואָס דאַרף מען קעשענעס. ראש־השנה, יום־כיפּור, צו שופר־בלאָזן, צו תשליך און אויף אַ גאַנצן טאָג אין שול, האָט זי געטראָגן אַ ווייס־געשפּיצט פאַרטעכל, פון האַלב־זייד געמאַכט, ווי אַלבאַסטער קלאָר און ווי שניי־ווייס.

איז הערש־מעכל אין כעס געוואָרן אויף די קינדער, ווייל זיי האָבן אים פון שלאָף אויפגעוועקט, אָדער אַזוי גיך נישט געבראַכט פון לאה־קלמנס אַ קאַרפּינקע מיט קאַלטן סאָדע־וואַסער, וואָס ער האָט ליב געהאַט צו פאַר־מישן מיט אַ ביסל קאַרשן־סאַק און טרינקען נאָכן שלאָף, אָדער די בנים האָבן פריײטיק־פאַרנאַכט נישט מעביר־סדרה־געווען כדבעי און ער האָט זיי געוואָלט אויף זיין שטייגער פון אַ כעסן מכבד זיין מיט אַ מתנת־יד, אָדער מיט

אַ פּזר אין די אויערן, אָדער מיט אַ מרכאַ טפּחאַ איבערן ווייכן פלייש, — זענען די קינדער, קליין און גרעסער צוגעלאָפן צו דער מאַמען און זי האָט זיי פּאַרדעקט מיט איר פאַרטעך. ווי גיך נאָר שרה־העניע האָט די קינדער אַרונטערגענומען אונטער איר פאַרטעך, האָט שוין הערש־מעכל נישט גע־וואַגט זיך צוצורירן. אָנהייבן מיט שרה־העניע האָט ער נישט געוואָלט. עפּעס האָט ער ווי דרך־ארץ געהאַט און זיך אַליין געבויגן פאַרן פאַרטעך, ווי ס׳פאַרטעך וואָלט געווען פון אַזאַ מין הייליקייט, צו וואָס סתם אַזוי זיך, נישט מיר נישט דיר און הערצו צוליב שלאָגן קינדער, טאָר מען זיך נישט צורירן.

הערש־מעכל האָט קיינמאָל נישט פאַרפירט קיין שמועס מיט שרה־העניען וועגן אינטימע ענינים. כל־זמן זי איז געווען אָנגעטאָן אין פאַרטעך. אין פאַרטעך איז שרה־העניע ביי אים געווען די עקרת־הבית און די אם־הבנים. ערשט שפּעטער, ווען זי האָט אויסגעטאָן דאָס פאַרטעך, איז זי געוואָרן דאָס ווייב...

אַ גאַנצן טאָג אין קראָם איז שרה־העניע געשטאַנען אין פאַרטעך, האָט געוויגן די הערינג, האָט אָנגעגאָסן בוימל, דזשעגעכץ און לאַק, גע־מאָסטן אויפן קוואַרטירל נאַפט, האָט פאַרקויפט ליכט און שוועבעלעך, מעל און צימרינג, קאַשע און שוועמלעך, האָט געקויפט אויפן מאַרק תבואה, פּע־לעכלעך און לעבעדיקע עופות און אַלץ האָט זי געטון אין פאַרטעך. די גאַנצע סוחרטע איז געווען שרה־העניע, הערש־מעכל האָט נאָר געפירט די חשבונות און געצאָלט אָדער גענומען געלט. דעם מקח, סיי ביים קויפן און סיי ביים פאַרקויפן, האָט באַשטימט שרה־העניע. הערש־מעכל האָט געצאָלט שכר־לימוד, אָבער מאַכן קינדער־מלבושים, גיין צום שניט־קרעמער און צום שניידער, צום שוסטער און היטל־מאַכער, איז געווען די עבודה פון שרה־העניע. וועגן אַ שידוך איז מען געקומען צו שרה־העניע. ערב אַ פּריזיוו, ווען מען האָט באַדאַרפט האַנדלען מיטן וואַיענעם נאַטשאַלניק אָדער מיטן פּאָוויאַטאָוון דאָקטער, האָט עס געטון שרה־העניע. ווען איר שנור איז גע־גאַנגען צו קינד און האָט מיט קולות געשריִען פון ווייטיק, איז זיז שרה־העניע געשטאַנען צוקאָפּנס, האָט געפּאָכעט מיטן פאַרטעך און געזאָגט, אַז צו אירע ווייען, ווען זי איז געגאַנגען צו קינד, קומט עס נישט. זי האָט געהאַט גרע־סערע ווייטיקן און ווייניקער געשריִען. האָט אַן אייניקל געמאָזלט, אָדער

חלילה געפּאַקט, האָט דער קליינער יאַנקעלע דער פעלדשער, גאָרנישט גע־טון אָן שרה־העניען; אַפילו בובלעווסקי, דער אַפּטייקער, האָט שוין געוווסט, אַז אַ רעצעפּט פאַרשרייבט טאַקע פאַר שרה־העניעס הויז־געזינד דער קליי־נער יאַנקעלע, אָבער צי מען זאָל אים מאַכן, באַדאַרף שרה־העניע זאָגן.

אַ צאַרטע פרוי איז געווען שרה־העניע, הויך און שלאַנק, מיט אַ לענג־לעך מאַט פּנים, אַ הויט ווי פון מאַרמאָר, קיין שפּרענקעלע נישט צו מערקן. דער נאָז אַביסל פאַרשפּיצט, האָט אָבער צוגעגעבן חן. אויגן בלויע און טיפע, וואָס האָבן געפינקלט ווי בליץ־לאָמפּן, דער שטערן אָן אַ פעלדעלע, אַ שמאָל העלדזל, קליינע אויערן מיט צוגעוואַקסענע לעפּלעך; די אייגענע האָר, ווי סאַמעט שוואַרץ; דאָס שייטל מיט אַ שרינט אין מיטן האָט דריי־פּערטל פאַרדעקט די אויערן און דעם שטערן. דאָס פאַרטעך האָט פאַרדעקט דעם האַלבן גוף.

נאָך אַ גאַנצן טאָג אָפּשטיין אין קראָם, איידער שרה־העניע האָט נאָך באַוויזן מיט איר הויז־געזינד אָפּצועסן די וועטשערע, זענען שוין צו איר געקומען ווייבער, שכנים פון הויף, אָדער גאָר פון ווייטע גאַסן און פאַר איר אויסגעגאָסן זייערע שווערע הערצער: ביי איינער האָט דער מאַן פאַרבלאָנ־דזשעט... און דערביי אַוועקגעגעבן אַ טייל פון זיין ליבשאַפט... ביי אַ צוויי־טער איז נישט געווען פאַר וואָס שבת צו מאַכן און ביי אַ דריטער האָט געפעלט צום אויסשטייער אויף חתונה צו מאַכן די טאָכטער. אַלעמען האָט שרה־העניע געדינט מיט ראַט און טאַט און אַלעמעס קלאַפּאַט האָט זי לייכ־טער געמאַכט. עס איז שוין געוואָרן. שרה־העניע האָט שוין געהאַט אירע דרכים ווי אַזוי אַלעמען צופרידנצושטעלן און אַלעמען אין אַ נויט צו העלפן. היינט אויף אַ שמחה, איז שרה־העניע געווען די ערשטע זיך צו פרייען. יענעמס גליק האָט איר געוואָרעמט און געגעבן חיות צום לעבן. הערש־מעכל האָט שוין געוווסט, אַז ווי אַ חתונה, אַ תנאים, אַ מזל־טוב, אַ שלום־זכר, אָדער חלילה, אל תפתח פה לשטן, עפּעס אַ שטיקל צרה, האָט עס געמעגט זיין אין דער צענטער גאַס, איז שרה־העניע געווען פון די ערשטע צו קומען און פון די לעצטע אַוועקצוגיין. הערש־מעכל אַליין האָט זיך אַרומ־געדרייט אין הויז אַן אומעטיקער. נישט אויף אַלע שמחות איז ער מיט איר געגאַנגען, נישט אומעטום איז אָנגעשטאַנען צו גיין, נישט אַלע זענען געווען זיינס גלייכן. אָן שרה־העניען האָט זיך הערש־מעכל געפילט עפּעס נישט ווי

אין דער היים. ער האָט ליב געהאַט צו זען אין שטוב שרה־העניען, זיך אַרומ־דרייען מיטן פאַרטעך, די שטוב האָט אויסגעזען אַנדערש, אַז שרה־העניע איז געווען. אויפן טיש אין עס־צימער איז געשטאַנען דער סאַמאָוואַר, מען איז געזעסן מיט די קינדער ביים טיש און געטרונקען הייסע טיי מיט וואַרעניע און שרה־העניע פלעגט אים העלפן אַריינשטאָפּן טיטון אין די הילזן. אַמאָל איז אַריינגעקומען אַ סוחר זיך אויסרעכענען, אַ שכן אַביסל זיצן און רעדן וועגן אַלץ אין דער וועלט. איז אָבער שרה־העניע נישט געווען אין שטוב, האָט זיך דער אומעט געפילט אין יעדן ווינקל.

הערש־מעכל האָט חלילה שרה־העניען קיינמאָל נישט אויסגערעדט, הלמאי זי גייט אַוועק פון שטוב. ער האָט געוווסט, אַז סתם גיין איבער בריקלעך, איז נישט אין שרה־העניעס טבע. זי איז צופיל אַ בעלת־תכלית, אַז זי זאָל סתם פּטרן צייט אויף גאָרנישט. מסתמא, אַז זי גייט ערגעץ, איז דאָס נייטיק. ער האָט זיך תמיד פאַרלאָזט אויף איר שכל־הישר, סיי אין אייגענע ענינים, אין שטוב־זאַכן, מסחר־זאַכן און אויך אין ענינים, מיט וועלכע זי האָט זיך מטפל געווען. ער האָט איר דעריבער קיינמאָל נישט איבערגעפרעגט וועגן וואָס זי איז אין ערגעץ געגאַנגען. ער האָט אויך קיינמאָל נישט געקוקט, וואָס שרה־העניע טראָגט אַרויס פון שטוב אונטערן פאַרטעך. פון אירע מתנות בסתר האָט ער נישט געוואָלט וויסן און נישט אַריינגעקלערט אין דעם. אדרבא, פלעגט ער זיך טראַכטן, זאָל זי טון וואָס מער און געבן וואָס מער. אַלץ וואָס זי גיט איז דאָך פון שותפות. וועט די מצווה אין הימל אויך פאַררעכנט ווערן אַלס אַ שותפות. און טאָמער וועט דער חשבון גיין בלויז אויף שרה־העניען, איז ער צו דעם מרוצה, עס איז דאָך זיין ווייב, די מאַמע פון זיינע קינדער און די גאַנצע עקרת־הבית.

שרה־העניע איז געווען אַ שם־דבר. אין מאַנישעס הויף און אין די גאַסן אַרום האָבן מענטשן גערעדט און דערציילט פון אירע גרויסע אויפטוען. מענטשלעכע פרייד און, חלילה, מענטשלעכע זאָרגן, האָבן דערגרייכט איר האַרץ.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין ארגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו — מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן־וויערניק — טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אויספאַרקויפט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאַלאָוויטש — טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אויספאַרקויפט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אויספאַרקויפט)
12) ישראל אפרת — היימלאָזע ייִדן (אויספאַרקויפט)
13) ד״ר יעקב שאַצקי — אין שאָטן פון עבר (אויספאַרקויפט)
14) דוד פלינקער — אַ הויז אויף גזשיבאָוו (אויספאַרקויפט)
15) ד״ר הלל זיידמאַן — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ (אויספאַרקויפט)
16) זאַמלונג פון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אויספאַרקויפט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (אויספאַרקויפט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גייען!... (אויספאַרקויפט)
19) פרידע זרובבל — נע ונד (אויספאַרקויפט)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט (אויספאַרקויפט)
22) ז. סעגאַלאָוויטש — געברענטע טריט (אויספאַרקויפט)
23) אברהם טייטלבוים — וואַרשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן — צווישן שרעק און האָפענונג (אויספאַרקויפט)
26) לעאָ פינקלשטיין — מגילת פּוילן (אויספאַרקויפט)
27) יאָנאַס טורקאָוו — אַזוי איז עס געווען... (חורבן וואַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקב פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) שמחה פאַליאַקיעוויטש — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) מרדכי שטריגלער — אין די פאַבריקן פון טויט (אויספאַרקויפט)
33) אברהם נחתומי — אין שאָטן פון דורות
34) יחיאל לערער — מיין היים (אויספאַרקויפט)
35) יוסף וואָלף — לייענענדיק פּרצן...
36) צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו — יצחק קאַצענעלסאָן
37) י. הירשהויט — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) נחום סאָקאָלאָוו — פּערזענלעכקייטן
39) רחל קאָרן — היים און היימלאָזיקייט (לידער)
40) א. אלמי — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) מנשה אונגער — פשיסכע און קאָצק (אויספאַרקויפט)
42) מ. בורשטין — איבער די חורבות פון פלוינע
43) מ. קיפּניס — הונדערט פאָלקס־לידער (אויספאַרקויפט)
44) ז. סעגאַלאָוויטש — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (אויספאַרקויפט)
45) ד״ר ה. שאָשקעס — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (אויספאַרקויפט)
46) שלמה וואַגאַ — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) אברהם זאַק — יאָרן אין וואַנדער (לידער)
48־49) ש. איזבאַן — פאַמיליע קאַרפ (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאַנד, מעקסיקע 1950)
50) ד״ר א. מוקדוני — מיינע באַגעגענישן (זכרונות)
51) ר. שושנה־קאַהאַן — אין פייער און פלאַמען (אויספאַרקויפט)
52) י. י. טרונק — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) יאָנאַס טורקאָוו — אין קאַמף פאַרן לעבן (אויספאַרקויפט)
54) יצחק פּערלאָוו — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947" (ראָמאַן)
55) פּנחס ביזבערג — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) שלום אַש — פּעטערבורג — וואַרשע — מאָסקווע
59) ד״ר פיליפּ פרידמאַן — אָשוויענטשים
60) ב. ראָזען — טלאָמאַצקע 13
61־62) דוד פלינקער — אין שטורעם (ראָמאַן)
63) יאַנוש קאָרטשאַק — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64־65) מרדכי שטריגלער — „ווערק צע" (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאַנד ביים
יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1951)
66) חיים גראַדע — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) רבקה קוויאַטקאָווסקאַ — פון לאַגער אין לאַגער
68) יואל מאַסטבוים — מיינע שטורמישע יאָר. (זכרונות)
69) אליהו טראַצקי — גלות דייטשלאַנד
70) ד״ר י. שאַצקי — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (אויספאַרקויפט)
71) נחמן מייזיל — געווען אַמאָל אַ לעבן... (אויספאַרקויפט)
72) י. י. טרונק — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־פאַנד, מעקסיקע, 1951)

73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופּערנע הימלען (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאָנד אין סאַן־פּאַולאָ, בראַזיל, 1951)

74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד

75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מיין לעבן

76) **יהושע פערלע** — ייִדן פון אַ גאַנץ יאָר
(פרעמירט מיט דער פרץ־פרעמיע פון יידישן פען־קלוב אין פוילן
און ליטעראַטור־פרעמיע פון „בונד" אין פוילן, וואַרשע, 1937

77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן

78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע

79) **ז. סעגאַלאָוויטש** — דער לעצטער לאָדזשער ראָמאַן

80) **יזכור־בוך** — בעלכאַטאָוו (אויספאַרקויפט)

81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף אַ פולער וואָך

82—83) **יצחק פערלאָוו** — דער צוריקגעקומענער (ראָמאַן)

84) **יוסף אָקרוטני** — דאָס בוך פון די עלנטע

85—86) **מרדכי שטריגלער** — גורלות (אויספאַרקויפט)

87) **ד״ר יוסף טענענבוים** — גאַליציע — מיין אַלטע היים

88) **זלמן שזר** — שטערן פאַרטאָג (זכרונות)

89) **משה דוד גיסער** — דאָס געזאַנג פון אַ לעבן (אויספאַרקויפט)

90) **ז. י. אנכי** — ר׳ אבא און אַנדערע כתבים

91—92) **עמנואל רינגעלבלום** — קאַפּיטלען געשיכטע

93) **שמעון האָראָנטשיק** — אין געוויש פון מאַשינען (ראָמאַן)

94) **גרשם באַדער** — מיינע זכרונות (קראָקע)

95—96) **יאָנאַס טורקאָוו** — פאַרלאָשענע שטערן (אויספאַרקויפט)
(פרעמירט דורכן צבי קעסעל ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1954).

97—98) **אַלטער קאַציזנע** — שטאַרקע און שוואַכע (ראָמאַן)

99) **פועה ראַקאָווסקי** — זכרונות פון אַ ייִדישער רעוואָלוציאָנערין

100) **מאַרק טורקאָוו** — די לעצטע פון אַ גרויסן דור (אויספאַרקויפט)

101) **י. הירשהויט** — ייִדישע נאַפט־מאַגנאַטן
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאַליאַר־ליטעראַטור־פאָנד, ביי „די אידישע
צייטונג", בוענאָס־איירעס, 1955).

102) **משה זאָנשיין** — ייִדיש וואַרשע

103) **פ. מינץ** (אַלעקסאַנדער) — די געשיכטע פון אַ פאַלשער אילוזיע

104) **י. י. טרונק** — די וועלט איז פול מיט נסים (ראָמאַן)

105־106־107) **מיכאל באָרוויטש** — אַרישע פאַפּירן
(פרעמירט דורכן ניימאַן־פאָנד, פאַריז, 1958).

108—109) **מרדכי שטריגלער** — געאָרעמט מיטן ווינט (ראָמאַן)

110—111) **ד״ר א. מוקדוני** — וואַרשע און לאָדזש
(פרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד, ניו־יאָרק, 1956).

112) **ברוך האַגער** — מלכות חסידות
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאַליאַר־ליטעראַטור־פאָנד, בוענאָס־איירעס, 1956).

113) **ב. שעפנער** — נאָוואָליפּיע 7 (אויספאַרקויפט)

114) **פנחס שטיינוואַקס — ייִדן צום געדענקען**

115) ק. צעטניק — דאָס הויז פון ליאַלקעס **(אויספאַרקויפט)**

116) **מאַקס ווײַנרײַך** — פון בײדע זײַטן פּלויט

117) **אליעזר וויזל** — און די וועלט האָט געשוויגן

118) **ש. בערלינסקי** — ירושה

(פרעמירט דורכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1957)

119) **ד״ר יוסף טענענבוים** — צווישן מלחמה און שלום

120) **יוסף אָקרוטני** — סוף קאַפּיטל

121) **זיגמונט טורקאָוו** — טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער **צייט**

122) **בער י. ראָזען** — פּאַרטרעטן

123) **אברהם טענענבוים־ארזי** — לאָדזש און אירע ייִדן

124—125) **משה קאַגאַנאָוויטש** — די מלחמה פון יידישע **פּאַרטיזאַנער** אין מזרח־אייראָפּע

126—127) **אברהם זאַק** — קנעכט זענען מיר געווען

(פּרעמירט דורך דער באַריס סוראַוויטש־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1957)

128) **יעקב גלאַטשטיין** — ווען יאָש איז געפאָרן

129—130) **דוד פלינקער** — נייע צייטן (**ראָמאַן**)

(פּרעמירט דורך דער מרדכי סטאַליאַר־פּרעמיע, בוענאָס־איירעס, 1958)

131) **משה יודל שעליובסקי** — אין דער וועלט אַרײַן

(פּרעמירט דורך דער האָפּער־לייב־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1958)

132) **ד״ר יצחק שוואַרבאַרט** — צווישן ביידע וועלט־מלחמות

133) **לעאָן לענעמאַן** — דער חשבון בלייבט אָפן

134) **שלמה פראַנק** — טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ

135) **מ. באַקאַלטשוק** — זכרונות פון אַ יידישן פּאַרטיזאַן

136) **פנחס וועלנער** — אין יענע טעג

137) **אלימלך ראַק** — זכרונות פון אַ יידישן **האַנטווערקער**־טוער

138) **הירש אַבראַמאָוויטש** — פאַרשווונדענע געשטאַלטן

139) **ב. טערקעל** — זכרונות פון דער מלחמה־צייט

140) **י. ל. וואלמאַן** — פּוילישע ייִדן (**ראָמאַן**)

141—142) **נ. שמן** — דאָס געזאַנג פון חסידות

143—144) **צבי כהן** — שטורמישע דורות (**ראָמאַן**)

145) **יאָנאַס טורקאָוו** — נאָך דער באַפרייאונג

146) **העלענאַ שערעשעווסקאַ** — צווישן צלם און מזוזה

147) **פנחס שטיינוואַקס** — יידישע מאַמעס צום געדענקען

עס גרייט זיך צום דרוק

שלמה פריזאַמענט — בראָדער זינגער

ראובן בן־שם — פּוילן ברענט...

יצחק טורקאָוו־גרודבערג — פּנימער און מאַסקעס

שלמה ברײנסקי — זשעליכאָווער מענטשן

דוד דאַווידאָוויטש — קונסט־געשיכטע פון שולן אין **פּוילן**

זיגמונט טורקאָוו — די איבערגעריסענע תקופה

COLECCION
"EL JUDAISMO POLACO"
DIRECTOR:
MARC TURKOW
DIRECCION ADMINISTRATIVA:
ABRAHAM MITELBERG
Volumen 147

IMPRESO EN LA ARGENTINA — PRINTED IN ARGENTINA

Hecho el depósito que marca la ley

Copyright by:
P. SZTAJNWAKS
New-York

The publication of this volume was made possible by a grant from the Cultural Fund of the Conference on Jewis Material claims against Germany.

Este libro se terminó de imprimir el día 24 de setiembre de 1959, en los Talleres Gráficos ZLOTOPIORO HNOS., calle San Luis 3149, Bs. Aires.

P. SZTAJNWAKS

MADRES JUDIAS PARA EL RECUERDO

★

Editado por la
UNION CENTRAL ISRAELITA POLACA EN LA ARGENTINA
Buenos Aires, 1959